STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01760

YIDISHE YISHUVIM IN LATEYN-AMERIKE

Jacob Shatzky

*Permanent preservation of this book was made possible
by Minnie R. Plotkin
in memory of
her sister, Lillian I. Cohen*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יעקב שאַצקי

יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע

ד״ר יעקב שאַצקי

יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע

*

אַרויסגעגעבן פון
אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט
בוענאָס־איירעס
1952 — תשי״ב

Ediciones del
AMERICAN JEWISH COMMITTEE
Libertad 773 Buenos Aires
1 9 5 2

Dr. JACOB SHATZKY

COMUNIDADES JUDIAS EN LATINOAMERICA

Queda hecho el depósito que marca la Ley

IMPRESO EN ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINE

אינהאַלט:

ארײַנפיר — 9

אורוגוויי — 15

אַרגענטינע — 26

באָליוויע — 88

בראַזיל — 94

גוואַטעמאַלאַ — 118

האָנדוראַס — 123

ווענעסועלאַ — 125

טשילע — 129

מעקסיקע — 143

ניקאַראַגוואַ — 156

סאַלוואַדאָר — 157

סאַנטאָ דאָמינגאָ — 159

עקוואַדאָר — 162

פּאַנאַמאַ — 168

פּאַראַגוויי — 172

פּערו — 175

קאָסטאַ ריקאַ — 181

קובאַ — 184

קאָלאָמביע — 195

אַרייַנפיר

מיר גיבן איבער דעם לייענער־עולם אָט־די אַרבעט וועגן די כמעט צוויי צענדליק גרעסערע און קלענערע יידישע ישובים אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, אין דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן דערמיט אָפּגעטון אַ נוצלעכע און וויכטיקע אַרבעט, וועלכע קען באַצייכנט ווערן אַלס פּיאָנערישע אין די געגעבענע באַדינגונגען. בדרך־כלל איז וועגן די דערמאָנטע ישובים גאַנץ ווייניק געשריבן געוואָרן און דאָס וואָס עס איז יאָ געשריבן געוואָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, אָדער נאָך פריער, וועגן איינצלנע אָדער גרופּן פון אָט־די ישובים, איז לכתחילה געווען אין אַ געוויסער מאָס פאַלש (וועגן אַרגענטינער יידן, למשל, זענען אין משך פון יאָרן פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער יידישער וועלט גאַנץ פאַלשע באַגריפן און אינפאָרמאַציעס), אָדער עס איז שוין היינט צו טאָג היפּש פאַרעלטערט, ווייל דאָס לעבן פון אָט־די יונגע ישובים געפינט זיך שוין צוליב זייער נאַטור אין אַ פליסנדיקן צושטאַנד און אַ דאַנק די לעצטנס פאָרגעקומענע גרויסע וועלט־געשעענישן, זענען אין דעם זעלבן פאָרגעקומען נאָך גרעסערע און שנעלערע ענדערונגען. די פּרעזענטירטע אַרבעט האָט נאָך אַ מעלה — זי באַזירט זיך אויף אַ ספּעציעלער אַנקעטע, וואָס איז געמאַכט

געוואָרן צווישן וויכטיקע אינסטיטוציעס און פּערזענלעכ־קייטן פון די פאַרשידענע לענדער, און דעריבער דאַרף אָנגענומען ווערן, אַז זי איז לויט מעגלעכקייט אַמנאָענטסטן צו דער ווירקלעכקייט.

מיט אַ צען אָדער פופצן יאָר צוריק, האָבן די יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע, אַפילו די פון אַרגענטינע און בראַזיל וואָס זענען די גרעסטע צווישן זיי, נישט געשפּילט כמעט קיין שום ראָלע אין דער יידישער וועלט און דעריבער האָט מען זיך מיט זיי גאַנץ ווייניק אָדער גאָרנישט אינטערעסירט. בלויז ציוניסטישע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס זענען אויפגעקומען אין אַ טייל פון אָט־די ישובים, אין מאַנכע כמעט באַלד נאָך דער גרינדונג פונעם פּאָליטישן ציוניזם און אין אַנדערע שפּעטער, אָבער זייער פאַרבינדונג מיט דער וועלט־צענטראַלע פון דער באַוועגונג איז אין משך פון דער גאַנצער צייט געווען גאָר אַ שוואַכע. מיט אַנדערע אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס איז מען נאָך ווייניקער פאַרבונדן געווען. דאָס איז זיכער נישט געווען אין אָרדענונג, ווייל אָט־די יונגע און שוואַכע ישובים זענען אַזוי־אַרום איבערגעלאָזט געוואָרן אַליין מיט זייער גורל, אָבער אַזוי איז עס פאַקט געווען און נישט אַנדערש און קיין טובה איז פון דעם וואַרשיינלעך פאַר קיינעם נישט אַרויסגעקומען.

ערשט אין די לעצטע יאָרן, מ׳קען זאָגן זינט עס איז פאַרענדיקט געוואָרן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָבן די 620.000 ביז 650.000 יידן פון לאַטיין־אַמעריקע אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גאַנץ אָנזעעוודיקע ראָלע אין די ענינים פון דער יידישער וועלט. עס זענען פאַראַנען פאַרשידענע סיבות פאַר דעם, אַ טייל פון וועלכע ליגן אין אָט־די ישובים גופא און אַנדערע זענען פאַרבונדן מיט דער נייער לאַגע וואָס האָט זיך לעצטנס געשאַפן פאַר די יידן אין דער וועלט. אין די

לעצטע יאָרן זענען די לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישע ישובים היפּש אויסגעוואקסן נומעריש, טיילווייז צוליבן נאַטירלעכן צוווקס, אָבער הויפּטזאַכלעך צוליב דער איינוואַנדערונג (נישט קוקנדיק אויף אַלע עקזיסטירנדיקע אומעטום באַגרענעצונגען און שוועריקייטן) פון דייטשע און מזרח־אייראָפּעאישע יידישע פּליטים. אויך עקאָנאָמיש־פינאַנציעל און אָרגאַניזאַציאָנעל האָט זיך זיי לעצטנס איינגעגעבן בעסער צו באַפעסטיקן. איניקע פון זיי, די גרעסערע נאַטירלעך, האָבן אַפילו באַוויזן אויפצוהיטן אַ געוויסע קערנדיק־געזונטע פאָלקסטימלעכקייט און צו מאַכן קענטיקע אָנשטרענגונגען אויף איניקע געביטן פון דער יידישער קולטור. דאָס איז פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט זענען אינצווישן אומגעקומען דורך די בעסטיאַלישע היטלער־האָרדעס זעקס מיליאָן אייראָפּעאישע יידן, לערך אַ דריטל פון אַלע יידן אין דער וועלט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. צוליב אָט־דער שרעקלעכער און טראַגישער צאָלמעסיקער פאַרמינערונג פון יידן אין דער וועלט, זענען נאַטירלעך יידן אומעטום חשובער געוואָרן און אויך די לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישע ישובים זענען געשטיגן אין זייער באַדייטונג. זייער אחריות פאַרן אַלגעמיינעם יידישן קיום איז פיל־פיל גרעסער געוואָרן, זינט עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן די איינגעפונדעוועטע און איינגעוואָרצלטע אַלטע יידישע ישובים פון מיטל־ און מזרח־אייראָפּע. אויך דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָט פאַרגרעסערט די באַדייטונג פון די יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע און פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו זיי. די יונגע יידישע מדינה באַטראַכט אָט־די אַלע ישובים נישט נאָר אַלס וויכטיקן קוואַל פון פינאַנציעלער הילף און קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס, נאָר אויך אַלס פּאָטענציעלן רעזערוואַר פון עליה פון אשכנזישע יידן אַלס קעגנגעוויכט צו דער לעצטנס

שטאַרק אויסגעוואַקסענער עליה פון אַזיאַטישע און צפון־אַפריקאַנישע יידן. מען דערוואַרט אין ישראל פון אַט־די לענדער נישט נאָר קאַפּיטאַליסטן און טעכניקער, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקע חלוצישע יוגנט־עליה. און אַט־די דערוואַרטונגען זענען נישט קיין פּוסטע חלומות און זענען נישט גענומען סתם פון דער לופטן, נאָר זיי שטיצן זיך אויף גאַנץ דערמוטיקנדיקע ממשותדיקע אָנהייבן.

די לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישע ישובים וועלן אָבער זיין בכוח צו דערפילן די האָפענונגען וואָס מען לייגט אויף זיי אין דער יידישער וועלט און אין ישראל, אויב זיי וועלן באַוויזן צו פאַרפעסטיקן זייער אייגענעם קיום און אויב זיי וועלן קענען אויסמיידן אויפגעלייזט צו ווערן צווישן די פעלקער, מיט וועלכע זיי לעבן איצט אין שכנות. דאָס וועלן זיי בשום אופן נישט קענען באַווייזן דורכצופירן מיט די אייגענע כחות בלויז — זיי וועלן מוזן אָנקומען נאָך הילף צו זייערע ברידער אין ישראל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע און וואָס גיכער און ווירקזאַמער מען וועט זיי העלפן, וועט זיין בעסער. אַזוי ווי אַלע די ישובים, אויסער בראַזיל, לעבן אין דער ספערע פון דער שפּאַנישער שפּראַך און אין ענלעכע אַלגעמיינע באַדינגונגען, קען די הילף פאַר זיי, וואָס דאַרף זיין הויפּטזאַכלעך אַ קולטורעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע, דערלאַנגט ווערן דורך צענטראַלע כלים און אָרגאַנען, אויף אַן איינהייטלעכן און גרויסצוגיקן אופן. אַלס פאָרבאַדינג פאַר דער הצלחה פון אַזעלכע קאָנטאַקטן דאַרף געפאָדערט ווערן, אַז די העלפערס און די געהאָלפענע זאָלן זיין וואָס בעסער און גענויער באַקאַנט איינער מיטן אַנדערן. ביז הייַנט איז עס נישט אַזוי. נישט אין נאָרד־אַמעריקע און נישט אין ישראל איז מען גוט באַקאַנט מיט די לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישע ישובים און אפילו זיי אַליין

קענען נישט גרינטלעך איינער דעם אַנדערן. דער צוועק פֿון אָט־דער אַרבעט איז טאַקע צו געבן אַלע צדדים די נייטיקע אינפֿאָרמאַציע און אַזוי־אַרום צו פֿאַרשטאַרקן זייער קעגנזייטיקע דערקענטעניש און דערנענטערונג. מיר האָבן פֿאַר דעם נישט געקאַרגט קיין מי און קיין הוצאות און מיר ווילן האָפֿן, אַז עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן מיט דער אַרבעט אויסצופֿילן, אויף אַ ווירקזאַמען און נוצלעכן אופֿן, אַ בלויז אין דער בעסערער אויסוויקלונג פֿון די יידישע ענינים.

דער מחבר פֿון דער אַרבעט איז ד״ר יעקב שאַצקי, וועלכן מיר דאַרפֿן נישט ערשט דאָ אויספֿירלעך פֿאָרשטעלן, ווייל ער איז זיכער אַלעמען גוט באַקאַנט. ער איז איינער פֿון אונדזערע וויכטיקסטע און באַדייטנדיקסטע הייַנטצייטיקע היסטאָריקער, וועלכער באַשעפֿטיקט זיך גלייכצייטיק אויך מיט אַנדערע צווייגן פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט און אויסערדעם מיט פּובליציסטיק. זיינע צאָלרייכע און ווערטפֿולע ביכער האָבן אים געשאַפֿן אַ גרויסן נאָמען אין דער יידישער און אויך נישט־יידישער וועלט. ער האָט אויך פּערזענלעך באַזוכט אַ צאָל לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים. דער פֿאַקט וואָס ד״ר יעקב שאַצקי האָט די אַרבעט אָנגעשריבן און דערביי נישט געשפּאָרט קיין באַמיאונגען, גיט איר זיכער צו אַ סך וואָג און באַדייטונג און מיר האַלטן פֿאַר פּאַסיק אים דאָ אויסצודריקן אונדזער אויפֿריכטיקסטן דאַנק.

מיר רעכענען אַז אָט־די אַרבעט וועט גוט אויפֿגענומען ווערן פֿון די ברייטסטע יידישע לייענער־קרייזן, ווי זי פֿאַרדינט צוליב דעם ערנסט און דער מי, וועלכע זענען אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן.

בוענאָס־איירעס, פֿעברואַר 1952.

אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט

אורוגוויי

פון אַ קליינער גרופּע יידן סוף 19טן יאָרהונדערט איז די יידי־שע באַפעלקערונג אויסגעוואקסן צו קרוב 40.000 נפשות. אין די יאָרן 1901 — 1925 האָבן זיך אין לאַנד באַזעצט 19,555 יידן. אין די יאָרן 1926 — 1930 זענען פון מזרח־איירָאפּע געקומען 6,370 יידן. אין די שטורמישע יאָרן 1933 — 1943 האָבן אַהער אימיגרירט 7,000 יידן, על־פּי־רוב פון צענטראַל־איירָאפּעאישע לענדער.

לויט דער שאַצונג פון דער קהילה אין דער הויפּטשטאָט מאָנ־טעווידעאָ זענען אין 1949 געווען אין דער דאָזיקער שטאָט 33.000 יידן, פון זיי 27.000 אַשכנזים און 6.000 ספרדים. אויף דער פּראָ־ווינץ ווערט די צאָל יידן געשאַצט אויף 2,500. דאָס איז אין סך־הכל אַ קלענערע שאַצונג, ווי עס ווערט אין אַלגעמיין אָנגעוויזן. אין 1949 האָט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון דער רעפּובליק באַטראָפן 2.353.000 נפשות, דאָס מיינט אַז דער פּראָצענט יידן איז אַן ערך 1,7.

מיט קנאַפּע 80% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג קאָנצענטרירט אין איין שטאָט, איז פּאַקטיש דאָס גאַנצע יידישע לעבן אָפּגעשפּיגלט הויפּטזעכלעך אין דער געזעלשאַפטלעכער דיי־נאַמיק פון מאָנטעווידעאָ.

די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון יידן נעמט אַרום אַלע צווייגן פוןווירטשאַפטלעכן לעבן. אין אינדוסטריע זענען יידן קודם־כל פּראָמינענט אין פּראָדוצירן פאַרטיקע קליידער, מעבל, העמדער.

אין האַנדל האָבן זיי אײַנגעפירט דעם סיסטעם צו פאַרקויפן אויף אויסצאָלן. מיט דער צייט האָט זיך פון די דאָזיקע „קווענטעני־קעס" אויסגעפורעמט אַ קלאַס יידישע סוחרים און אויך אַ קאָאָפע־ראַטיווע („סענטראַ קאָמערסיאַל").

דאָס העלפן שטעלן אַן אימיגראַנט אויף די פיס האָבן ביי־געשטייערט לכתחילה באַשיידענע גמילת־חסדים־קאַסעס פון וועל־כע עס האָבן זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט גרויסע יידישע בענק. אין 1938 קומט אויף דער „באַנקאַ איזראַעליטאַ דעל אורוגוויי" און אין 1950 דער פּאַלעסטינע־אורוגוויי באַנק. דאָס זענען אַק־ציאָנערן געזעלשאַפטן וואָס פירן דורך אַלע באַנק־טראַנזאַקציעס. גמילת־חסדים־קאַסעס זענען אויך פאַראַן אויף דער פּראָווינץ.

פּאַראַלעל מיטן יידישן באַנק־וועזן האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ יידישע קאָאָפּעראַטיוו־באַוועגונג. אין 1929 ווערט געגרינדעט די „קאָרפּאָראַסיאָן קאָמערסיאַל" וואָס ציילט 250 מיטגלידער און פאַרמאָגט אַ ריזיקן בנין. די אַקציאָנערן געניסן נישט נאָר פון קרע־דיט, נאָר אויך פון הילף אין פאַל פון קראַנקייט אָדער טויט. אַן ענלעכע אינסטיטוציע א"נ „אַמיסטאַד" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1945 און ציילט 150 מיטגלידער.

יורידיש זענען די אורוגווייער יידן גלייך מיט אַלע בירגער פון לאַנד. קיין דיסקרימינאַציעס פאָרמולירט אין די געזעצן פון לאַנד זענען נישטאָ. ווערן אַ בירגער איז פאַר אַ יידן נישט קיין שווערער ענין. די רעגירונג גופא באַציט זיך צו יידן מיט גרויס טאָלעראַנץ. דער פאַרטרעטער פון אורוגוויי האָט געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָלע בעת דער אָפּשטימונג לטובת מדינת־ישראל.

דער יידישער ישוב פון אורוגוויי באַשטייט פון מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן, ספרדים, דייטשע און אונגאַרישע יידן. די לעצטע וואָגיק אין צאָל (2.000) זענען אָרגאַניזירט ווי אַ באַזונדערע קול־טור־רעליגיעזע גרופּע. די פאַרשיידנקייט פון די גרופּעס האָט גורם

געווען דעם אויפקום פון פארשיידענע קהילות. אזעלכע קהילות האט מאנטעווידעא — פיר: די אשכנזישע (מזרח־אייראפעאישע יידן), די ספרדישע, די דייטשע „נועוואַ קאנגרעגאסיאן איזראעליטא", און די אונגארישע. אלע זענען אויטאנאמע טיילן פון איין קערפערשאפט, וואס הייסט: „צענטראלער יידישער קאמיטעט" („קאמיטע סענטראל איזראעליטא") געשאפן אין 1940 און וואס רעפרעזענטירט דעם גאנצן ישוב כלפי חוץ און איז פון דער רע־גירונג אנערקענט ווי אזא יורידישע פארטרעטערין.*)

די געזעלשאפטלעכע דינאמיק מאניפעסטירט זיך אבער נישט נאר אין דער טעטיקייט פון די דאזיקע באזונדערע קהילות און אין זייער „דאך", ד"ה דעם צענטראלן קאמיטעט, נאר אויך אין באזונ־דערע ארגאניזאציעס מיט באשטימטע פונקציעס. די לאנדסמאנ־שאפטן האבן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך אפגעגעבן מיט העלפן זייערע לאנדסלייט אין דער אלטער היים און אויך אין דעם נייעם לאנד וווהין זיי האבן איינגעוואנדערט. זיי זענען אלע אר־גאניזירט אין דעם פארבאנד פון פוילישע יידן.

עס זענען אויך פאראן קלובן און פאראיינען וואס גיבן זיך אפ מיט סאציאלע און קולטורעלע ענינים און זענען געבויט אויף דער באזע פון שפראך. ביי די מזרח־אייראפעאישע יידן איז אבער חוץ שפראך פאראן אידעאלאגישע חילוקי־דעות וואס האבן גורם געווען דעם אויפקום פון יידיש־ריידנדיקע קלובן אויף סאציאלע יסודות. אזוי ארום האבן די יידישע קאמוניסטן זייער אייגענעם צענטער. דער „בני־ברית" פאראייניקט א טייל יידן אומאפהענגיק פון שפראך. די אונגארישע יידן, על־פי־רוב ארטאדאקסן, זענען נישט פאראינטערעסירט אין אזעלכע קלובן. שטארק אקטיוו זענען ציוניסטישע קלובן און פאראיינען. די פרויען־ארגאניזאציע „וווי־

*) איז ענטפער פון דער קהילה אויף דעם מחברס אנקעטע.

צאָ" האָט יוגנטלעכע לאָקאַלן פאַר דעם דור, וואָס שפּאַניש איז זיין רייד־שפּראַך. די מזרחי־פּרויען האָבן אויך אַ באַזונדערע אָר־גאַניזאַציע. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַנדערע ריכטונ־גען אין ציוניזם וואָס יעדע פון זיי אַרבעט באַזונדער. אין 1949 האָבן די מפאי־פּרויען זיך אָרגאַניזירט. בכלל זענען פרויען זייער טעטיק אויף אַלע פעלדער, איינגעשלאָסן צדקה. חברות וואָס גיבן זיך אָפּ נאָר מיט צדקה־אַרבעט זענען פאַראַן אַ סך. זיי זענען טראַנספּלאַנטאַציעס פון מזרח־אייראָפּעאישן רעליגיעזן שטייגער־לעבן.

די יידישע יוגנט איז שטאַרק ספּאָרט־באַוווּסטזיניק און אַפילו אויך אויף דעם געביט איז נישטאָ קיין איינהייטלעכער ספּאָרט־צענטער.

עס איז שווער צו געפינען אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט נישט קיין אָפּטיילונגען אין מאָנטעווידעאָ. נישט אַלע זענען אַק־טיוו. אַ סך זענען נישט מער ווי סימבאָלישע כוונות מיט ווייט נישט קיין שטאַרקע רעזולטאַטן. אַנדערע פון אַ מער צדקה כאַראַק־טער („האַיאַס"), אָדער פּאָפּולער־פּאָליטישן שניט („יידישער וועלט־קאָנגרעס") זענען דאָ אינטענסיוו טעטיק. בכל אופן קאָן מען זאָגן אַז דווקא די גרויסע צאָל חברות, פאַראיינען, אָפּטיילן און פעדעראַציעס זענען סימנים פון אַ שטאַרקן און באַפעסטיקטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די קהילה איז דער צענטער פון אַלע אַקטיוויטעטן. נאָר מאָנ־טעווידעאָ האָט אַן אָרגאַניזירטע קהילה. אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך זענען דאָ און דאָרטן פאַראַן רודימענטן פון אַ קהילה, אָבער די קליינע צאָל יידן דערלאָזט נישט אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, בפרט אַז מען פאָרט אַריבער ביסלעכווייז קיין מאָנ־טעווידעאָ.

די קהילה אין מאָנטעווידעאָ ציילט 6,500 מיטגלידער. פון

דעם: 3000 מזרח־אייראָפּעאישע, 1,500 — ספרדים, 1,500 — דייטשע יידן און 500 — אונגאַרישע יידן.

די קהילה איז אויך די חברה קדישא. זי פירט אויס אַלע פונקציעס אויף דעם רעליגיעזן געביט, ווי אויך אויף דעם סאָציאַלן און קולטורעלן. זי פאַרמאָגט אייגענע בנינים, ווי אַ מושב זקנים, אַ בית־יתומים און אַנדערע. זי שטיצט דעם יידישן שול־וועזן דורך אַ ספּעציעלן ועד החינוך. זי האַלט אויס אַ ראַבינאַט, וואָס קאָנטראָלירט שחיטה און דעם כשר־פליישהאַנדל. זי האַלט אויס אַ שול, אַ מקווה, אַ בקור־חולים און אַנדערע, ענלעכע אינסטיטוציעס.

די קהילה איז אַ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע. יעדער ייד וואָס איז אַלט 18 יאָר קאָן ווערן אַ מיטגליד. וואַלן ווערן דורכגעפירט אַלע צוויי יאָר. די רעגירונג מישט זיך נישט אַריין אין די ענינים פון דער קהילה און דאַרף נישט באַשטעטיקן די נייע פאַרוואַלטונג. די קהילה האָט זעקס באַצאָלטע באַאַמטע. דער בודזשעט ווערט געדעקט פון מיטגליד־אָפּצאָל, פון דער הכנסה פון דער חברה קדישא, ווי אויך פון זאַמלונגען אין די שולן. הגם נישט אַלע יידן זענען אָנגעשלאָסן אין דער קהילה, ווערן אָבער די באַשלוסן אירע אָנערקענט פון דעם גאַנצן ישוב.

יעדע באַזונדערע קהילה אָרגאַניזירט זיך אירע אינסטיטוציעס אין וועלכע זי נויטיקט זיך. נאָר דער מושב־זקנים און בית־יתומים ווערן אויסגעהאַלטן בשותפות פון אַלע פיר קהילות.

מאָנטעווידעאָ פאַרמאָגט 14 בתי־תפילה׳ס, 5 סינאַגאָגעס, 25 מניגים און איין בית־המדרש. זי האָט אויך צוויי ישיבות, דריי תלמוד תורהס, אַכצן פּריוואַטע חדרים און פינף געזעלשאַפטלעכע קינדער־גערטנער. עס זענען אויך פאַראַן צען פּריוואַטע מלמדים על־פי־רוב בר־מצווה „ספּעציאַליסטן" פאַר קינדער פון בעל־הבתישע היימען.

דער ועד־החינוך באַמיט זיך צו האַבן אַ געזעלשאַפטלעכן

קאָנטראָל איבערן שול־וועזן, הגם קיין פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן וואָס שייך פּעדאַגאָגישע פּראָגראַמען און קוואַליפיקאַציעס פאַר לערער זענען נאָך נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן.

דער עלטערער דור האָט אַ היימישן „חברת ש״ס״ און „חברה משניות״. די כלי־קודש באַשטייט פון 15 מאַן וואָס ווערן אויסגע־האַלטן פון די קהילות. מען טראַכט נישט וועגן אויסבילדן אייגענע כלי־קודש, ווייל די פּראַקטיק האָט באַוויזן אַז בדרך כלל זענען נישטאָ קיין שוועריקייטן אַראָפּצוברענגען אַזעלכע פון אויסלאַנד. כשרות היט אָפּ סך־הכל 20% יידן. די צען קצבים און די פיר כשרע רעסטאָראַנען ווערן קאָנטראָלירט פון ראַבינאַט. איינפירן כשרות אין יידישע אינסטיטוציעס האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן.

שמירת־שבת איז אַ גרויסע זעלטנקייט, צוליב עקאָנאָמישע סיבות.

בכלל איז דאָס רעליגיעזע לעבן אַזוי אָוועקגעשטעלט גע־וואָרן, אַז עס קאָן באַפרידיקן יעדע גרופּע וואָס וויל זיך אויסלעבן לויטן נוסח וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים. עס איז פאַראַן אַ סך היימישקייט אין דער צעוואָרפענער נעץ פון רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

גאָר אַנדערש זעט עס אויס ווען מען רירט זיך צו צום גייס־טיקן לעבן. מיט זייער ווינציק אייגענע אינטעלעקטועלע כוחות איז שווער צו אַנטוויקלען אַ קולטור־לעבן. אמת, עס זענען פאַראַן אַ פּאָר יידישע זשורנאַליסטן, פּונקט ווי עס זענען פאַראַן יידישע מוכרי ספרים. מען קאָן אַפילו פאַרקויפן אַ רעליגיעזן ספר. וואָס שייך וועלטלעכע ליטעראַטור ווערט זי פאַרקויפט דורך געזעל־שאַפטן און אַ פאַראיינצלטן פּריוואַטן יידישן בוכהענדלער. דער „איקוף״, אַ „פּראָגרעסיווע״ יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע פאַר־קויפט אַביסל ביכער וואָס דער צענטער אירער שיקט צו פון ניו־יאָרק.

גישט בעסער איז מיט די שפּאַניש־ריידנדיקע אָרגאַניזאַציעס.
די ציוניסטישע קלובן פאַרקויפן זייער ווייניק שפּאַנישע ביכער וועגן ייִדישע ענינים. זיי קויפן גרעסערע סכומען פון אַ פאַרלאַג און באַמיען זיך אַרויסצוווינגען זיי אויף די מיטגלידער.

אין מאָנטעווידעאָ זענען פאַראַן עטלעכע ייִדישע ביבליאָ־טעקן. דער פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן, די קהילה, דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייִוואָ) האָבן אייגענע ביבליאָטעקן. די ביבליאָטעק פון ייִוואָ, וואָס עקזיסטירט עטלעכע יאָר, האָט סך־הכל עטלעכע און זעכציק לייענער, על־פּי־רוב פון די נייע פּליטים־אימיגראַנטן.

אין דעם זעלבן צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך די אַל־געמיינע קולטור־לאַגע, געפינט זיך אויך דאָס ייִדישע שול־וועזן.

אין 1929 איז ביי די פירער פון דער געוועזענער חברה קדי־שא אויפגעקומען אַ געדאַנק צו בויען ייִדישע שולן. די ערשטע קינדער־שול איז געווען סובסידירט פון דער חברה קדישא און פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אַסאָציאַציע (ייקא). דעם זעלבן יאָר האָבן ייִדישע קאָמוניסטן געגרינדעט עטלעכע שולן. אין 1932 זע־נען שוין געווען פינף שולן. אין 1933 איז געגרינדעט געוואָרן אַ שול־ראַט א״נ „המועצה המרכזית של בית הספר העברי״, וואָס איז פיר יאָר שפּעטער רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ ועד החינוך. אין 1948 ווערט דער ועד החינוך דער בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט פון דער קהילה. יענעם יאָר האָט מאָנטעווידעאָ געהאַט 18 ייִדישע קינדער־שולן, פון דעם פיר מיט אייגענע בנינים. יעדע פון די שולן איז אונטער דער פּאַרטייאישער אָדער אידעאָלאָגישער קאָנטראָל פון דער ריכטונג, וואָס האָט זי געשאַפן. אַלע שולן זענען נאָר צו־גאָב־שולן. נאָר 5% קינדער אין שול־עלטער באַזוכן וועלכע עס איז ייִדישע וועלטלעכע שול, און נאָר איין פּראָצענט פון זיי ענדיקט זי.
אין משך פון 25 יאָר זענען געשאַפן געוואָרן 16 שולן, היינט זענען

פאַראַן שוין גאַנצע 19. אין משך פון די יאָרן האָבן אַן ערך 16%
יידישע קינדער באַקומען וועלכע עס איז יידישע דערציאונג.

דער ועד החינוך באַמיט זיך זייער שטאַרק צו פאַרבעסערן די לאַגע. דער לערער־פערסאָנאַל איז אַ קאָמפּעטענטער. די קהילה זאָרגט פאַרן פינאַנציעלן קיום פון די שולן.

די יידישע פרעסע אין מאָנטעווידעאָ האַלט אַז יידישע על־טערן האָבן נישט קיין אינטערעס אין דער יידישער שפּראַך, קול־טור און געשיכטע. זיי זענען פטור מיט צוגרייטן יינגלעך צו בר־מצווה און ווייטער גייט עס נישט. דער קאַמף קעגן פּריוואַטע לע־רער וואָס רייסן אונטער דעם פּרעסטיזש פון די יידישע שולן איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער ענין.

טיילווייז איז אויך שולדיק אין דעם קלאָגעדיקן מעמד פון די יידישע שולן דער דוחק אין די קינדער־גערטנער, וואָס סך־הכל זענען פאַראַן פינף. קינדער קומען אַריין אין די שולן אָן די מינדס־טע ידיעות אין יידיש און אין העברעאיש. דער געדאַנק צו עפע־נען אַ טאָג־שול (אינטעגראַלע שול) האָט שוין אין 1949 פאַראינ־טערעסירט די עסקנים. אין 1950 איז געעפנט געוואָרן א שיינע געביידע פון דער שלום־עליכם־שול,, וואָס האָט אַלע מעגלעכקייטן זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ טאָג־שול.

די רעליגיעזע יידן האָבן זייער אייגענעם שול־וועזן. אַזוי האָבן די אונגאַרישע יידן שולן. עס איז אויך פאַראַן אַן אָרטאָדאָק־סישע „בנות־יעקב שול“, געשטיצט פון „אגודת ישראל“. אין 1949 איז געגרינדעט געוואָרן די ישיבה „חפץ חיים“ מיט 63 תלמידים. די דייטשע יידן האָבן אַ רעליגיעזע שול מיט 105 תלמידים. די ספרדישע יידן האַלטן אויס אַ „בן־יהודה שול“ מיט 70 תלמידים.

אויף דער פּראָווינץ זענען פאַראַן שולן אין פּאַיסאַנדו (30 קינדער) און אין לאַס פּיעדראַס (צען קינדער).

סך־הכל זענען אין 1950 אין אַלע שולן פון אורוגוויי געווען

995 קינדער, בעת די צאָל קינדער אין שול־עלטער ווערט געשאַצט אויף קנאַפּע 6,000. אויב דער פּראָצענט יידישע קינדער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן איז לויט דער פעסטשטעלונג פון ועד החי־נוך גופא געווען סך־הכל 5%, קומט אויס אַז די רעליגיעזע שולן ווערן באַזוכט פון אַ גרעסערן פּראָצענט יידישע קינדער אין שול־עלטער, ווי די וועלטלעכע. אַלגעמיינע בילדונג באַקומען יידישע קינדער אין די מלוכה־שולן. אַ סך שטודירן ווייטער, על־פּי־רוב מעדיצין. צווישן די לערער פון די מלוכה־שולן, וואָס זענען בדרך כלל גוט אָוועקגעשטעלט געפינט מען 20 יידן, אַלע געבוירענע אין לאַנד.

די געזעלשאַפטלעכע מיינונג ווערט אויסגעדריקט אין דער פּרעסע. די ערשטע יידישע פּעריאָדישע שריפטן זענען אַרויס אין 1924, געדרוקט נאָך אין אַרגענטינע, ווייל אין אורוגוויי איז נאָך נישט געווען קיין יידישער שריפט.

עס גייען אַרויס צוויי טעגלעכע צייטונגען, איינע אַ כלל־ישראלדיקע, ווי אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג (געגרינדעט אין 1931), וואָס האָט אַ טיראַזש פון 2,500, און אַ צווייטע טאָג־צייטונג איז אַ קאָמוניסטישע, געגרינדעט אין 1935 מיט אַ טיראַזש פון 2,000. חוץ דעם דערשיינט אַ וואָכנבלאַט אין יידיש און אַ צווייט אין שפּאַניש. עס זענען נאָך פאַראַן אַ פּאָר אַנדערע פּעריאָדישע שריפטן, איינע אַפילו אין דריי שפּראַכן (שפּאַניש, העב־רעאיש און יידיש). דורכשניטלעך זענען די טיראַזשן פון די וואָכנ־בלעטער נישט קיין קלענערע, ווי די פון די טאָג־צייטונגען. די דייטשע יידן האָבן אויך אַ וואָכנבלאַט, געגרינדעט אין 1936 מיט אַ טיראַזש פון 2,000 עקזעמפּלאַרן.

אין מאָנטעווידעאָ איז פאַראַן אַ יוגנט וואָס לייענט די יידי־שע פּרעסע. די יידן לייענען אויך די פּרעסע פון אַרגענטינע און פון

די פאַראייניקטע שטאַטן. דער עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער פּרעסע איז ניִשט קיין געהויבענער. קיין סך מיטאַרבעטער האָט זי נישט און לעבט פון איבערדרוקן פון די אַמעריקאַנער און אַרגענטינער צייטונגען.

קיין יידיש קולטור־לעבן איז כמעט ווי נישטאָ. יידיש טעאַטער און מוזיק זענען צופעליקע געשעענישן צוליב דעם דורכפאָר פון שפּילער, לעקטאָרן און מוזיקער. צוויי יידישע ראַדיאָ־שעהן, אין יידיש און אין שפּאַניש זענען זייער פּאָפּולער ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

דער רוב פון ישוב איז ציוניסטיש. מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר קלובן זענען אַלע ציוניסטישע פאַראיינען אינטעגרירט אין דעם צענטראַלן ציוניסטישן ראַט אין אורוגוויי. עס איז אויך פאַראַן אַ פעדעראַציע פון ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, חוץ דעם רעוויזיאָניסטישן „ביתר״.

דער אינטערעס פאַר מדינת ישראל איז זייער אַ גרויסער. די יערלעכע קאַמפּאַניעס פאַר ישראל ווערן פאַרוואַנדלט אין שטאַרקע פאָלקס־מאַניפעסטאַציעס. אין 1948 איז געלונגען צו פאַראייניקן אַלע פּאַרטייען, חוץ די קאָמוניסטן, לטובת מדינת ישראל. באַזונדער שטאַרק איז געווען די אַקציע פון 1948 לטובת דער הגנה אין וועלכער עס האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט די דייטשע יידן.

בכלל זענען די מזרח־אייראָפּעאישע יידן מער אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג ווי די ספרדים.

אין 1950 האָט דער „פאַראייניקטער יידישער קאַמפּיין״ געשאַפן 300.000 דאָלאַר. דריי און אַ האַלב פּראָצענט איז אַוועקגעגעבן געוואָרן לויט אַ פריערדיקן אָפּמאַך פאַר דעם יידישן חינוך אין אורוגוויי.

אין די הכשרות ווערן צוגעגרייט גרופּעס חלוצים פון „הנוער הציוני", אָבער קיין עליה קיין מדינת ישראל איז נישטאָ.

אין פּאָליטישן לעבן פון אורוגוויי מישן זיך יידן זייער ווייניק. די לעצטע פּרעזידענט־וואַלן אין לאַנד (נאָוועמבער 1950) האָבן באַוויזן אַז נאָר עטלעכע טויזנט יידן האָבן שטים־רעכט, אָבער די פּאָליטישע פּאַרטייען וואָס האָבן פאַרלאָרן די וואַלן האָבן מיט אַ כיוון מגזם געווען די ראָלע פון די יידישע וויילער ביי די דאָזיקע וואַלן, אַז דער ענין האָט אַרויסגערופן אַליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע אין דער לאָקאַלער פּרעסע.

עס זענען פריער געווען פאַלן פון אויסקלייבן אַ יידישן דעפּוטאַט, אָבער זיין יידישקייט האָט דערביי קיין שום ראָלע נישט געשפּילט. אין 1950 האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי („פּאַרטידאָ קאָלאָראַדאָ") אַרויסגעשטעלט אַ יידן פאַר אַ קאַנדידאַט אין פּאַרלאַמענט.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען אַז אורוגווייער יידן זענען די ערן־קאָנסולן אין חיפה און אין סאַאָ־פּאַולאָ (בראַזיל).

אויף אינטערנאַציאָנאַלע אָדער לאַטיין־אַמעריקאַנישע וויסנשאַפטלעכע קאָנגרעסן פאַרטרעט פון צייט צו צייט אַ ייד די אורוגווייער וויסנשאַפט בכלל און מעדיצין בפרט.

אַרגענטינע

1. דעמאָגראַפיש בילד

די אַרגענטינער רעפּובליק איז פינף מאָל גרעסער ווי די פאַר־מלחמהדיקע דייטשלאַנד און מיט אַ באַפעלקערונג פינף מאָל קלע־נער. דאָס לאַנד האָט תמיד דערמוטיקט אימיגראַציע בכלל און פון אייגענע, נאָענטע עטנישע גרופּעס, ווי שפּאַניער און איטאַליענער בפרט. אין די יאָרן 1891 — 1930 האָבן אַהין אימיגרירט 2.800.000 מענטשן. די גרעסטע טייל איז געקומען אויף סעזאָן־אַרבעט און פאַרלאָזן דאָס לאַנד. צווישן די וואָס זענען אין לאַנד געבליבן, מעג מען אויף זיכער אַריינרעכענען די יידן וואָס זענען אין דער זעלבער תקופה אַהין געפאָרן. ספּאָראַדישע פאַלן פון יידישע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע זענען געווען כמעט דורך דעם גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט. די פראַנצויזישע, עלזאַסישע, דייטשע, ענגלישע און אפילו אַ טייל ספּרדישע יידן זענען געקומען קיין אַרגענטינע אינדיווידועל, נישט האָבנדיק בדעה באַוווסטזיניק ממשיך זיין אַ קאָלעקטיוו־יידישע עקזיסטענץ. די ערשטע סימנים פון אַ יידישן קהילה־לעבן געפינט מען אין 1862, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די „קאָנגרעגאַסיאָן איזראַעליטאַ דע בוענאָס איירעס".

די סיסטעמאַטישע יידישע אימיגראַציע הויבט זיך אָן ערשט מיטן טאָג פון 14טן אויגוסט 1889, ווען די ערשטע 132 יידישע

משפּחות זענען אָנגעקומען פון רוסלאַנד. נאָוועמבער 1889 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ייִדישער אַגריקולטור דאָרף, מאָזעסוויל. אָרגאַניזירט ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַקציע געשטיצט פון באַראָן מ אָ ר י ס ד ע ה י ר ש (1831 — 1896) איז די ייִדישע קאָלאָניזאַציע געווען אַ סינטעז פון ווייט נישט קיין קלאָרע אידעאָלאָגישע זוכענישן און אַ פּראַגמאַטישן צוגאַנג, אַרויסגעוואַקסן פון דער דעמאָלט הערשנדיקער מיינונג, אַז נאָר ערד־אַרבעט איז אַ סגולה צו ייִדישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. 1890 איז אין גאַנץ אַרגענטינע געווען 1,000 ייִדן. פינף יאָר שפּעטער איז שוין די דאָזיקע צאָל פאַרפירפאַכט געוואָרן. אין די יאָרן 1901 — 1945 האָבן 207,160 ייִדן איינגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע — קנאַפּע 25 פּראָצענט פון דער דאָזיקער איינוואַנדערונג פאַלט אויס אויף די יאָרן 1926 — 1935 (50,500). מיטן וווּקס פון היטלעריזם וואַקסט די איינוואַנדערונג פון דייטשע ייִדן. אין די יאָרן 1933—1943 זענען פון די 12,126 ייִדן, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, געווען 8,109 דייטש־רעדנדיקע.

די גרעסטע צאָל דייטשע ייִדן זענען אַריין איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, ווייל אין די יאָרן 1939—1943 זענען אַריינגעקומען סך־הכּל 1,200 דייטשע ייִדן. ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון אַן אַנטי־אימיגראַציע פּאָליטיק. דער דעקרעט פון 28סטן יולי 1938 פאָדערט פון יעדן איינעם וואָס וויל אַריינפאָרן אין אַרגענטינע אַ ספּעציעלע דערלויבעניש.

די אימיגראַציע גזירות, האָבן נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם יאושדיקן פּרוּוו פון ייִדן אָן אַ היים צו מאַכן זייער היים אין אַרגענטינע. דעם 20טן יאַנואַר 1948 האָט מען אָמנעס־

טירט זעקס טויזנט יידן, וואָס זענען אַריין אין לאַנד נישט־לעגאַל. אויף 40.000 נישט־יידן, וואָס מען האָט אַריינגעלאָזט אין אַרגענטינע אין יאָר 1947 זענען קוים 126 געווען יידן. אין 1948 זענען יידן געווען כמעט ווי נישט בנמצא צווישן די 83.000 נייע איינוואַנדערער קיין אַרגענטינע. פאַר די נייע נישט־לעגאַלע אימיגראַנטן, וואָס זענען אַריין אין לאַנד און משמעות על פי רוב יידן, האָט מען באַשטימט דעם 31טן יולי 1950 ווי אַ דעפיניטיוון טערמין פאַר לעגאַליזירן זיך. דעמאָלט האָט דער אימיגראַציע דעפּאַרטאַמענט פאַראָרדנט אַרויסגעבן אַ געוויסע צאָל וויזעס פאַר „אויסגעוואָרצלטע" יידן.

אָקטאָבער 1946 האָט פּרעזידענט פּ ע ר אָ ן פאָרמולירט די נייע אימיגראַציע־פּאָליטיק אין אַ רעדע געהאַלטן אויף אַ קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט לייגן דעם יסוד פאַר זיין ערשטן פינףיאָריקן פּלאַן. ער האָט דערקלערט, אַז נאָר „פּערזאָנען וואָס ווילן זיך אָפּגעבן מיט אַגריקולטור, פישעריי, ווי אויך אינדוסטריעלע טעכניקערס און ספּעציאַליזירטע אַרבעטער וועלן אַריינגעלאָזט ווערן אין לאַנד אַריין אין דער צאָל פון 50.000 אַ יאָר".

די דאָזיקע באַוואָרענישן האָבן גורם געווען די לאַגע וואָס האָט געבראַכט די יידישע איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע צו אַ שטילשטאַנד. דאָס ביסל וואָס קומט אַריין איז אין זכות פון קאָנטאַקטן, אָדער אַ דאַנק רייכע קרובים, וואָס זענען אַרגענטינער בירגער און קאָנען אַזעלכע קאָנטאַקטן באַקומען. דער דעמאָגראַפישער וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג איז בכן אויסגעשטעלט אויף דעם נאַטירלעכן צוווּקס, וואָס ווערט געשאַצט אויף 5.000 אַ יאָר. די ספּאָראַדיש אויסגעפּועלטע פּריווילעגיעס פאַר נייע יידישע איינוואַנדערער ווערן געשאַצט אויף 300 אַ יאָר.

נישט געקוקט אויף די זיגזאַגן אין די אימיגראַציע־מיגלעכ־

קייטן האָט די יידישע באַפעלקערונג פון אַרגענטינע דערגרייכט די צאָל פון איבער 350,000 נפשות. דער דאָזיקער גרעסטער יידי־שער ישוב אין לאַטיין־אַמעריקע רעפּרעזענטירט 60% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין יענע לענדער. 83% יידן זע־נען פון אשכנזישן אָפּשטאַם און 17% — ספרדים. פון די 3,402 וווינפּונקטן אין לאַנד געפינט מען יידן אין 838. איבער 50% זע־נען אַרגענטינער געבוירענע (178,000) און 24,500 — נאַטוראַ־ליזירטע בירגער. סך־הכל זענען 57% אַרגענטינער יידן, בירגער פון לאַנד. אין די דריי גרעסטע פּראָווינצן ווו יידן וווינען איז דער פּראָצענט יידן בירגער 75. אין קלענערע שטעט איז דער פּראָצענט יידן, אַרגענטינער געבוירענע לפי ערך אַ הויכער.

עס איז פאַראַן אַ שטאַרק פאַרשפּרייטע מיינונג אַז די צאָל אַרגענטינער געבוירענע יידן איז אויף גאַנצע 20% גרעסער, ווי עס ווערט סטאַטיסטיש אָנגעגעבן. די סיבה שטעקט אין דער אָפּגע־לאָזנקייט פון דעם ערשטן דור יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן נישט רעגיסטרירט די ניי־געבוירענע קינדער. די צאָל נאַטוראַלי־זירטע יידן איז קליין מחמת דעם וואָס יידישע אימיגראַנטן האָבן נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך צו נאַטוראַליזירן, בעת דער גאַנצער ענין איז געווען אַ לייכטער. ערשט אַז מען האָט אָנגעהויבן מאַכן שוועריקייטן, בפרט פאַר די אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה אויף נאַטוראַליזאַציע־פּאַפּירן.

צווישן די ספרדישע יידן, וואָס האָבן אגב איינגעוואַנדערט פריער ווי די אַשכנזים, איז די צאָל נאַטוראַליזירטע בירגער גע־ווען פּראָפּאָרציאָנעל אַ גרעסערע, ווייל זייערע עקספּאָרט און אימ־פּאָרט־געשעפטן האָבן געפאָדערט אָפטע רייזעס.

די יידישע באַפעלקערונג פון אַרגענטינע איז איצט אין איר איבערוועגנדיקער מערהייט אַ שטאָטישער עלעמענט. ביזן יאָר

1905 איז גראָד די יידישע באַפעלקערונג אין די דערפער געווען אַ מערהייט. איצט געפינען זיך קוים 6% פון אַלע יידן אין די קאָלאָניעס. ווי אַ שטאַטישע באַפעלקערונג זענען יידן בכלל נישט קיין אויסנאַם אין אַרגענטינע. אין יאָר 1914 האָט כמעט 70% פון דער פרעמד־געבוירענער באַפעלקערונג געלעבט אין די גרעסערע שטעט פון לאַנד. אין 1946 האָט מען געשאַצט אַז אין בוענאָס־איירעס וווינען 207,000 יידן, פון זיי 166,300 אשכנזים און 40,700 ספרדים. אין 1950 האָט מען די יידישע באַפעלקערונג פון אַרגענטינער הויפּטשטאָט געשאַצט אויף 240,000 נפשות.

דער וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס איז אַ רעזולטאַט טיילווייז אויך פון מיגראַציעס פון קלענערע ישובים, ווי אויך פון די יידישע קאָלאָניעס. אַ וויכטיקע ראָלע שפּילט דערביי דאָס וועלן אויסמיידן געמישטע חתונות, וואָס אין די פּאַרוואָרפענע ישובים ווערן זיי אַן אָפטע דערשיינונג. אויך דער דראַנג צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע מערכה שפּילט נישט קיין קליינע ראָלע ווי אַ סיבה פון ווערן גרויסשטאָטיש.

גרעסערע יידישע ישובים געפינען זיך אין די צוויי פּראָווינצן סאַנטאַ־פע און ענטרע־ריאָס, די צענטערן פון די יידישע קאָלאָניעס. איןביידע פּראָווינצן ווערט די יידישע באַפעלקערונג געשאַצט אויף 25,000 אין יעדער איינעם פון זיי. די קלענסטע יידישע באַפעלקערונג געפינט זיך אין דער פּראָווינץ כוכוי (250 נפשות). בכלל איז אין אַרגענטינע פאַראַן אַ טענדענץ צו פאַרלאָזן די גאָר קליינע וווין־ערטער און זיך באַזעצן אין דעם נאָענטסטן גרעסערן יידישן ישוב, בכדי מיט דער צייט פון דאָרטן אַריבער קיין בוענאָס־איירעס. על כל פנים קאָן מען פעסטשטעלן, אַז אין בוענאָס־איירעס געפינט מען „לאַנדסלייט" פון כמעט אַלע פּונקטן פון לאַנד וווּ עס וווינען יידן.

2. די עקאָנאָמישע טעטיקייט

עס איז שווער צו געפינען אַ ווירטשאַפטלעכן געביט אויף וועלכן די יידן זענען נישט טעטיק. אין אַ סך געביטן זענען יידן געוואָרן פּיאָנערן. מיט דער צייט האָבן זיי זיך פון אייניקע פון זייי אָנגעהויבן צוריקציען, איבערגייענדיק צו אַנדערע, העכערע און גייע פאָרמען פון עקאָנאָמישער טעטיקייט. אויף דעם געביט פון פּעדלעריי (קוועניעטניקעס) זענען יידן געווען פּיאָנערן און געוואָרן ממש אַ סינאָנים פון די האַנדל־טראַנזאַקציעס אויף אויסצאָלן. אין דער ערשטער תקופה האָבן 90% פון אשכנזישן ישוב געלעבט פון פּעדלעריי. אויך אַ טייל ספרדים זענען געוואָרן פּעדלער, אָבער אויף גאָר אַן אַנדערן אופן. דער ספרדישער פּעדלער האָט פאַר־קויפט ביליקע חפצים פאַר מזומן, בעת דער אשכנזישער פּעדלער האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרקויפן אַלץ וואָס דער קונד האָט געוואָלט און תמיד אויף אויסצאָלן. דער קוועניקער־מסחר איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער ווירטשאַפטלעכער פלינקייט פון דעם עלאַסטישן מזרח־אייראָפּעאישן יידן. מיט קליינע סומעס געלט האָבן די „קוועניקעס" אויסגעבויט צוויי גרויסע „קאָאָפּעראַ־טיוון", פאַקטיש האַנדלס־געזעלשאַפטן מער לטובת די שותּפים ווי די קונים גופא. די דאָזיקע ריזיקע מאַגאַזינען סחורות אין בוע־נאָס־איירעס, ראָזאַריאָ און אַנדערע שטעט האָבן אין זכות פון דעם קרעדיט וואָס דער קוועניק האָט באַקומען ווי אַן אַקציאָנער גע־שטעלט אים אויף די פיס, פאַרבעסערט זיין עקאָנאָמישן מעמד און געשטויסן צו מער אַמביציעזע אונטערנעמונגען. דער ביאָגראַפּי־שער חנדל פון אַ סך היינט־צו־טאָג פּראָמינענטע אינדוסטריאַ־ליסטן און סוחרים באַשטייט טאַקע אין דעם אַרויסברענגען דעם פּעדלערישן עבר זייערן.

אין 1946 האָבן נאָר 13% יידישע משפחות געלעבט פון פעדלעריי (אין בוענאָס־איירעס — 17%).

בדרך כלל זענען אין עקאָנאָמישן לעבן פון אַרגענטינער יידן פאָרגעקומען טראַנספאָרמאַציעס און אַ בולטע איבערשיכטונג. אויב אויף דער פּראָווינץ איז די יידישע עקאָנאָמישע טעטיקייט מער אָדער ווייניקער סטאַטיש, איז זי אין בוענאָס־איירעס ביז גאָר דינאַמיש. דאָ קומט פאָר נישט נאָר אַן עליה וואָס שייך ענדערן די פּראָפעסיעס, ווען למשל אַ הויזירער ווערט אַ פאַבריקאַנט, נאָר אויך אַ שנוי צווישן די פאַבריקאַנטן גופא. אַ געכטיקער מעבל־פאַבריקאַנט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טעקסטיל־אינדוסטריאַליסט און אַנדערע ענלעכע טראַנספאָרמאַציעס.

לויט אַ שאַצונג פון 1941 האָבן נאָך 3,821 יידישע משפחות, ד״ה 21% פון אַלע יידישע משפחות אין אַרגענטינע געלעבט פון און אַרום ערד־אַרבעט. אין די יאָרן 1933 — 1940 האָבן זיך נאָך באַזעצט אויף לאַנד 398 משפחות, ד״ה דורכשניטלעך 50 משפחות אַ יאָר. פון זיי זענען געווען 309 דייטשע יידן און 89 מזרח־איי־ראָפּעאישע. די יידישע קאָלאָניעס זענען קאָנצענטרירט אין די פּראָ־ווינצן סאַנטאַ־פע, ענטרע־ריאָס, אין די דרומדיקע טיילן פון דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס און אויף דער טעריטאָריע לאַ פּאַמפּאַ. דעם גרעסטן פּראָצענט יידישע קאָלאָניסטן האָט די פּראָווינץ ענ־טרע־ריאָס (45%), דעם קלענסטן — סאַנטאַ־פע (17%)*). די יידי־שע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע זענען געווען די פּיאָנערן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן בויען אין יאָר 1900. די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען זענען פון אַ גרויסן פאַרנעם. אין 1946 האָט זייער צאָל אויסגעמאַכט 32. אַ דאַנק זיי האָט זיך אין די קאָלאָניעס אַנטוויקלט אַ גרויסע אַגראַר־

*) לויט די אויסרעכענונגען פון ידידיה אפרון ע״ה.

אינדוסטריע, וואָס האָט אין די יאָרן 1936 — 1945 געהאַט אַן אומ־זאַץ פון 14 מיליאָן פעזעס.

הגם די צאָל קאָלאָניסטן איז שטאַרק געפאַלן, און אין אַזאַ צענטער ווי למשל מ אָ ז ע ס ו ו י ל האָבן יידן אָפּגעטראָטן אַ גרויסן אָרט קריסטן, זענען אָבער פאַראַן אַ סך יידישע קאָלאָניסטן וואָס באַאַרבעטן נאָך דאָס לאַנד, הגם אַ גרויסער טייל גיט זיך אָפּ שוין זינט יאָרן הויפּטזעכלעך מיט האָדעווען בהמות. די קאָאָפּע־ראַטיוון שפּילן אַ גאַר גרויסע ראָלע אין לעבן פון די קאָלאָניעס. די ליידנשאַפטלעכע וואַלן וואָס קומען פאָר מיט „לינקע" און „רעכ־טע" ליסטעס באַווייזן אַז דאָס זענען שטאַרקע עקאָנאָמישע פּאָ־זיציעס, וואָס זענען נאָך אַלץ אַן אָביעקט פון פּאָליטישער סטראַ־טעגיע.

אין די שטעט, בפרט אין דער הויפּטשטאָט, זענען יידן גע־וואָרן פּיאָנערן פון אַ ריי אינדוסטריעס. אין טעקסטיל־אינדוסטריע זענען ספרדים און אשכנזים שטאַרק פאַרטראָטן ווי פאַבריקאַנטן. די אויסאַרבעטונג פון וועש, פאַרטיקע קליידער, בעטן, מאַטראַצן, דאַמען־זאַכן, בייטלען און פאַרשיידענע לעדער־זאַכן -- דאָס זענען אַלץ פּיאָנערישע פאַרדינסטן פון יידן. אויך זענען יידן פּראָמינענט אין דער מעבל־אינדוסטריע, אין האָלץ־שניצעריי, איינבינדעריי, כעמישער אינדוסטריע און אַ סך אַנדערע וואָגיקע געביטן. אין בויען הייזער און בכלל אין געבוי־אונטערנעמונגען זענען יידן חשוב ווי אַרכיטעקטן, אינזשעניערן און אונטערנעמער — אָפטמאָל אַלע דריי ווי אַ קאָמבינאַציע פון איין געשעפט. עס ווערט געשאַצט אַז אַרגענטינע פאַרמאָגט 2.450 רעגיסטרירטע יידן־פאַבריקאַנטן, על פּי רוב אין בוענאָס־איירעס און אַן ערך 13.000 סוחרים. אויף דער פּראָווינץ זענען יידן קאָנצענטרירט אין געוויסע אינדוסטריעס, וואָס דערלויבן צו עקספּלאָטירן די לאָקאַלע נאַטירלעכע פּראָדוקטן. אין מענדאָסאַ זענען יידן שטאַרק פּראָמינענט אין דער ווייַן־איב־

דוסטריע און אין פּראָדוצירן קאָנסערווירטע פּרוכטן, וואָס זיי האָבן דערהויבן צו ריזיקע אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן טויזנטער נישט־יידישע אַרבעטער.

נישט געקוקט אויף דעם וווקס פון יידן אין דעם אינדוסטריעלן לעבן פון לאַנד, איז אָבער זייער ראָלע אין האַנדל אַ סך שטאַרקער. לויט אַ שאַצונג פון 1947 זענען אין בוענאָס־איירעס 49,2% פון עקאָנאָמיש־טעטיקע יידן געווען פאַרטון אין האַנדל, 41% אין אינדוסטריע און זעלבסטשטענדיקער מלאכה און 10% אין אַנדערע פּראָפעסיעס. אין פאַרגלייך מיט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג זענען יידן אָפּטמאַל גרעסער וואָס שייך צאָל, אין האַנדל. וואָס שייך די 41% יידן טעטיק אין דער אינדוסטריע, איז שווער פעסטצושטעלן דעם פּראָצענט פון אמתע אינדוסטריעלער, מחמת אין דער דאָזיקער רובריק גייען אויך אַריין די אָנגעשטעלטע ביי די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. לכל הפּחות גייען דאָ נישט אַריין אין חשבון קיין גרויסע צאָל יידן־אַרבעטער, וואָס זייער צאָל ווערט קלענער פון יאָר צו יאָר. צום פּראָלעטאַרישן עלעמענט דאַרף מען צורעכענען יידישע דרוק־אַרבעטער, קעלנערס און אַ גרויסע צאָל באַנק־אָנגעשטעלטע, אַלע אגב אין יידישע בענק. זיי זענען פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירט און רעפּרעזענטירן אַ מין צווישנשיכט.

יידן זענען שטאַרק פאַרטראָטן אין די פרייע פּראָפעסיעס, על־פּי רוב זענען דאָס קינדער פון קאָלאָניסטן, וואָס האָבן פאַרביטן די סאָכע אויף אַ דיפּלאָם. לויט די סטאַטיסטישע ציפערן פון יאָר 1949 פאַרמאָגט אַרגענטינע 1,400 יידן — דאָקטוירים, 510 — אַדוואָקאַטן, 120 אינזשיניערן און אַן ערך 500 ספּעציאַליסטן אויפן אינדוסטריעלן געביט, ווי כעמיקער, אַרכיטעקטן. אין דער ספערע פון דער שפּאַנישער שפּראַך לעבן פון גייסטיקער אַרבעט, ווי

שרייבער, זשורנאַליסטן, איבערזעצער — 150 יידן. דאָס איז אַלץ שייך דעם אַשכנזישן ישוב.

די ספרדים זענען קודם־כל פּראָמינענט אין אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם ווי די אַשכנזים אויף דעם געביט פון טעקסטיל־אינדוסטריע. אַ גרויסער טייל איז טעטיק אין עקספּאָרט־אימפּאָרט־געשעפטן. די אָרעמע שיכטן זענען פּאַרטון אין קליין־האַנדל. געוויסע טיילן פון מסחר זענען כמעט אַ ספרדישער מאָנאָפּאָל, ווי למשל, האַנדל מיט זייד־שטאָפן, וואָס דאָס איז אין די הענט פון די אַראַבישע ספרדים.

די פּיאָנעריש־אימיגראַנטישע טעטיקייט אין מסחר און שפּעטער אין אינדוסטריע האָט קודם־כל זיך געגרינדעט אין קרעדיט. די מלוכה־בענק האָבן דעם דאָזיקן קרעדיט נישט געקאָנט געבן. בפרט אין אַזאַ לאַנד, על־פּי־רוב אַן אַגראַרער, מיט איזאָלירטע קאָלאָניעס סוחרים, איז ענין קרעדיט געווען אַ פרעמדער ענין. גרויס־קאַפּיטאַל איז געקומען פון דער פרעמד. געלט איז געווען טייער. קרעדיט איז געווען אַ שווערער ביסן. פּראָצענטער זענען לפי ערך געווען זייער הויכע. אַזאַ לאַגע האָט דיקטירט קודם־כל גראָשעדיקע שפּאָרעוודישן צוזאַמענגעקליבן צווישן זיך, כדי שאַפן ליי־ און שפּאָר־קאַסעס וואָס זאָלן טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ געמיש פון באַנק־טראַנזאַקציעס און קעגנזייטיקער הילף.

איזאָלירט שפּראַכלעך און ווירטשאַפטלעך האָבן די אימיגראַנטישע מאַסן אַנגעהויבן שאַפן פּרימיטיווע היימישע פאָלקס־בענקלעך, וואָס זענען אין משך פון יאָרן אויסגעוואַקסן אין ריזיקע באַנק־אונטערנעמונגען, ווי אַ פּועל־יוצא פון כסדרדיקע פאַראייניקונגען פון די דאָזיקע קליינע קאַסעס אין צענטראַלע אינסטיטוציעס. אין יאָר 1917 איז געגרינדעט געוואָרן דער „באַנקאָ אינדוסטריאַל", און אין יאָר 1923 דער „באַנקאָ מערקאַנטיל אַרכענ־

טינאָ״. אין די יאָרן 1917—1931 זענען אין בוענאָס־איירעס גע־
גרינדעט געוואָרן 9 יידישע בענק. זיבן פון זיי האָבן זיך אין יאָר
1939 פאַראייניקט אין איין צענטראַלן באַנק אונטערן נאָמען „באַנ־
קאָ איזראַעליטאַ דעל ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ״. אין יאָר 1940 איז גע־
גרינדעט געוואָרן דער „באַנקאָ איזראַעליטאַ דע בוענאָס־איירעס״.
סך־הכל זענען אין יאָר 1945 געווען אין אַרגענטינע 38 יידישע
קרעדיט־אַנשטאַלטן, פון זיי 29 אין בוענאָס־איירעס. די צווייטע
גרויסע יידישע שטאָט ראָזאַריאָ, האָט אַנטוויקלט כמעט די זעלבע
פאָרמען פון באַנק־געשעפטן. אויך יידישע פאַרזיכערונג־געזעל־
שאַפטן מיט גאָר גרויסע קאַפּיטאַלן זענען אין די לעצטע יאָרן
אויפגעקומען אין בוענאָס־איירעס און ראָזאַריאָ. צוליב דעם כאַ־
ראַקטער פון די טראַנזאַקציעס, וואָס זענען אַנדערש אין פאָרם און
מעטאָדן, ווי דאָס רוב בענק אין אַרגענטינע, זענען די יידישע בענק
טיפּישע ג ע ט אָ קרעדיט־אינסטיטוציעס. זייער קליענטור
איז אויסשליסלעך אָ יידישע. דאָס זעלבע איז אויך מיט זייער פּער־
סאָנאַל. די דאָזיקע בענק שפּילן אַ ראָלע נישט נאָר ווי קרעדיט־
אַנשטאַלטן, נאָר אויך ווי שטיץ־פּונקטן פאַר יידישע געזעלשאַפט־
לעכע אַקציעס און קולטורעלע אונטערנעמונגען. ביסלעכווייז פאַר־
שווינדט אָבער דער יידישער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פון די
דאָזיקע בענק. די קלענערע בענק האָבן נאָך דעם פאָלקסטימלעכן
כאַראַקטער, אָבער די גאָר גרויסע גייען ביסלעכווייז אַוועק פון
יענעם גייסט פון קולטור און ווירטשאַפטלעכער צניעות, וואָס
האָט אין תוך גורם געווען זייער אויפקום.

סך־הכל זענען אין אַרגענטינע פאַראַן 86 יידישע פּריוואַטע
און געזעלשאַפטלעכע בענק, 37 קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־אַנ־
שטאַלטן פון וועלכע 32 זענען רייך־אַגריקולטור־אונטערנעמונגען,
על פּי רוב אין די פּראָווינצן וווּ עס געפינען זיך די יידישע קאָ־
לאָניעס.

די עקאנאמישע און פאליטישע לאגע בכלל האט א גרויסע השפעה אויף דער ווירטשאפטלעכער דינאמיק פון דער יידישער באפעלקערונג. די ז'עוואלואציע פון דער פעזע האט נאך דעם יידן צו שטארק נישט אנגערירט, מחמת דעם, וואס דער עלעמענט פון לויך־ארבעטער איז ביי דער יידישער באפעלקערונג קליין. יידן ארבעטן על־פי־רוב פארן אינעווייניקסטן מארק, און ווי אינדוסט־ריעלער פארברויכן זיי היימישע מאטעריאלן. אין אפריל 1946 איז נאציאנאליזירט געווארן דער צענטראלער באנק. דאס גאנצע עקאנאמישע לעבן ווערט אזוי ארום ביסלעכווייז קאנטרא־לירט פון דער מלוכה גופא. דאס באריררט נאטירלעך אויך דעם יידישן סעקטאר, וואס איז אוועק מיט קנאפע צוויי דורות צוריק פון ערד־ארבעט און וואס האט מיט אזא אימפעט געהאלפן אויסצובויען די שטאטישע אינדוסטריע און האנדל.

3. דאס קאמונאלע לעבן

די פארמען פון א קהילה־לעבן האבן געבראכט מיט זיך די מזרח־אייראפעאישע יידן, וואס זענען געקומען זיך באזעצן אין אר־גענטינע ווי א קהל. אין שויס פון דעם קאלאניע־לעבן האט שוין געשטעקט דער יסוד פון א קהילה־ארגאניזאציע. מען קאן זאגן אז די אימיגראנטן זענען שוין אויף דער שיף אויפן וועג קיין ארגענ־טינע געווען א קהילה. קודם־כל זענען זיי געווען על־פי־רוב לאנדס־לייט, והשנית האבן זיי געפירט מיט זיך רבנים, שוחטים, מוהלים און אנדערע כלי קודש, מיט איין ווארט — אלץ וואס איז נויטיק פאר א יידיש לעבן. אויך די ייקא־באאמטע, וואס האבן געהאלפן פארמירן די קאלאניעס ווי קאמונאלע אינסטיטוציעס זענען געווען פאראינטערעסירט נישט אזוי אין דעם קולטור־לעבן פון די יידן, ווי אין זייערע רעליגיעזע הצטרכותן.

ממילא איז דאָס ציבור־לעבן פון די יידישע אימיגראַנטן אין דער ערשטער תקופה געווען אַ המשך פון יידישן לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון וואַנען זיי זענען געקומען. מיט דער צייט זענען אין די קאָלאָניעס אויפגעקומען צוזאַמען מיט אַ יונגן דור נייע חברות, קלובן און פאַראיינען מער צוגעפּאַסט צו די גייסטי־קע בויטן און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פון די קאָלאָניסטישע זין און טעכטער. די פונדאַמענטאַלע אינסטיטוציעס זענען געבליבן און הגם זיי האָבן דעם יונגן דור נישט תמיד באַאיינפלוסט, ווי די טאַטעס האָבן דאָס געוואָלט, דאָך זענען אַ סך קערנדיקע עלעמענטן פון דער אַלטער יידישקייט ביי אַ טייל פון דעם אַרגענטינער גע־בוירענעם דור געבליבן.

אַנדערש איז אָבער געווען אין די שטעט, וווהין עס זענען גאָר פרי אַוועק אַ טייל אימיגראַנטן פון די קאָלאָניעס צוליב דעם וואָס עס איז זיי געווען שווער זיך דאָרט איינלעבן, און אויך מחמת דעם וואָס עס זענען דירעקט געקומען יידישע אימיגראַנטן קיין בוענאָס־איירעס.

שוין סוף 19טן יאָרהונדערט זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אָרגאַניזירן זיך געזעלשאַפטלעך. מען איז געווען איינזאַם, אידעאָ־לאָגיש נאָך נישט שטאַרק פונאַנדערגעטיילט, ממילא זענען אויפ־געקומען חברות פון קעגנזייטיקער הילף. דעמאָלט זענען אויפגעקו־מען די ערשטע שולן און קליינע חברות, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט רעליגיע און צדקה. אַזוי, למשל, קומט אויף אין 1894 די ערשטע „בקור חולים" אין בוענאָס־איירעס. די ייקא האָט אויך אין דער שטאָט געהאָלפן די יידן זיך אָרגאַניזירן. די ערשטע תלמוד־תורה איז אַ דאַנק דער דאָזיקער הילף געגרינדעט געוואָרן. עס קו־מען אויף קליינע לאַנדסמאַנשאַפטן. זיי ווערן טעטיק און האָבן אַ גרויסע השפּעה אויף דעם לעבן אין דער פּראָווינץ און אויך פאַר־

קערט: די פּראָווינץ האָט באַאײַנפלוסט זייערע פאָרמען פון חברה־לעבן .דעמאָלט האָבן די דייטש־פראַנצויזישע יידן געשאַפן די סי־נאַגאָגע, וואָס איז היינט אויף ל י ב ע ר ט אַ ד .

גרעסערע לאַנדסמאַנשאַפטן קומען אויף מיטן וווּקס פון דער דירעקטער יידישער אימיגראַציע קיין בוענאָס־איירעס. אַזאַ איינע ווערט געגרינדעט אין 1906. די צוויי גרעסטע לאַנדסמאַנשאַפטן, די פּוילישע און די בעסאַראַבישע, ווערן געגרינדעט אין 1915. אין יאָר 1950 זענען אין בוענאָס־איירעס געווען 22 לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס זייער טעטיקייט איז שטאַרק באַגרענעצט, ווייל עס זענען שוין, ליידער, נישטאָ יענע שטעט און שטעטלעך, און יענע יידן, וואָס זיי האָבן געשטיצט און געהאָלפן. כמעט די איינציקע וואָס איז טעטיק, איז דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן", און טיילווייז אויך די בעסאַראַבישע לאַנדסלייט.

אין בוענאָס־איירעס זענען פאַראַן פאַרשידענע סאָציאַלע און קולטורעלע קלובן, ווי אויך אַ גרויסע צאָל צדקה חברות, אייניקע וואָס שטאַמען נאָך פון סוף 19טן יאָרהונדערט. פון דעם קליינעם „ביקור חולים" פון 1894 איז אין 1900 אויפגעקומען דער יידישער שפּיטאָל „עזרא", וואָס איז לעגאַליזירט געוואָרן דעם 8טן אַפּריל 1903. די ערשטע אייגענע געביידע איז געעפנט געוואָרן דעם 25סטן מיי 1921, די צווייטע — דעם 4טן נאָוועמבער 1928. סוף 1949 איז געעפנט געוואָרן דער אויגן־פּאַוויליאָן אויף דעם נאָמען פון ח יי ם ווייצמאַן . שפּעטער האָט דער ישוב געגרינ־דעט אַ בית־יתומים און אַ מושב־זקנים, אַ ספּעציעלע „הכנסת אורחים" געזעלשאַפט האָט זיך פאַרנומען מיט פריש־געקומענע אימיגראַנטן. די פּראָלעטאַרישע קראַנקייט, טובערקולאָז, האָט גע־פאָדערט אָרגאַניזירטע רחמנות אויף מעדיצינישע יסודות. דעם 29סטן יאַנואַר 1916 ווערט געגרינדעט די יידישע ליגע קעגן טור־

בערקולאָז, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ וואָגיקע אינסטי־טוציע און אַ באַרעכטיקטער שטאָלץ פון דעם יידישן קאָלעקטיוו.

מיטן וווקס פון דער סטאַביליטעט האָט שוין דעם אימיגראַנ־טישן דור מער נישט געקאָנט צופרידנשטעלן די ד׳ אמות פון לאַנדסמאַנשאַפטלעכן פאַרטיקולאַריזם. די מאָדערנע צייטן האָבן געפאָדערט נייע פאָרמען פון לעבן. די קלובן, חברות און שולן האָבן די יוגנט נישט געקאָנט צופרידנשטעלן. דער עלטערער דור וועלנ־דיק האָבן די קינדער מיט זיך האָט אָרגאַניזירט ספּאָרט־סעקציעס און אייגענע קלובן. אויך די ציוניסטישע באַוועגונג גיט זיך אָפּ מיטן ענין ספּאָרט. אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון יחידים ציו־ניסטן קומט אויף די גרויסע „מכבי״ אָרגאַניזאַציע, וואָס האָלט איצט אין בויען אַ גרויס אייגן הויז פאַר אירע מיטגלידער. דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער קלוב „העבראַיקאַ״ פאַרנעמט זיך אויך מיט פאַרשידענע ספּאָרט צווייגן. ספּעציעל מיט וואַסער־ספּאָרט פאַרנעמט זיך דער נאַוטישער קלוב „הכוח״. אַלע דער־מאָנטע אָרגאַניזאַציעס און קלובן האָבן שוין באַוויזן זיך צו דער־ווערבן אַ גאַנץ פיינעם נאָמען אויך אין דער נישט־יידישער ספּאָרט וועלט.

חוץ די דאָזיקע קלובן און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס זענען אין בוענאָס־איירעס פאַראַן קולטור־סאָציאַלע פאַראיינען, צווישן וועל־כע די ציוניסטישע שפּילן אַ חשובע ראָלע. ביי די ספרדים זענען אויך פאַראַן קלובן, אָבער אין אַ סך אַ קלענערער צאָל. געמישטע קלובן פון ספרדים און אשכנזים זענען נאָך אַלץ אַ זעלטנהייט, הגם עס איז שוין קיין שפּראַכלעכע מחיצה נישטאָ.

לויטן לעצטן יידישן וועגווייזער (גיאַ) איבער אַרגענטינע פון יאָר 1950 זענען אין בוענאָס־איירעס פאַראַן עלף צדקה־חברות,

פון זיי 8 געגרינדעט פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, 2 פון דייטשע ייִדן, און איינע — פון ספרדישע.

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען פאַראַן 26, פון זיי 15 פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, 8 — פון אַרגענטינער געבוירענע, איינע — אַ געמישטע (אַרגענטינער געבוירענע און מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן), איינע — אַ ספרדישע און איינע — אַ דייטש־רעדנדיקע. סאָציאַלע קלובן, וואָס זייער כאַראַקטער איז שווער פעסטצושטעלן, זענען פאַראַן 8; 4 — פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, 2 — פון ספרדים און 2 — פון אַרגענטינער געבוירענע ייִדן.

חברות פאַר סאָציאַלער הילף זענען דאָ 27: 23 — פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן און די איבעריקע פון ספרדים, און פון אַרגענטינער געבוירענע ייִדן.

סאָציאַל־עקאָנאָמישע חברות, ווי גמילת־חסדים־קאַסעס און ענלעכע אינסטיטוציעס וואָס גיבן זיך אָפּ מיט שטיצן — זענען פאַראַן 29, פון זיי 25 פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן.

פון דער דאָזיקער רשימה לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ כלל, אַז וואָס ווייטער עס איז אַ געזעלשאַפט פון וועלכע עס איז דירעקטע, אוטיליטאַרע צילן, אַלץ גרעסער איז דער באַשטאַנד פון הי־געבוירענע. די נאַציאָנאַל־ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זענען על־פּי־רוב געשאַפן און געפירט געוואָרן פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, ווי למשל, די ציוניסטישע און אַ געוויסע צייט אויך די סאָציאַליסטישע.

וואָס שייך קולטור־אינסטיטוציעס זענען די וואָס ווערן געפירט אין דער ייִדישער שפּראַך, אויך לויטן אינהאַלט — ייִדיש, בעת אַ סך שפּאַניש־רעדנדיקע אינסטיטוציעס זענען געווען טיפּישע געטאָ־קלובן, ד״ה אַז די מיטגלידער זענען געווען ייִדן, אָבער די אַרבעט איז נישט געווען אַ ייִדישע. אין דעם פּרט האָט זיך אין די לעצטע צייטן אַ סך געענדערט. דער דייטש־רעדנדיקער קלוב פירט

טײַלווײַז אויך אַ ייִדישע אַרבעט, בפרט צווישן דער יוגנט. אַ גרויסע טייל חברות וואָס גיבן זיך אָפּ מיט סאָציאַלער הילף און אויך דער קלוב „העבראַיקאַ״, האָבן שטאַרק פֿאַרגרעסערט זייער ריין־ייִדישע טעטיקייט. אויף ריין־עקאָנאָמישע הילף זענען קאָנצענטרירט על־פּי־רוב אינסטיטוציעס געבויט פֿון דעם אימיגראַנטישן דור, וואָס נויטיקט זיך נאָך אַלץ אין אַזעלכע חברות, אַ סך מער, ווי דער היגער געבוירענער דור.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער אימיגראַנטישער דור פֿון מזרח־אייראָפּע האָט מיט צופּיל רעליגיעזקייט נישט געזינדיקט, האָט ער אָבער געבויט שולן און מנינים, ווו דער סאָציאַלער מאָמענט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. פֿון 48 סינאַגאָגעס און שולן פֿון בוענאָס־אײַרעס זענען 31 פֿון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, 13 — פֿון ספרדים און 4 פֿון דײַטשע ייִדן. 15 סינאַגאָגעס האָבן אייגענע בנינים.

ווען מען נעמט די פּראָווינץ איז דאָס בילד אויף אַזוי פֿיל קלענער, אויף וויפֿיל די ישובים זענען דאָ קלענער, אָבער תמיד אָרעמער אין פֿראַפּאָרץ צו דער צאָל ייִדן אין די פּראָווינציעלע שטעט. עס איז נישטאָ קיין באַדערפֿעניש אין אַזוי פֿיל קלובן און חברות, ווײַל די אַקטיוויטעטן זענען קאָנצענטרירט אין די פֿאָלקס־הײַזער, וואָס מען געפֿינט כמעט אומעטום, ווו ייִדן וווינען. אַן אויסנאָם זענען די „פּראָגרעסיווע״ עלעמענטן, וואָס האָבן זיך סעפּאַרירט און האָבן אייגענע ביבליאָטעקן (אין קאָרדאָבאַ, למשל), קינדער־שולן (באַהיאַ בלאַנקאַ), אָדער סתם קלובן, ווי אין פּאַראַנאַ, סאַנטאַ־פֿע און אַנדערע ערטער.

די אידעאָלאָגישע אונטערשיידן ביי סתם ייִדן זענען אַזוי מינימאַל, אַז הגם די באַפֿעלקערונג איז ווײַט פֿון מאָנאָליטישקייט, וואָס שייך איבערצייגונגען, זענען אָבער די חילוקי־דעות נישט פֿון

דעם כאַראַקטער, וואָס זאָל באַרעכטיקן סעפּאַראַטע אינסטיטוציעס, חוץ אפשר ביי די „פּראָגרעסיווע״.

די אַרגענטינער פּראָווינץ האָט נאָך גוטע יידישע ביבליאָטעקן, וואָס ווערן ווינציק באַנוצט. מיט יאָרן צוריק זענען געווען יידישע כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן, אָבער פון דעם איז שוין כמעט נישט געבליבן קיין שפור. די הי־געבוירענע יידישע יוגנט האָט ווייניק קולטורעלע קלובן, חוץ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אָדער סאָציאַל־עקאָנאָמישע.

מען קאָן אָבער נישט מינימיזירן דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן ווערט פון די קלובן וואָס עקזיסטירן. אין דעם סאָציאַל־איזאָלירטן יידישן לעבן, אַפילו צווישן די הי־געבוירענע, וואָס צוליב דעם קאָטוילישן כאַראַקטער פון די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיי נישט קיין צוטריט אַהין, איז די אַרבעט אַפילו אין די טערמינען פון עמאָציאָנעלער יידישקייט אַן ענין. די דאָזיקע אַרבעט ברענגט אַריין אַ לעבעדיקייט אין דער פאַרגליווערטער געזעלשאַפטלעכקייט פון דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

די סאָציאַלע פאַרצווייגטקייט און אינסטיטוציאָנעלע פאַרשידנקייט — זענען אין תוך — סטאַטיש, ווייל עס איז נישטאָ קיין אינטעלעקטועלע פירערשאַפט, אַפילו נישט אויף דעם באָדן פון ציוניזם, וואָס האָט אַ פּראָמינענטן און פּערמאַנענטן רעזאָנאַנס ביי דעם יונגן יידישן דור אין אַרגענטינע.

אויב די פאַרשיידנקייט פון די אינסטיטוציעס האָט צו קיין צענטראַליזאַציע נישט געבראַכט — האָט אַזאַ כינוס דורכגעפירט מיט דער צייט דער טראַדיציאָנעלער כוח פון דער יידישער געשיכטע — די קהילה פאָרמאַציע.

די „יידישע קהילה פון בוענאָס־איירעס״ האָט זיך אַנטוויקלט בהדרגהדיק פון אַ „חברה קדישא אשכנזי״, געגרינדעט אין 1894,

לויטן מוסטער פון דער אַלטער היים פון די אימיגראַנטן. דער וועג
ביז דער היסטאָרישער דאַטע פון 31טן מאַרץ 1949 -- ווען זי איז
אָפיציעל געוואָרן די „קהילה אשכנזית ד׳בואנוס־איירס״ איז אַ
דרך־המלך פול מיט דערנער און שוועריקייטן. געגרינדעט געוואָרן
מיטן צוועק צו געבן צדקה, מיט דער הייליקער כוונה צו ברענגען אַ
יידן צו קבר ישראל, און אויך טיילווייז זען אַז דאָס יידישע קינד
זאָל קריגן אַ יידישן חינוך — האָט די דאָזיקע חברה געמוזט זיך
פונאַנדערבויען, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט די אימפּעטיקע דינאַ־
מיק פון דעם יונגן ישוב. זי איז געווען פּאַקטיש אַ קהילה, בעת זי
האָט געהייסן אָפיציעל חברה קדישא. היינט צו טאָג ציילנדיק קנאַ־
פּע 43.000 מיטגלידער, על־פי־רוב מזרח־אייראָפּעאישע יידן —
איז זי געוואָרן די רעפּרעזענטאַנטין פון דער גאַנצער בוענאָס־איי־
רעסער יידישער באַפעלקערונג, געקומען איז דאָס ווי אַ פועל־יוצא
פון איר פאַרברייטערטער טעטיקייט און וואָגיקע מעשים.

די קהילה האָט אַ ועד־הרבנים, וואָס זיין פּאַקטישע השפּעה
איז ביים היינטיקן טאָג נישט קיין איבעריק גרויסע. עס ווערן איצט
געמאַכט אָנשטרענגונגען אַראָפּצוברענגען אַ רב הכולל און צו רע־
אָרגאַניזירן דעם ועד־הרבנים.

די יידישע קהילה אין בוענאָס־איירעס האָט גענומען די אי־
ניציאַטיוו צו פאַרשטאַרקן דעם יידישן חינוך.

די קהילה איז אַ פּריוויליקע אינסטיטוציע. אין דעם יאָר
1948—1949 (פון אָקטאָבער ביז אָקטאָבער) איז איר בודזשעט
געווען פינף מיליאָן פּעזעס. די העכסטע פּאָזיציע אין איר בודזשעט
איז די שטיצע פאַר די יידישע שולן, וואָס ווערן קאָנטראָלירט פון
אַ „ועד החינוך״. חוץ דעם שטיצט זי אלמנות, זקנים און יתומים.
זי סובווענציאָנירט אַלע צדקה־אַנשטאַלטן, שטיצט דעם מדינת־
ישראל־קאַמפּיין.

די ספרדים האָבן אין בוענאָס־איירעס אייגענע קהילות אָר־גאַניזירט לויט זייער אָפּשטאַם. די עלטסטע איז געגרינדעט גע־וואָרן אין 1891 פון די מאַראָקאַנישע ספרדים. עס איז פאַראַן אַ קהילה־אָרגאַניזאַציע פון די סיריער־ליבאַנעזער. אָבער די גרעסטע און די בעסטע, די יידן פון אַלעפּא האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער קהילה „יסוד הדעת" און אויפגעבויט אין 1920 אַ מאָדערנע סינאַגאָגע. ביי די ספרדים איז דער ענין פון אַ פאַראייניקטער קהילה זייער אַ האַרבער. עס זענען פאַראַן שפּאַניש־ און אַראַביש־רעדנדיקע ספרדים. די שפּאַניש־רעדנדיקע ספרדים זענען די עלטס־טע תושבים, מער וועלטלעך און רייך. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט באַזונדער. די אַראַביש־רעדנדיקע ספר־דים געהערן צום מיטלקלאַס. זיי זענען שטאַרק פרום, אָבער אָרעם וואָס שייך יידיש־קולטורעלע ווערטן. אין אַ פאָרשטאָט פון בוע־נאָס־איירעס (באַראַקאַס) האָבן זיי אויסגעבויט אַ סינאַגאָגע, וואָס איז אַרכיטעקטאָניש די שענסטע ספרדישע שול אין אַרגענטינע. חוץ זיי זענען פאַראַן באַלקאַנישע ספרדים וואָס זענען וועלטלעך פונקט ווי די טערקישע יידן זענען. אַ סך פון זיי האָבן באַקומען זייער דערציאונג אין די פראַנצויזישע שולן פון „אַליאַנס איז־ראַעליט" און באַטראַכטן זיך ווי די אַריסטאָקראַטן צווישן די ספרדים. רעליגיעז־קולטורעלע אונטערשיידן האָבן גורם געווען דעם אויפקום פון פאַרשיידענע קהילות צווישן די ספרדים, וואָס אפשר חוץ ציוניזם האָבן זיי קיין שום שייכות נישט צווישן זיך. אין איין פּרט זענען די אַרגענטינער ספרדים מער איזאָלירט פון דעם אַלגעמיינעם לעבן אין לאַנד, ווי דאָס זענען די אשכנזים. די ספרדים האָבן אַן אייגענעם בית־דין, פונקט ווי די אשכנזים האָבן דעם ועד הרבנים. בעת די אשכנזים אָבער גייען אָפט אין לאַנד־געריכט, בפרט אין ענינים פון אַ סוחרישן סיכסוך, טוען דאָס די

ספרדים נישט און זיי באַמיען זיך צו דערליידיקן אַלע ענינים, רע־ליגיעזע און וועלטלעכע, פאַר דעם אייגענעם בית־דין.

די יינגסטע קהילה־פאָרמאַציע איז פון די דייטשע יידן. ביזן יאָר 1933 זענען אין בוענאָס־איירעס געווען עטלעכע הונדערט דייטש־יידישע משפחות. קיין אָרגאַניזאַציע האָבן זיי נישט גע־האַט, ווייל זיי האָבן זיך אין דעם נישט גענויטיקט. זיי זענען אַריין אין לאַנד ווי יחידים, קודם־כל ווי פקידים, אָנגעשטעלטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך מתעסק געווען מיט איינאָרדענען די יידן, וואָס זענען געקומען פון מזרח־אייראָ־פּע. אין יענע פאָרמאַטיווע יאָרן פון יידישער איינוואַנדערונג איז דער דייטשער ייד געווען אין די אויגן פון דעם מזרח־אייראָפּע־אישן ייד, אָדער אַ ביוראָקראַטישער פונקציאָנאַר, אָדער אַ סוחר, וואָס פירט גרויסע געשעפטן מיט די נישט־יידישע עלעמענטן פון דער שטאָטישער באַווינערשאַפט, און וואָס האַלט זיך. ווייט פון יידישן כלל, חוץ ימים נוראים.

דער היטלעריזם האָט גורם געווען אַ גרעסערע איינוואַנדערונג פון דייטשע יידן. אין די יאָרן 1933—1943 האָט די דאָזיקע אימי־גראַציע אַריינגעבראַכט 8,000 נפשות. דער כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אימיגראַציע האָט אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט די פאָר־מען פון זייער אָרגאַניזירן זיך. דייטשע יידן זענען קיין פעדלערס נישט געווען. פון שטאַנדפּונקט פון זייער סאָציאַלער חשיבות אין דער אַלטער היים, האָבן אַ סך פון זיי זיך באַטראַכט ווי יורדים. אַ גרויסע צאָל פון זיי האָט געהאַט הויכע בילדונג זענען זיי דאָ אין לאַנד געוואָרן קעלנערס, טעלער־וואַשערס, אָבער נישט קיין פעד־לערס. די אויפגאַבע פון אַ שנעלער רעהאַביליטאַציע און פּראַקטי־שער צופּאַסונג לגבי די מעגלעכקייטן אין לאַנד, איז לויט זייער מיינונג נישט געווען קיין ענין פון קהילה, נאָר אַ ריין־אינדיווי־

דועלע זאַך. דערפאַר האָבן זיי נישט געפילט די נויטווענדיקייט צו האָבן אַזעלכע שטיצע־חברות און זיך וואַרעמען אין אַ קלימאַט פון אַ קאָלעקטיווער סימפּאַטיע, ווי דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד האָט עס באַדאַרף און געוואָלט האָבן. אויב די דייטשע יידן האָבן זיך געגרינדעט אין אַ קהילה־אָרגאַניזאַציע איז נישט פאַר שטיצע, נאָר כדי האָבן אַ היים פאַר זייערע קולטורעלע, רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן. עקאָנאָמיש האָבן זיי זיך מיט אייגענע כוחות איבערגעבויט און זיך איינגעוואָרצלט. אין אַ סך געביטן פון דעם היגןווירטשאַפטלעכן לעבן האָבן זיי אַריינגעבראַכט נייע אידעען און מוסטערן פון אַרבעט. די דייטשע יידן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ „נייע יידישע קהילה" („נועוואַ קאָמונידאַד איזראַעליטאַ"), געגרינדעט אַ קאָנסערוואַטיוו־רעפאָרמיסטישע סינאַגאָגע (די לעאָ־בעק־סינאַגאָגע אין בעלגראַנאָ, אַ פאָרשטאָט פון בוענאָס־איירעס). אין 1935 האָבן זיי געשאַפן אַ פיינע, יודאַאיסטישע ביבליאָטעק, וואָס איז לעבן דער ביליאָטעק פון „סאָסיעדאַד העבראַיקאַ" די רייכסטע אין לאַנד. אין 1937 איז געשאַפן געוואָרן די „יידישע קולטור־געמיינשאַפט", וואָס איז דער צענטער פון די דייטשע יידן אין בוענאָס־איירעס.

אין יאָר 1939 איז אויפגעקומען די אונגאַריש־יידישע קהילה „אחדות ישראל", וואָס איר יסוד איז געווען אַ באַשיידענער מנין, וואָס האָט עקזיסטירט זינט 1927.

אויף דער פּראָווינץ פון אַרגענטינע זענען פאַראַן גוט־אָרגאַניזירטע יידישע קהילות, על־פּי־רוב אשכנזישע. אין ראָזאַריאָ, דער צווייטער יידישער צענטער אין לאַנד, איז פאַראַן אַ קהילה פון אשכנזים זינט 1903. 90% פון דער גאַנצער אַשכנזישער יידישער באַפעלקערונג זענען אירע מיטגלידער. אין 1950 האָט די דאָזיקע קהילה, וואָס טראָגט אָפיציעל דעם נאָמען „אַסאָסיאַסיאָן איזראַעלי־

טאַ דע בענעפּיסענסיאַ" געציילט 2,200 מיטגלידער, וואָס איז אַן עקוויוואַלענט פון אַזאַ צאָל משפחות. אויך ספרדים האָבן אין ראָזאַריאָ אַן אייגענע קהילה מיט פיינע בנינים.

אין קאָרדאָוואָ איז די אַשכנזישע יידישע קהילה דער צענטער פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, חוץ דער קליינער גרופּע ספרדים. אין קלענערע ישובים ווי טוקומאַן אָדער סאַלטאַ זענען פאַראַן באַזונדערע אַשכנזישע און ספרדישע קהילות, הגםביידע גרופּעס ציילן נישט קיין גרויסן עולם.

די דייטשע יידן האָבן נישט אויף דער פּראָווינץ קיין אייגענע קהילה־אָרגאַניזאַציעס און ביסלעכווייז ווערן זיי אַ טייל פון די מזרח־אייראָפּעאישע גרופּעס. די פּראָוויזאָרישע פאַראייניקונג וואָס קומט פאָר אויף דער פּראָווינץ בעת עס גייט אַן אַ נאַציאָנאַלע געלט־קאמפּאניע האָט אין אַ סך פאַלן גורם געווען אַ פאָרזעצונג פון דעם בלאָק אין די וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנצן יאָר. בפרט דייטשע יידן געפינט מען אָפּט אויף דער פּראָווינץ אין די קהילות און אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען אויפגעבליט געוואָרן און וואָס ווערן אָנגעפירט פון מזרח־אייראָפּעאישע אַשכנזים.

אין קלענערע ישובים איז כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, בפרט ביי די אשכנזים, אַנגעשלאָסן אין דער קהילה. אומעטום איז די חברה קדישא דער פונדאַמענט פון אַ קהילה, מיט די זעלבע פונקציעס און אויפגאַבעס. די גרעסטע צאָל קהילות האָבן אייגענע בנינים, וואָס אין זיי געפינט זיך דער „בית עם" פון דעם ישוב. קליינע גרופּעס באַמיען זיך קודם־כל האָבן אַ פאָלקס־הויז, וווהין עס קומען זיך צונויף די משפחות. אַלע יום־טובים און פייערונגען ווערן געפייערט קאָלעקטיוו. אַזאַ שטעטל ווי סאַלטאַ, וואָס ציילט 50 יידישע משפחות אַשכנזים, האָט אַ שיינעם בנין, וואָס איז דער קלוב, די שול צום דאַוונען, און אויך די שולע פון

דעם ישוב. אַ סך אַ גרעסערע קהילה ספרדים אין דעם זעלבן שטעטל האָט אַזאַ צענטער נישט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידישע קהילות אין אַרגענ־טינע זענען על־פּי־רוב פּריוואַטליכע אינסטיטוציעס איז אָבער מיט דעם וואָס זיי זענען אָנערקענט יורידיש, ווערן זיי אויך אָנערקענט ווי די רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציעס אַפילו מצד די, וואָס זע־נען נישט אירע מיטגלידער.

די פאָרמעס פוןביישטייערונגען זענען אומעטום כמעט די זעלבע. ערשט לעצטנס האָט מען זיך געווענדט צו די מיטגלידער מכוח ענדערן די פאָרמע פון שטייערן לויט פאַרמעגן און פאַר־דינסטן. דאָס איז אָבער דערווייל נישט גרינג דורכצופירן. גאָר בעת עס קומט צו קבורה־ענינים ווערן געמאַכט שאַצונגען לויט וועלכע די משפחות דאַרפן באַצאָלן פאַר אַ קרקע. דאָס זענען די הויפּט־הכנסות פון די קהילות.

אין דער געזעלשאַפטלעכער דינאַמיק, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין דעם יידישן קאָמונאַלן לעבן אין אַרגענטינע, זענען די אַשכנזים מער אויבן אָן, ווי די ספרדים. מען באַגעגנט קליינע מזרח־אייראָפּעאישע גרופּעס וואָס זענען בעסער אָרגאַניזירט ווי אַ סך גרעסערע צאָלן ספרדים אין דער זעלבער שטאָט. בפרט איז דאָס בולט אין גאָר קליינע ישובים. די אשכנזים זענען אויך וואָס שייך געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו רירעוודיקער פון די ספרדים.

סאָציאָלאָגיש קאָן מען פאָרמולירן אַז אַשכנזים פאָרמירן קהי־לות, בעת ספרדים לעבן אין קאָלאָניעס. בעת ביי די אַשכנזים איז אַ משפחה־שמחה על־פּי־רוב אַ יום־טוב פון קהל, איז דאָס ביי די ספרדים נישט תמיד אַזוי.

אין אַזאַ שטעטל ווי רעזיסטענסיאַ מיט 240 אַשכנזישע יידי־שע משפחות גייען 70% פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער

אין דער יידישער שול. די קהילה האָט אַ שיינעם בנין, אין וועלכן עס געפינט זיך אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַציע און אַ גוטע ביבליאָטעק. אַ ספרדישע קהילה פון אַזאַ צאָל יידן האָט אַפילו נישט קיין רמז פון אַזאַ פאַרצווייגטער אַרבעט. אָפּטמאָל ברענגט אַ בשותפותדי־קע געזעלשאַפטלעכע אַקציע די ביידע קהילות צוזאַמען. אָבער דאָס זענען צייטווייליקע, טעכנישע בלאָקן. קיין דויערנדיקן כאַראַקטער האָבן זיי נישט. וואָס ווייטער פון בוענאָס־איירעס אַלץ קלענער זענען די שפּראַכלעכע מניעות, וואָס דאָס לעבן גופא האָט באַזיי־טיקט. משמעות אַז די מניעות ליגן טיפער. ביי די ספרדים איז קודם־כל רעליגיע — יידישקייט, בעת ביי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן איז יידישקייט — רעליגיע. דער קולטורעלער מאָמענט איז גורם אַז דווקא מיט די דייטשע יידן האָט דער „אָסט־יודע" מער בשותפותדיקעס. דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס, אָרגאַניזאַציאָנעלער טעמפּעראַמענט און געזעלשאַפטלעכע קולטור פון דעם מזרח־איי־ראָפּעאישן יידן — הויבט אָן צו אימפּאָנירן דעם אַשכנזי פון מערב.

ווי דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפטלעכער פּיראַמידע, וואָס אויב ער פאַראייניקט נישט אַלע חברות און אידעאָלאָגיעס, רעפּרע־זענטירט ער זיי לכל־הפחות כלפי חוץ, איז די אינסטיטוציע וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון עסקנים פון לאַנד און דאָס איז די „דאיא" („דעלעגאַסיאָן דע אַסאָסיאַסיאָנעס איזראַעליטאַס אַרכענ־טינאַס").

זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרטרעטער פון כמעט אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד. פאַראַפראַזירנדיק דעם זאַץ פון דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע דערקלערט די „דאיאַ" (אָקטאָבער 1935) אַז די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז „שטרעבן צו גלייכקייט פאַר אונדז, פאַר אונדזערע קינדער און פאַר דער גאַנ־צער מענטשהייט".

די „דאַיאַ" פאַרנעמט זיך אויך מיטן ענין יידישע רעכט און באַקעמפט אַנטיסעמיטיזם. אויפגעקומען איז די דאָזיקע אָרגאַני־זאַציע אין די ערשטע יאָרן פון היטלעריזם, ווען דער דייטשער ראַסן־אַנטיסעמיטיזם האָט זיך שטאַרק פאַרשפרייט אין אַרגענטינע און געפונען אַ גינציקן באָדן אין דעם דאָזיקן לאַנד מיט אַ גרויסער און רירעוודיקער דייטשער באַפעלקערונג. די איניציאַטיוו פון שאַפן אַזאַ פאַרטיידיקונג־אַפּאַראַט וואָס קאָן רעדן אין נאָמען פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג איז געקומען פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע און פון „בני ברית". די „דאַיאַ" באַמיט זיך דורך שתדלנות און אויפקלערערישער אַרבעט באַזייטיקן געוויסע דיסקרימינאַציעס און אויך אויספועלן געוויסע הנחות.

דעם 2טן אויגוסט 1948 האָט פּרעזידענט פּעראָן אָפיציעל באַגריסט אַ נייע אָרגאַניזאַציע געגרינדעט פון אַ גרופּע יידן — אָנ־הענגער פון פּעראָניזם. ביי דער געלעגנהייט האָט פּרעזידענט פּע־ראָן געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט נישט טאָלערירן דיסקרימינאַציעס צוליב ראַסע אָדער רע־ליגיע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע רופט זיך „אָרגאַניזאַסיאָן איזראַ־עליטאַ אַרכענטינאַ" („אָיאַ").

די מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרופּע פּרעטענדירן צו זיין די פאַרמיטלערס צווישן די אַרגענטינער יידן און דער איצטיקער רעגירונג און דורך שתדלנות אויספועלן געוויסע ריין־אינדיווי־דועלע טובות.

די רעגירונג האָט באַפולמעכטיקט די „אָיאַ" צו רעגולירן די יידישע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע און גאַראַנטירן פאַר די רעס־פּעקטיווע אימיגראַנטן. די גרופּע באַמיט זיך צו קריגן וויזעס פאַר „אויסגעוואָרצלטע יידן".

דער ערשטער אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישראל איז אַ מיטגליד אין דער דאָזיקער גרופּע.

יעקב שאַצקי

4. דאָס רעליגיעזע לעבן

עס איז שווער אָפּצוטיילן אין אַרגענטינע דאָס רעליגיעזע לעבן פון דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן קאָנטעקסט. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן זענען על־פּי־רוב נישט רעליגיעז. אין זין פון פרומקייט זענען ספרדים מער רעליגיעז. אָבער דער רעליגיעזער פייער אין דער דינאַמיק פון דער יידישער טעטיקייט פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום סינטעטיזירט אין זיך אַזוי פיל עלעמענטן, אַז מען קאָן זאָגן אַז די וועלטלעכקייט פאַרמאָגט אַ סך פון דער קולטור־רעליגיעזער ירושה. בעת ספרדים און די דייטשע יידן פאַרברויכן רעליגיע על־פּי־רוב אויף סינאַגאָגאַל־ריטועלע יידישקייט, איז ביי די אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע רעליגיעזקייט דינאַמישער, איידער פרומקייט. גראָד ביי זיי מערקט זיך אַ גרויסער אינטערעס פאַר דאָס לומדיש־טראַדיציאָנעלע און אַ דרך־ארץ פאַר די וואָס רעפּרעזענטירן דעם אָפּשניט פון יידישן לעבן. עס מערקט זיך אַפילו אַ גרויסער פּיעטעט פאַר דעם עלטערן דור וואָס פאַרמאָגט צווישן זיך די דאָזיקע לומדישע געשטאַלטן.

ווען עס קומט צו די דרויסנדיקע מאַניפעסטאַציעס פון רעליגיעזן צבור־לעבן, וואָס אַ שיינער בנין פאַר אַ שול איז איינער פון די סימנים, זענען גראָד די נישט־מזרח־אייראָפּעאישע יידן מער אין באַזיץ פון אַזעלכע אָפּט־אימפּאָזאַנטע בנינים. אין בוענאָס־איירעס זענען פאַראַן 23 סינאַגאָגעס, על־פּי־רוב מיט אייגענע בנינים. איבערן גאַנצן לאַנד זענען פאַראַן 123 שולן, פון זיי אַ סך אין אייגענע בנינים. חוץ דעם זענען פאַראַן שולעכלעך וואָס זייער צאָל לאָזט זיך געניי נישט פעסטשטעלן. דער פונקציאָנעלער כאַראַקטער פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן איז בולט אין דעם פאַקט גופא וואָס בתי־מדרשים אָדער סתם קהלשע מנינים אָדער פּריוואַטע

שולן זענען מיטן אויסנאַם אפשר פון עטלעכע ספרדישע, כמעט ווי נישט בנמצא. קיין חסידישע שטיבלעך זענען נישטאָ. חברות ש״ס אָדער חברות משניות זענען פאַראַן סך־הכל פיר, פון דעם אַ דריי אין די קאָלאָניעס, ווו די איינזאַמקייט פון די עלטערע יידן ברענגט זיי, איזאָלירטע פון דעם אַרום, צוזאַמען כדי אָפּפרישן דאָס, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג נישט געלערנט.

אוודאי איז פאַראַן אַ רעליגיעזער חינוך וואָס פאַרמאָגט צוויי ישיבות, 140 תלמוד־תורות, 30 קינדער־גערטנער מיט אַ טיילווייז רעליגיעזן סדר־הלימוד. קיין חדרים זענען אָבער נישטאָ, הגם עס זענען פאַראַן פּריוואַטע מלמדים וואָס גיבן זיך אָפּ על־פּי־רוב מיט צוגרייטן ייִנגלעך צו אַ בר־מצווה. אַ בוענאָס־איירעסער חזן האָט אַפילו געעפנט אַ פּריוואַטע „בר־מצווה שול״ און אַנאָנסירט אין די יידישע בלעטער.

ביי די ספרדים איז דער חינוך כמעט אין גאַנצן אַ רעליגיעזער, אָבער נאָר פאַר ייִנגלעך. וועגן דער יידישקייט פון מיידלעך זאָרגט מען זיך ווייניק. דערפאַר זענען ספרדישע מיידלעך אַזוי אַקטיוו אין ציוניסטישע יוגנט־קלובן און לערנען זיך העברעאיש. די מאַראָקאַנער יידן אין בוענאָס־איירעס האָבן צוויי בתי־מדרשים און אַ קליינע יידישע רעליגיעזע שול, מיט סך־הכל 30 קינדער ביי אַ מיטגלידערשאַפט פון 500. די אַלעפּער יידן האָבן אויך אַ רעליגיעזע שול פון אַ תלמוד־תורה טיפּ. דאַקעגן די שפּאַניש־רעדנדיקע ספרדים האָבן ווייניק רעליגיעזע שולן, דערפאַר אָבער מער נאַציאָנאַל־וועלטלעכע דערציאונג־אַנשטאַלטן.

די דייטשע יידן האָבן רעליגיעזע שולן ביי זייערע סינאַגאָגעס און טעמפּלען, אָבער עס ווערט אין זיי נישט געלייגט דער טראָפּ אויף רעליגיע. בכלל ווייזן די אַשכנזים אַרויס ווייניק אינטערעס פאַרן רעליגיעזן חינוך. דאָס באַווייזט די באַציאונג פון אַ

סך יידישע עלטערן צום באַזוך פון זייערע קינדער פון די שעהן פון מאָראַל וואָס מען גיט אין די אַלגעמיינע שולן, אָנשטאָט רע־ליגיע. די דאָזיקע מאָראַל ווערט געלערנט אין קריסטלעכן גייסט. די עפנטלעכע מיינונג האָט דורך דער יידישער פּרעסע געפירט אַ קאַמפּאַניע, אַז יידישע קינדער זאָלן נישט בלייבן אויף די לעקציעס פון קריסטלעכער מאָראַל.

דער ענין פון רעליגיעזן חינוך האָט אָנגעהויבן שטיין אויף דעם סדר־היום פון שול־צוזאַמענפאָרן. אויף דעם כינוס פון חינוך עסקנים, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָרדאָוואַ, פעברואַר 1950, האָט מען געהערט טענות, אַז כל־זמן עס איז נישטאָ קיין יידיש־קייט אין די יידישע היימען, איז שווער דאָס איינפלאַנצן אין די קינדער.

די לערער פון דער יידישער רעליגיע זענען על־פּי־רוב אימי־גראַנטן, בעת צווישן די וועלטלעכע לערער איז שוין דאָ אַ וואָגי־קע צאָל היגע געבוירענע. די ירידה פון יידישן רעליגיעזן לעבן איז אַ פּועל־יוצא פון לערנען לויטן אַלטן סיסטעם. אויף דער פּראָווינץ איז נישט בעסער, ווי אין דער הויפּטשטאָט. אויב מאָזעסוויל האָט אויף אַ פּאָר הונדערט יידישע משפחות, אַ פיר שולן, איז זיי שווער אָבער צו האָבן אַ מנין. אין בוענאָס־איירעס גופא איז פאַראַנען אַ היפּשע צאָל מנינים, וואָס ווערן גוט באַזוכט אויך אין וואָכנטעג, אָבער די שטענדיקע מתפּללים פון געציילטע גרעסערע טעמפּלען באַקומען געצאָלט אַ חודשלעכן געהאַלט.

אין מושב־זקנים און אין בית־יתומים פון בוענאָס־איירעס איז פאַראַן רעליגיעזע יידישקייט. דאָרטן איז אַפילו פאַראַן אַ רב, וואָס אַזאַ קהילה ווי קאָרדאָוואַ, למשל, האָט נישט. אויב עס איז פאַראַן דווקא ביי דער יוגנט אַ סענטימענט פאַר אַ רב, איז דאָס נישט מחמת רעליגיעזע נויטן, נאָר צוליב רעפּרעזענטאַטיווע סיבות,

כלפי חוץ. ווען עס קומט אַ וויכטיקער מלוכה־מאַן באַזוכן אַ יידישן ישוב אויף דער פּראָווינץ, אָדער ביי ענלעכע אָפיציעלע געלעגנ־הייטן, לאַדט מען איין אַ ראַבינער אָדער אַ רב פון בוענאָס־איי־רעס ער זאָל בהסכם מיטן נוסח פונעם לאַנד רעפּרעזענטירן דעם ישוב.

דערפאַר שטעלט מען נישט קיין חופּות אין די קלענערע ער־טער, ווייל עס איז נישטאָ קיין מסדר־קדושין. אויך שולן קאָנען נישט פונקציאָנירן, ווייל עס פעלן בעלי־תפילה. די צאָל שוחטים ווערט קלענער פון יאָר צו יאָר. גראָד אויף דער פּראָווינץ זענען פאַראַן ישובים וואָס האַלטן דווקא פון כשרות און מוזן זיך אָפּ־האַלטן אין אַ לאַנד פון פלייש פון עסן פלייש, ווייל עס זענען נישטאָ קיין שוחטים.

נישט נאָר די צאָל כלי־קודש איז קליין. אַפילו חזנים, וואָס גראָד די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן ליב צו הערן — איז דאָ ווייניק. עס יאָוועט זיך פון צייט צו צייט חזנים אויף גאַסטראָלן. נאָר אייניקע גרויסע שולן האָבן אַ שטענדיקן חזן, אַנדערע דינ־גען נאָר אויף ימים נוראים.

בכלל איז די מערכה פון כלי־קודש נישט קיין געהויבענע. גאָר אַ קליינע צאָל פון זיי קען לעבן פון זיין אַ שמש, אָדער אַפילו אַ שוחט.

די פראַגע פון אויסבילדן אייגענע כלי קודש איז אַ האַרבע און אַקטועלע זינט עס האָבן אויפגעהערט איינצוואַנדערן קאַנדי־דאַטן פאַר אַזעלכע אַמטן פון אייראָפּע. מען האָפט די זעלבע צו קענען לייזן אין אַ געוויסער מאָס מיט דער הילף פונעם „מכון ללי־מודי היהדות", אַ טיפּ אינטעגראַלע אָרטאָדאָקסישע ישיבה, גע־גרינדעט אין בוענאָס־איירעס מיט העכער זעקס יאָר צוריק, וווּ די תלמידים ווערן אויסגעהאַלטן און באַקומען אַ גרינטלעכע יידישע דערציאונג און אויך אַ וועלטלעכע מיטלשול־בילדונג.

דער ראַבינאַט אין בוענאָס־איירעס באַמיט זיך צו לייזן דעם ענין כשרות, אָבער אָן גרויסע רעזולטאַטן. עס ווערט געשאַצט אַז אין בוענאָס־איירעס עסט כשר נישט מער ווי 25% פון דער יידי־שער באַפעלקערונג, אויף דער פּראָווינץ אַ סך ווייניקער. קיין כשרע רעסטאָראַנען זענען כמעט ווי נישט בנמצא. נאָר אין יידי־שע צדקה־אינסטיטוציעס און אין יידישן שפּיטאָל ווערט אָפּגע־היט כשרות.

דאָס דאַווענען איז אומעטום לויטן אַלטן יידישן נוסח, אַזוי אַז קיין רעפאָרמירטע שולן זענען בכלל נישטאָ. נאָר אין איין שול ווערן געוויסע תפילות געזאָגט אויף שפּאַניש.

אין יעדער שול זענען פאַראַן ספרים אָנגעזאַמלטע אין משך פון צייט. זיי ווערן אָבער ווייניק גענוצט. עס זענען דאָ מוכר־ספרים, וואָס פאַרקויפן אַלץ פון אַ מזוזה ביז אַ ש״ס. זיי זענען אָבער איזאָלירטע אינדזלען אין דעם שטורמישן, דאָך יידישן לעבן. דער נאָך אַלץ שטאַרקער כוח פון רעליגיע מאַניפעסטירט זיך אָבער אין לוויות, וואָס ווערן דורכגעפירט אויף אַ שטרענג־רעליגיעזן אופן.

די צאָל שומרי־שבת איז קליין. אַ שומר־שבת האָט גרויסע שוועריקייטן בעת ער וויל קריגן אַרבעט. דערפאַר אָבער היטן אָפּ אַלע יידישע אינסטיטוציעס, חוץ די יידישע בענק, שבת ווי אַ רו־טאָג.

די יידישע קהילה אין בוענאָס־איירעס באַמיט זיך דערהויבן דעם פּרעסטיזש פון כלי קודש, כדי לכל הפּחות רעפּרעזענטאַטיוו אָפּגעבן די רעפּרעזענטאַנטן פון דער יידישער אמונה יענעם אָרט אין דער געזעלשאַפט, וואָס אין אַזאַ לאַנד ווי אַרגענטינע איז דאָס אַן ענין נישט אַזוי פון רעליגיעזע באַדערפענישן, ווי אַ פאָרמע פון דרויסנדיקער מאַניפעסטאַציע.

5. דאָס קולטור־לעבן און שול־וועזן

דאָס יידישע קולטור־לעבן אין אַרגענטינע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך נאָך דער זעלבער איז געווען גאַנץ אינ־טענסיוו, סיי אין דער הויפּטשטאָט, סיי אין די פּראָווינצן און קאָ־לאָניעס, כל־זמן עס איז געגאַנגען אַ גרעסערער אימיגראַציע־שטראָם. דאָס איז קודם־כל געווען צו פאַרדאַנקען דעם היפשן צו־פלוס פון יונגע כוחות, וואָס האָבן זיך אין זייערע אַלטע היימען אויסגעלעבט אין פּאָליטישע באַוועגונגען אָדער אין קולטור־אָרגאַ־ניזאַציעס. נאַטירלעך האָבן זיי אויך אין נייעם לאַנד זיך באַמיט צו שאַפן פאַר זיך אַן ענלעכע סביבה, גרינדנדיק פאַראייגען מכל המינים, ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן א. א. וו., אין וועלכע ס׳האָט פּולסירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט. די גאַנצע אַר־בעט איז נאַטירלעך געפירט געוואָרן אויף יידיש און די יידישע קולטור איז דאָרטן געווען אין דער היים.

די שפּאַניש־רעדנדיקע יוגנטלעכע האָבן געהאַט זייערע איי־גענע קלובן, וואָס זייער „יידישקייט" האָט זיך מאַניפעסטירט אין דעם סאָציאַלן ראַדיקאַליזם פון זייערע פּראָגראַמען. עס איז בכלל נישט געווען קיין שום אינטערעס פאַר יידישע קולטור־פּראָבלע־מען. ערשט אין 1915 האָט די „כוועגטוד איזראַעליטאַ" געהאַט אַ יידישן פּראָגראַם אויף שפּאַניש. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט גורם געווען דאָס צוריקקערן זיך צו יידישקייט אין זין פון קול־טור־ירושה. די דאָזיקע ריכטונג האָט געבראַכט צו שפּאַלטונגען אין די קלובן און די יוגנטלעכע וואָס האָבן נישט געוואָלט לעבן אין אַ סאָציאַליסטישער געטאָ און געהאַלטן אַז אויב שוין יאָ אַ געטאָ, איז אַן אמתע — זענען אַרויס און זיך אָרגאַניזירט אונטער די פליגלען פון ציוניזם. עס האָבן אָבער געפעלט גייסטיקע מנהי־

גים און ממילא האָט עמאַנציפּאַציאָנעלע אומצופרידנקייט נישט געקאָנט מיטאַמאָל טראַנספאָרמירט ווערן אין אַן אינטעלעקטואַל־יידישער באַוועגונג.

דער דור וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַרגענטינע און האָט געזוכט אַ סאָציאַלע סביבה, וואָס זאָל קאָנען נייטראַליזירן די שאַרפע און שטאַרקע אידעאָלאָגישע ריכטונגען, דורך ברענגען זיי צוזאַמען אונטער איין דאַך פון געזעליקייט און קינסטלערישע טע־טיקייט — האָט זיך ענדלעך דערטראַכט צו אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס הייסט „סאָסיעדאַד העבראַיקאַ אַרכענטינאַ״. זי איז געגרינ־דעט געוואָרן אין יאָר 1926, מיטן צוועק „צו דערנענטערן די יידי־שע באַפעלקערונג צו דער קולטור־סביבה פון לאַנד״, ווי אויך אַנטוויקלען צווישן יידן די יידישע און די אַלגעמיינע קולטור. מיט איבער 10,000 מיטגלידער איז „העבראַיקאַ״ די צענטראַלע יידי־שע קולטור־אינסטיטוציע אין לאַנד. פון אַ קאָסמאָפּאָליטיש נייִ־טראַלער פּאָזיציע לגבי יידישע ענינים, האָט דער דאָזיקער קלוב ביסלעכווייז אונטער דער ווירקונג פון ניכטערער ווירקלעכקייט און אַ סך צעשטערטע אידעאַלן, אָנגעהויבן גיין אויף דעם וועג פון אַ יידישן קולטור־היסטאָרישן עקלעקטיזם. די לעקציעס, צווישן זיי יידישע, דער כאָר, די קאָנצערטן, די סיסטעמאַטישע קורסן, וואָס ווערן געפירט קאָמפּעטענט, די גוטע יודאַיסטישע און אַלגעמיינע ביבליאָטעק, דאָס אַלץ האָט געגעבן דעם דאָזיקן קלוב אַ כאַראַק־טער פון אַ רעפּרעזענטאַטיווער אינסטיטוציע.

אויב די „העבראַיקאַ״ איז די אינסטיטוציע פון דעם דור היגע געבוירענע פון מזרח־אייראָפּעאישן אָפּשטאַם, איז דער אַרגענטי־נער ייוואָ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928, אַן אינסטי־טוציע פון דער קולטור־אָריענטאַציע, וואָס וויל נישט זיין לאָקאַל, נאָר אַן אינטעגראַלע טייל פון יענער יידישקייט, וואָס האָט אויך אַ

פאַרשיידנקייט פון סאָציאַלע אידעאַלן, אָבער אַן איינהייט אין שפּראַך וואָס שייך אויסדריקן זיי. ווי אַן אַרגענטינער אָפּטייל פון דער דאָזיקער וועלט־אָרגאַניזאַציע איז דער ייוואָ, אַ דאַנק דער שטענדיקער דירה אין דעם בנין פון דער קהילה, געוואָרן אַ וואָגי־קער באַשטאַנדטייל פון דעם יידישן קולטור־לעבן אין לאַנד. די ביבליאָטעק, געגרינדעט אין 1939, פאַרמאָגט איבער 25,000 ביכער און אַ וואָגיקן אַרכיוו פאַר דער לאָקאַלער יידישער געשיכטע און אַ התחלה פון אַ יידישן מוזיי. געשטיצט פון מיטגלידער־יחי־דים און פון אָרגאַניזאַציעס ווערט דער אַרגענטינער ייוואָ אַ דאַנק זיינע פּובליקאַציעס אַ צענטער פון יידיש־אַרגענטינער פאָרשונג, אַזוי ווי די „העבראַיקאַ" אַ דאַנק דעם זשורנאַל „דבר" ווערט דער שפּאַנישער קולטור־אַמבאַסאַדאָר פאַר יידישע ענינים.

אַ פאָלקסטימלעכע קולטור־אינסטיטוציע אין דער יידישער שפּראַך איז דער „יידישער קולטור־פאַרבאַנד" (איקוף), וואָס גיט אַרויס זינט 1937 אַ חודש־זשורנאַל, האָט אַ ביכער־פאַרלאַג, אָר־גאַניזירט לעקציעס, איז דער אידעאַישער פּראָטעקטאָר פון אַ גרו־פּע „פּראָגרעסיווע" קינדער־שולן און פּאַטראָניזירט דעם „יידישן פאָלקסטעאַטער" (איפט), וואָס באַשטייט פון ליבהאָבער פון טעאַ־טער־קונסט.

אין 1949 איז אין אַרגענטינע געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטייל פון „וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור", וואָס חוץ לעקציעס גיט ער אַרויס זאַמלביכער און איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אויף יידיש די צענבענדיקע געשיכטע פון יידישן פאָלק פון ש מ ע ו ן ד ו ב נ אָ ו . לעצטנס האָט דער „וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור" געעפנט אָפּטיילונגען אויף דער פּראָווינץ.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין דעם לעבן פון אַרגענטינער יידן אַן אינסטיטוציע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אָנהייב 1948

און טראָגט דעם נאָמען „אינסטיטוטאָ כודיאָ אַרכענטינאָ דע קול־טוראַ ע אינפאָרמאַסיאָן". געשאַפן אויף דער איניציאַטיוו פון „בני־ברית" אין בוענאָס־איירעס, האָט זיך דער אינסטיטוט געשטעלט אַן אויפגאַבע צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם דורך געהעריקער אויפקלערונג־אַרבעט און קאָנטאַקטן מיט דער נישט־יידישער וועלט, לויט די מעטאָדן פון „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי". דער אינסטיטוט גיט אַרויס בראָשורן וועגן יידישע ענינים. גרייט צו אַ שפּאַנישן לערנבוך פון יידישער רעליגיע פאַר די שולן, וואָס נייטיקן זיך אין אַזאַ אויסגאַבע.

דער אינסטיטוט ווערט אָנגעפירט פון חשובע עסקנים, וואָס זענען אַקטיוו אין דעם אַלגעמיינעם און יידישן לעבן פון לאַנד.

אויך די יידישע קהילה אין בוענאָס־איירעס טוט קולטור־אַרבעט. די פרייע זונטיק־פרימאָרגנס, מיט לעקציעס אין יידיש און אין שפּאַניש ציען צו אַ גרויסן עולם, בפרט ווען עס קומען אויסלענדישע לעקטאָרן. ענלעכע לעקציעס קומען פאָר אין ראָזאַריאָ.

אויך אַנדערע אינסטיטוציעס, ווי לאַנדסמאַנשאַפטן, ציוניסטישע קלובן, פרויען־אָרגאַניזאַציעס גיבן זיך אָפּ מיט קולטור־טעטיקייט, אָבער על־פּי־רוב טראָגט עס אַ צופעליקן כאַראַקטער און זיי זענען טעטיק נאָר אין שייכות מיט באַזוכן פון אויסלענדישע כוחות. אַלע אינסטיטוציעס האָבן ביבליאָטעקן, וואָס זענען מיט קליינע אויסנאַמען ווייניק גענוצט.

אַמאָל האָבן יידישע ביבליאָטעקן געשפּילט די ראָלע פון קולטור־צענטערן אין אַרגענטינע. אַרום זיי זענען געווען דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן, פאָרגעקומען לעקציעס. אַזאַ ביבליאָטעק איז נאָך היינט, אָבער אין אַ שטאַרק פאַרקלענערטער פאָרם, די „קדימה" אין מ אָ ז ע ס ו י ל, די ביבליאָטעק אין באַסאַווילבאַסאָ, די ביבליאָטעק אין ראָזאַריאָ, די פּרץ־ביבליאָטעק אין טוקומאַן, די שלום־עליכם ביבליאָטעק אין קאָרדאָוואַ און אַ סך אַנדערע.

ביי די ספרדים איז אַפילו אַזאַ זכר לחורבן נישטאָ. די קול־טור־טעטיקייט פאַר די דערוואַקסענע איז אין זייערע קלובן הינ־טערשטעליק לגבי די אַשכנזים. לעקציעס זענען באַ די ספרדים בכלל אַן אומבאַקאַנטע אינסטיטוציע, חוץ רעדנער בעת קאַמ־פּאַניעס.

די דייטשע יידן פירן אַ קולטור־טעטיקייט מיט אייגענע כו־חות. זיי גיבן אַרויס שפּאַנישע ביכער פון היסטאָרישן און רע־ליגיעזן אינהאַלט.

דער צענטער פון קולטור־אַרבעט זענען די יידישע שולן. שוין דער פאַקט גופא וואָס אַרום זיי זענען זיך מתעסק טוער און וואָס די שולן האָבן על־פּי־רוב אייגענע, באַקוועמע בנינים, פאַרוואַנדלט זייער אַרבעט אין עפּעס וואָס איז אַ סך ברייטער, ווי סתם שול־טעטיקייט.

דאָס שול־וועזן אין אַרגענטינע דאַרף מען היסטאָריש אויס־שיילן אין דריי תקופות: די עלטסטע, דאָס איז די שול־בויאונג אין די קאָלאָניעס פון 1891 ביז 1911. די שולן זענען געווען גאַנצע חיגוד־אַנשטאַלטן, אין וועלכע מען האָט אויך געלערנט יידישע ענינים. מיט דער צייט זענען אַ ריי שולן אין די קאָלאָניעס אַרי־בער צו דער רעגירונג, ממילא האָט שוין דער יידישער כאַראַק־טער נישט געקאָנט אָפּגעהיט ווערן. די „יידישע קאָלאָניזאַציע־גע־זעלשאַפט“ (ייקא) האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע פאַרוואַלטונג וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן יידישן חינוך. דאָס איז געווען דער „ועד החינוך הראשי“. דער באַגריף „יידישע דערציאונג“ איז פאַרשטאַ־נען געוואָרן אין זין פון רעליגיעזן חינוך לויטן אַלטן שטייגער. דער ועד האָט געשאַפן גאַנצע שולן און אויך ספּעציעלע קורסן אויף צוגרייטן לערערס פאַר דעם מין חינוך, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ דערגאַנצונג צו דער פאָלקס־שול־בילדונג. שפּעטער האָט דער

זעלבער וועד זיך מתעסק געווען מיט די שולן אין די שטעטלעך וואָס אַרום די קאָלאָניעס, און אויך אין די גרעסערע שטעט, וווהין ביסלעכווייז האָט אַ טייל יידן אָנגעהויבן עמיגרירן פון די דאָזיקע קאָלאָניעס גופא.

די צווייטע תקופה פון שול־טעטיקייט נעמט אַרום די יאָרן 1911—1921. דעמאָלט האָט די „ייקא" איינגעזען, אַז אַזוי גוט די דאָרפישע, ווי אויך די שטאָטישע יידישע ישובים, זענען שוין פי־נאַנציעל בכוח און אויך גייסטיק דערוואקסן אַליין צו זאָרגן פאַר דער יידישער דערציאונג פון זייערע קינדער און זי האָט ליקווי־דירט איר אויסשליסלעכן קאָנטראָל איבער די שולן, איבערגעבנ־דיק די זעלבע צו אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך מסעסק געווען מיט זיי. אין די פריערדיקע יאָרן האָט די אינ־סטיטוציע, דער „ועד החינוך הראשי" אויך געהאַט דעם קאָנטראָל איבער די תלמוד־תורהס און עטלעכע ספרדישע שולן אין בוענאָס־איירעס, אָבער לעצטנס באַגרעניצט זיך איר טעטיקייט כמעט נאָר אויף דער פּראָווינץ.

אין 1917 האָט אַזוי אַרום דער וועד קאָנטראָלירט 153 שולן. אין יאָר 1939 האָט די „ייקא" זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון איר אויטאָריטעט איבערן יידישן חינוך געפירט פון וועד און די פאַר־וואַלטונג איז אַריבער אין די הענט פון „כנסת ישראל בארגנטינא" (די סינאַגאָגע אויף ליבערטאַד גאַס), וואָס איז אגב דער עלטס־טער קהילה־צענטער אין אַרגענטינע. דער „ועד החינוך הראשי" האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע פאַרבעסערן דעם מעמד פון די שולן און אָנשטאָט יידישע צוגאָב־שולן אויפבויען יידישקייט־שולן. אין 1947 האָט ער געשאַפן דעם שוין פריער־דערמאָנטן „מכון ללמודי היהדות", אַ טיפּ פון אַ ישיבה און אַן אַלגעמיינע מיטלשול, וועלכער האָט אין 1951 געהאַט 61 תלמידים און 20

לערערס. דער צוועק פון דעם אינסטיטוט איז אויסצובילדן לערערס פאַר די יידישע אָנפאַנג־שולן און אויך כלי קודש. זיין לערן־פּראָגראַם נעמט אַרום העברעאיש, ליטעראַטור, תנ״ך, תלמוד א. א. וו. אַ געוויסע צאָל פון זיינע אַבסאָלווענטן פאַרנעמען שוין איצט לערער־אַמטן. דער מכון ווערט געפירט אין אָרטאָדאָקסישן גייסט. דער גרעסטער טייל פון זיינע תלמידים קומט פון דער פּראָווינץ און ווערט אויסגעהאַלטן אין אַ ספּעציעלן אינטערנאַט. אין 1950 האָט ער געעפנט אַ לערער־סעמינאַר פאַר מיידלעך.

אין 1950 האָט דער „ועד החינוך הראשי״, וואָס זיין שפּאַנישער נאָמען איז: „קורסאָס רעליכיאָסאָס דע לאַ רעפּובליקאַ אַרגענטינאַ״, אָנגעפירט מיט 66 עלעמענטאַר־שולן און 14 קינדער־גערטנער, וואָס ציילן 1,112 קינדער און 95 לערערס. די גרעסטע צאָל קינדער האָט די שול אין ראָזאַריאָ (200). דאָס זענען אָבער נאָך אַלץ צוגאָבשולן. אין מאָזעסוויל איז פאַראַן אַ לערער־סעמינאַר „יהדות״ מיט 36 תלמידים.

גאָר אַנדערש האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אויספורעמען דאָס שול־וועזן אין בוענאָס־איירעס. בעת די שטאָט האָט געציילט 10,000 יידן האָט זי נאָך קיין יידישע שול נישט געהאַט (1899). ערשט אין 1906 גרינדעט מען די ערשטע תלמוד־תורהס און שולן. אין 1912 האָט בוענאָס־איירעס 15 שולן, אַלע פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. די צאָל יידישע קינדער איז געוואקסן, אָבער נישט אין די שולן. אין די אָרן 1912 און 1923 איז די צאָל קינדער, וואָס האָבן באַקומען וועלכע עס איז יידישע דערציאונג, געוועזן די זעלבע, און אין 1929 אַפילו מיט אַ דריטל קלענער. די סיבה דערפון איז געווען וואָס בוענאָס־איירעס האָט שוין געהאַט אַ יידישן עלעמענט וואָס האָט זייערע קינדער נישט געוואָלט שיקן אין די אַלט־פרענקישע רעליגיעזע שולן און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אייגענע

שולן אויף דער באַזע פון אידעאָלאָגישע אָריענטאַציעס. די פּועלי־ציון זענען געווען די ערשטע צו גרינדן אַזאַ שול אין 1908. שפּע־טער זענען צוגעקומען שולן פון אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער גע־עפנט פון דער „קולטור־פעדעראַציע". אין 1917 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע מאָדערנע שול אין בוענאָס־איירעס. דאַן זענען געשאַפן געוואָרן די באַראָכאָוו־שולן, וואָס האָבן אין 1927 גע־ציילט אַכט שולן. אַזוי אַרום זענען אין 1924 געווען דריי פאַרשי־דענע טיפּן פון יידישע וועלטלעכע צוגאָב־שולן. די דאָזיקע שולן זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן אין זייער טעטיקייט אַ דאַנק די שלי־חים פון די יידישע וועלטלעכע שולן אין פּוילן, וואָס זענען געקו־מען אַהער פירן אַקציעס לטובת די אייגענע שולן. פּאַראַלעל מיט דער יידישיסטישער ריכטונג האָט אָנגעהויבן בויען שולן די העב־רעאיסטישע שיטה. עס זענען אָבער געקומען די שווערע יאָרן פון 1930—1933, ווען די דעמאָלסדיקע רעגירונג פון דעם לאַנד האָט געמאַכט שוועריקייטן דעם יידישן שול־וועזן אונטערן חשד פון קאָמוניזם. נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט זיך גראָד אין יענער צייט פאַרפעסטיקט די שול פון דער בונדיסטישער „געזעלשאַפט פאַר וועלטלעכע שולן", דאָס איז די איצטיקע י. ל. פּרץ־שול, וועל־כע האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר אויסגעבויט אַ פיינעם אייגענעם בנין אין צענטער פון דער שטאָט. אין 1934 האָט זיך געעפנט די שלום עליכם שול, וואָס האָט אין 1940 באַקומען אַן אייגענעם בנין, וועלכער איז געווען דער ערשטער גרויסער שול־בנין און האָט געוויזן דעם וועג פאַר ווייטערדיקער בוי־טעטיקייט. אין 1935 האָבן זיך געעפנט 8 קאָמוניסטישע מענדעלע מוכר ספרים־שולן, וואָס האָבן זיך מיט צוויי יאָר שפּעטער פאַרמאַכט. אָבער היינט צו טאָג עקזיסטירן דאָך עטלעכע שולן פון דער „פּראָ־גרעסיווער" טענדענץ, די גרעסטע פון וועלכע איז די זשיטלאָווסקי־

שול מיט אַן אייגענעם בנין. אין די שולן פון די ביז־איצט דערמאָנ־טע דריי ריכטונגען פּרעדאָמינירט דער לימוד פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, כאָטש לעצטנס ווערט דאָרט אויך געלערנט אַביסל העברעאיש.

עס איז אויך פאַראַנען אַ צווייטע גרופּע שולן, וואָס לייגן דעם טראָפּ אויפן לימוד פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור און אויף דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, כאָטש אויך די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור פאַרנעמען אין דעם לערן־פּראָגראַם אַ בכבו־דיקן פּלאַץ. די גרעסטע און וויכטיקסטע פון דעם טיפּ שולן איז די ח. נ. ביאַליק־שול פון דעם בוענאָס־איירעסער געגנט ווילאַ־קרעס־פּאָ, וועלכע ווערט באַטראַכט ווי אַ מאָדעל־שול און האַלט איצט אין פאַרענדיקן אַ פּרעכטיקן אייגענעם בנין, וואָס וועט איר דערמעגלעכן שטאַרק אויסצוברייטערן די טעטיקייט. צו דעם סאָרט שולן באַלאַנ־גען אויך די תל־אביב־שולן, 5 אין צאָל, וואָס פאַרמאָגן אויך כמעט אַלע אייגענע בנינים און זיי האַלטן זיך אין איין אויסשפּרייטן אין כמות און אין איכות.

די דריטע ריכטונג אין אַרגענטינער יידישן שול־וועזן, די רייך־העברעאיסטישע איז דערווייל צאָלמעסיק די שוואַכסטע פון אַלע. פונדעסטוועגן פאַרמאָגט זי שוין אויך עטלעכע גוטע שולן, למשל, די ח. נ. ביאַליק־שולע אין אַוועזשאַנעדאַ (אַ שטאָט אין נאָענטער שכנות מיט בוענאָס־איירעס) און די נחמן גערזאָנג־שולע אין צענ־טער פון שטאָט. עס איז צו דערוואַרטן, אַז אונטערן איינפלוס פון מדינת ישראל וועלן געגרינדעט ווערן מער ריין העברעאישע שולן אין דער נאָענטער צוקונפט.

די דאָזיקע דינאַמישע שול־טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט דער נייער אימיגראַציע, וואָס איז געקומען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַ יונגער עלעמענט מיט שטאַרקע

קולטור־פּאָליטישע אָריענטאַציעס און אַ פּראָדוקט פון פעסט־פּאָר־מולירטע אידעאָלאָגיעס.

דער נאַציזם האָט אינטענסיפיצירט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסט־זיין פון דעם האַלב־אַסימילירטן אַרגענטינער געבוירענעם דור. די אַרבעט פון דעם פרישן אימיגראַנטישן דור האָט געהאָלפן הייבן דעם פּרעסטיזש פון דער יידישער שפּראַך און קולטור. עס קומען אויף יידישע צייטונגען, פאַרלאַגן. אַזוי אַרום האָט די נייע אימי־גראַציע געהויבן דעם פּרעסטיזש פון יידישן לשון.

די דאָזיקע שול־באַוועגונג האָט אויף דער פּראָווינץ כמעט קיין שום ווירקונג נישט געהאַט, מחמת דעם וואָס זייער ווייניק פון די אימיגראַנטן האָבן זיך באַזעצט נישט אין בוענאָס־איירעס.

געשאַפן לויט פּאַרטייאישע אידעאָלאָגיעס זענען די דאָזיקע שולן געווען אויף אַזויפיל דערפּאָלגרייך, אויף וויפל דער צופאַל האָט צוגעשפּילט מיט געפינען אַ ברייטע באַזע פון סימפּאַטיקער אָדער יחידישע, פאַרמעגלעכע שטיצערס. דאָס איז די סיבה פאַר־וואָס בונדיסטן און לינקע פּועלי־ציון און טיילווייז אויך די קאָמו־ניסטן זענען געווען די ערשטע צו עפענען אייגענע שולן. די עקאָ־נאָמישע פּראָספּעריטעט אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און אויך בעת דער מלחמה האָט אין אַ גרויסער מאָס גע־האָלפן דעם פיזישן רחבות פון די דאָזיקע וועלטלעכע יידישע צו־גאָב־שולן אין אַרגענטינע. די געדונגענע, באַשיידענע דירות זענען ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן און אַן אימפּאָנירנדיקע נעץ פון אייגענע בנינים האָט באַשיינט די יידישע גאַסן פון בוענאָס־איירעס. די שיינקייט און קאָמפּאַרט האָט אויך מיטגעווירקט און באַווירקט כדי יידישע עלטערן זאָלן שיקן זייערע קינדער לכל הפּחות אויף אַ פּאָר שעה אַ טאָג אין די דאָזיקע אידיליש־יידישע שולן.

ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל

שטיצן די שולן פון זייער אידעאָלאָגישער ריכטונג. די „צענטראַ־לע וועלטלעכע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (צווישאָ) רעפּרעזענטירט די לינקע פּועלי־ציון, די „געזעלשאַפט פאַר וועלטלעכע שולן" — די בונדישע, דער „איקוף" — די לינקע שולן.

די דאָזיקע קאָמיטעטן אָבער האָבן נישט געקאָנט העלפן די שולן. כדי די דאָזיקע שולן זאָלן באַקומען אַ שטיצע אָן מקריב זיין זייער אידעאָלאָגיע האָט געמוזט געשאַפן ווערן אַ נייטראַלע קער־פּערשאַפט וואָס זאָל אַזאַ סיסטעמאַטישע שטיצע דורכפירן. דער לאָגישסטער אַדרעס איז געווען די קהילה, וואָס האָט דורך איר „ועד החינוך", וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער לעגאַלער באַשיצער פון די שולן, אָנגעהויבן האָבן אַן אַדמיניסטראַטיוון קאָנ־טראָל איבער אַלע יידישע דערציאונג־אינסטיטוציעס, אומאָפּהענ־גיק פון ריכטונג און אידעאָלאָגיעס. דער „ועד החינוך" האָט רע־קאָמענדירט די שולן וואָס דאַרפן קריגן געדעקט אַ טייל פון זייער בודזשעט. אין 1941 האָט די קהילה אויסגעצאָלט 45,000 פּעזעס פאַר די שולן, בעת זייער צאָל איז געווען 49 און אין 1949 ביי 53 שולן — שוין אַ סומע פון אַ קנאַפּן מיליאָן פּעזעס, ד"ה דורכ־שניטלעך 18,000 פּעזעס פאַר אַ שול. די סובסידיעס דאַרפן דעקן 40% פון די שול־בודזשעטן.

חוץ די 53 שולן האָט בוענאָס־איירעס צוויי מיטלשולן און אַן ערך 28 קינדער־גערטנער. אין די דאָזיקע שולן זענען אין 1950 געווען 8,493 קינדער, פון דעם 2,167 אין די קינדער־גערטנער און 486 אין די מיטלשולן.

דער לערער־סעמינאַר, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1940, ווערט אויסגעהאַלטן פון דער קהילה. אין 1951 האָט ער געהאַט 470 תלמידים און 20 לערערס. אויך זיין לערן־פּראָגראַם איז באַ־זירט מער אויף העברעאיש, אָבער תלמוד ווערט ווייניק געלערנט.

עס זענען פאַראַנען צוויי מכינות און זעקס גראַדן, אַזוי אַז די גאַנ־צע לערן־צייט געדויערט אַכט יאָר. ביים סעמינאַר פונקציאָנירן אויך קורסן פאַר פרעבליסטינס און נאָרמאַליסטינס (יונגע לערער־קעס מיט רעגירונגס־דיפּלאָמען, וועלכע ווילן פאַרגרעסערן זייערע ידיעות פון יידיש, העברעאיש, יידישע געשיכטע א. א. וו.). די תלמידים פון סעמינאַר זענען כמעט אַלע פון בוענאָס איירעס.

אויסער דעם זענען פאַראַנען אין בוענאָס־איירעס אַ פאַך־שולע פון אָרט, אין וועלכער עס ווערט געלערנט די יידישע שפּראַך, און אַן אָרטאָדאָקסישע ישיבה אויפן נאָמען פון חפץ־חיים זצ״ל, וווּ מען לערנט אויך אַ פאַך. אָט די ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1943 דורך אַ יידן אַן אָנהענגער פון אָגודת ישראל, וועלכער האָט זי אויך אויסגעהאַלטן. אין יאָר 1951 זענען געווען 35 תלמידים און 4 לערערס. דער לערן־קורס געדויערט 5 יאָר. אין די ערשטע יאָרן ווערט געלערנט תנך און שפּעטער גמרא מיט פּוסקים. עס ווערן אָנגענומען בלויז שילער וואָס האָבן פאַרענדיקט אַ מלוכהשע פאָלקס־שול. אַ האַלבן טאָג ווערט געלערנט אַ פאַך: זייגערמאַכע־ריי, גאָלדשמידעריי, וועבעריי א. א. וו. יעדן מאָנאָט ווערט אָוועק־געלייגט אין אַ ספּעציעלער קאַסע פאַר יעדן תלמיד אַ געוויסע סו־מע געלט, אַזוי אַז ווען ער ענדיקט דאָס לערנען, האָט ער מיט וואָס אָנצוהייבן צו אַרבעטן זעלבסטשטענדיק. די שילער עסן מיטיק און פאַרנאַכט אין אַנשטאַלט. די לערן־שפּראַך איז נאַטירלעך יידיש.

סך־הכל באַזוכן די דאָזיקע שולן 20% פון אַלע יידישע קינ־דער אין שול־עלטער. אמת, אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1949 איז דאָס אַ פּראָגרעס, ווייל דעמאָלט האָט נאָר 17% יידישע קינדער באַזוכט די יידישע שולן. עס האָט זיך אָבער ווייניק וואָס געביטן וואָס שייך די צאָל יאָרן וואָס די קינדער באַזוכן די שולן. ווייניקער פון 10% פון אַלע קינדער וואָס גייען אין אַ יידישער שול פאַר־

ענדיקן זייערע לימודים. על־פי־רוב גייען זיי נישט מער ווי די ערשטע דריי יאָר. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס אַזוי ווייניק קינדער באַזוכן די מיטלשולן.

אויף דער פּראָווינץ איז דער מעמד פון יידישן שול־וועזן בכלל אַ שלעכטער, הגם קיין גרויסע פינאַנציעלע שוועריקייטן האָבן די דאָרטיקע שולן נישט. קודם־כל ווערן די דאָזיקע שולן אויסגע־האַלטן פון אַ ספּעציעלן קרן־החינוך, וואָס פירט דורך יעדן יאָר אַ ספּעציעלע קאמפּאניע לטובת די דאָזיקע שולן. אין אייניקע שטעט האַלט אויס די שולן די קהילה. אַ סך פון זיי האָבן שיינע בנינים און זענען פּעדאַגאָגיש גוט אָוועקגעשטעלט.

די „כנסת ישראל בארגנטינה" גיט זיך אָפּ נאָר מיטן רע־ליגיעזן חינוך בכלל און מחוץ דער הויפּטשטאָט בפרט. סעפּטעמ־בער 1949 איז גערופן געוואָרן אַ באַראַטונג מכוח דעם רעליגיעזן חינוך. די פראַגע פון פאַרבעסערן דעם פּעדאַגאָגישן מצב פון די תלמוד תורהס און זען אַז זיי זאָלן אויסערלעך אויסזען שענער, איז שטאַרק דיסקוטירט געוואָרן. דאָס וועלטלעכע יידישע שול־וועזן האָט אין דעם פּרט אויפגעטון ממשותדיקעס שוין מיט דעם גופא, וואָס עס האָט באַווירקט דעם פיזישן פּראָגרעס פון די רע־ליגיעזע שולן. תלמוד־תורהס האָבן אָנגעהויבן בויען אייגענע בני־נים און זאָרגן פאַרן עסטעטישן אויסזען, כדי אויף אַזאַ אופן קאָנען צוציען מער קינדער.

מיט דער ברייטער פּעריפעריע פון שולן פון כל המינים. ווי יידישע, יידיש־העברעאישע, העברעאישע, שפּאַניש־העברעאישע, ווי אויך וועלטלעכע אָדער רעליגיעזע, באַפרידיקן זיי נישט סיי די רעליגיעזע און סיי די וועלטלעכע יידן פון דעם אשכנזישן סעקטאָר. עס ווערט רייף דער געדאַנק פון אינטעגראַלע, ד"ה גאַנ־צע שולן. נאָך אין 1949 האָט די צ ו י ש א באַשלאָסן צו

עפענען אַ גאַנצע שול. דערווייל איז דער באַשלוס נישט רעאַליזירט געוואָרן. בלויז אין דער שטאָט קאָרדאָווא איז לעצטנס געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו מיט אַ העברעאיש־יידישער אינטעגראַלער שולע, וועלכע האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן. דאָס קען ווערן אַ סטימול אויך פאַר בוענאָס־איירעס און אַנדערע שטעט.

די פּעדאַגאָגישע רעזולטאַטן פון די דאָזיקע צוגאָב־שולן זענען דערווייל מאָגערע. וועגן דעם ווערט אַ סך דיסקוטירט אין דער אַרגענטינער יידישער פּרעסע און מען זוכט אַן אויסוועג.

אין פאַרגלייך מיטן שול־וועזן פון די ספרדים זענען די שולן פון די אַשכנזים אין אַ סך אַ שווערער לאַגע, מחמת דעם וואָס ביי זיי שטייט תמיד די פראַגע פון דריי שפּראַכן (העברעאיש, יידיש און שפּאַניש), בעת די ספרדים האָבן נאָר די פראַגע פון שפּאַניש און העברעאיש. ביי די ספרדים איז דער חינוך געווען און איז קודם כל אַ רעליגיעזער. די ערשטע שולן האָבן אויך געהאַט אַ שפּראַכן־פראַגע. געבויט אויף דעם יסוד פון לאַנדסמאַנשאַפטן זענען די שולן געווען געפירט אין די שפּראַכן וואָס די ספרדים האָבן געבראַכט מיט זיך פון די לענדער פון וועלכע זיי זענען געקומען. די שול „יסוד הדת", געשאַפן פון די יידן פון אַלעפּאָ אין 1908, איז געווען געפירט אין אַראַביש. אין 1939 האָבן די אַלעפּער ספרדים אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע געביידע. העברעאיש ווערט געלערנט אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם מיט לערער וואָס שטאַמען פון ארץ־ישראל, אַז די שול האָט וואָס שייך ידיעות אין העברעאיש אַ גוטן רעקאָרד. די טערקישע יידן האָבן אַן אייגענע קהילה מיט אַ שול.

אַ מאָדערנע העברעאישע שול, „עדת ירושלים", האָבן די ספרדים וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין „אַסאָסיאַסיאָן קאָמונידאַד איזראַעליטאַ סעפאַראַדי". די סיריער־ליבאַנעזער האָבן אין בוענאָס־איירעס דריי שולן, פון זיי איינע אַ גאַנצע. אויף 35,000

ספרדים אין בוענאָס־איירעס זענען אין די שולן, וואָס על־פּי־רוב זענען דאָס טיילן פון סינאַגאָגעס, פאַראַן 1,231 קינדער. די שולן ווערן קאָנטראָלירט פון די שול־פאַרוואַלטונגען פון די קהילות. קיין צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פאַר ענינים פון יידישן חינוך האָבן די ספרדים נישט. לויט די ידיעות וואָס עס זענען פאַראַן, איז דער פּראָצענט קינדער וואָס באַקומען נישט קיין יידישע דערציאונג ביי די ספרדים קלענער, ווי ביי די אשכנזים. וואָס שייך אָבער דעם מעמד פון חינוך, איז ער בעסער דאָרטן ווו עס קומט אַריין אַן אַשכנזי ווי אַ לערער. בדרך כלל, חוץ די פּאָר גוטע העברעאישע שולן, איז דער פּעדאַגאָגישער מצב פון די ספרדישע שולן אַן אַלט־מאָדישער.

די דייטשע יידן האָבן בכלל קיין שפּראַך־פּראָבלעם נישט, ממילא איז ביי זיי דער ענין יידישע דערציאונג על־פּי־רוב אַ רעלי־גיעזע' מיט אַ שטאַרקן העברעאיש־נאַציאָנאַלן אונטערטאָן. אויף דעו' פּראָווינץ שיקן דייטשע יידן זייערע קינדער אין די שולן קאָנ־טראָלירט פון „ועד החינוך הראשי".

די אַלגעמיינע לימודים באַקומען אַלע יידישע קינדער אין די שולן פון לאַנד. אין די מיטלשולן איז דער פּראָצענט יידישע תלמי־דים פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך העכער, ווי נישט־יידישע. אַ באַדייטנ־דיקע צאָל זענען געוואָרן שפּעטער לערער אין די אַרגענטינער שולן. אין 1946 איז די צאָל יידן־לערער אין אַלע גראַדן געווען 608. ווען עס קומט צו העכערע שטודיען קלייבן יידן אויס מעדי־צין, דענטיסטיק, יוריספּרודענץ און אינזשיניעריע.

אַ וויכטיקע ראָל אין אַרגענטינע שפּילט די יידישע פּרעסע. אין בוענאָס־איירעס דערשיינען דריי טעגלעכע צייטונגען, דריי וואָכנבלעטער און עטלעכע חודש־ און סתם פּעריאָדישע שריפטן. אויף שפּאַניש דערשיינען פינף וואָכנבלעטער און זיבן אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

הגם די יידישע פּרעסע אין דער שפּאַנישער שפּראַך איז גרעסער און רייכער, דאָך ווען עס קומט צו יידישע ענינים איז די פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך מער אויטאָריטאַטיוו ביים ישוב, ווי די שפּאַנישע, אַפילו ביי די וואָס לייענען זי נישט. פאַר דער שפּאַניש־יידישער פּרעסע איז גראָד די יידישע פּרעסע דער הויפּט־מקור פון ידיעות און אפילו פון אַרטיקלען. אין דעם פּרט האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע געשפּילט אין דער פּראַק־טיק אַ קאָנסטרוקטיווע ראָלע וואָס שייך הייבן די חשיבות פון דער יידישער פּרעסע. די גרויסע, פּערמאַנענטע קאמפּאניעס, די אָפטע באַזוכן פון אויסלענדישע געסט פון מדינת ישראל, פון די פּאַראיי־ניקטע שטאַטן, האָבן גורם געווען צו באַפעסטיקן די ראָלע פון יידיש, ווי דעם איינציקן פאַרבינד־אינסטרומענט מיט דער דרויסנ־דיקער וועלט. אין דעם צוזאַמענטרעפן זיך מיט דער אַרגענטינער געבוירענער יוגנט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פּ אַ ס י וו ע קענטעניש פון יידיש איז ביי איר אַ סך שטאַרקער, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס ווערט געשאַצט אַז 40% פון די לייענער פון יידישע צייטונגען לייענען נאָר יידיש און 60% לייענט יידיש און שפּאַניש, ווייל יידישע נייס באַקומט מען נאָר פון יידישע צייטונגען. 40% פון אַלע יידן לייענט נאָר די לאַנד־פּרעסע. פון די אַלגעמיינע צייטונגען פון לאַנד לייענען יידן על־פּי־רוב די ליבעראַלע בלעטער. אין דער אַרגענטינער פּרעסע שפּילן יידן אַ קליינע ראָל הן ווי אַרויסגעבערס, והן ווי שרייבערס, מיטן אויסנאַם פון טעאַטער, מוזיק און קונסט־קריטיק. עקאָנאָמיש שפּילן יידן נישט קיין גרויסע ראָלע וואָס שייך אַנאָנסן אין דער אַלגעמיינער פּרעסע, מחמת דעם וואָס אין דער גרויסער אינדוסטריע זענען זיי ניט שטאַרק פאַרטראָטן.

אין קולטורעלן לעבן פֿון אַרגענטינע שפּילט דאָס בוך אַ חשובֿע ראָלע. עס זענען פֿאַראַן אַ פּאָר ייִדישע פֿאַרלאַגן, פֿון וועלכע דער גרעסטער איז דער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרלאַג ביים פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע ייִדן, וואָס גיט אַרויס די סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ (אַרויס עד־היום 75 בענד). די ייִדישע ביכער ווערן אויך אַ סך פֿאַרקויפֿט אין אַנדערע לענדער, בפֿרט אין מדינת ישׂראל. עס זענען אויך פֿאַראַן אַ ריי שפּאַניש־ייִדישע פֿאַרלאַגן, ווי „עדיטאָריאַל איזראַעל“, וואָס גיט אַרויס גוטע איבערזעצונגען פֿון ווערק וועגן ייִדישער געשיכטע, דער פֿאַרלאַג „כודאַיקאַ“, וואָס האָט יאָרן לאַנג אַרויסגעגעבן אַ חודש־זשורנאַל און אַ ריי איבערזעצונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, און דער פֿאַרלאַג „סאָסיעדאַד העבראַיקאַ“, וואָס חוץ אַ זשורנאַל גיט ער אַרויס יודאיקא אין שפּאַניש.

אַ ייִדיש בוך דרוקט זיך דורכשניטלעך אין 2000 עקזעמפּלאַרן, אויף שפּאַניש וואָס האָט אַ סך אַ ברייטערע פּעריפֿעריע אין אַלע לענדער פֿון לאַטיין־אַמעריקע — אין אַן ערך 3,500.

דער ייִד אין אַרגענטינע האָט ליב טעאַטער. הגם עס זענען פֿאַראַן אין לאַנד ייִדישע שוישפּילער, דאָך איז דאָס טעאַטער על־פּי־רובֿ געבויט אויף גאַסטראָלן פֿון צפֿון־אַמעריקאַנישע שפּילער, וואָס אָרגאַניזירן דאָ אַ טרופּע און שפּילן אַ סעזאָן, וואָס געדויערט זיבן חדשים. חוץ דעם איז פֿאַראַן אַ ליבהאָבער קרייז, „ייִדישער פֿאָלקס־טעאַטער“ (איפֿט) וואָס פֿירט אויף יעדן יאָר אַ ביי פּיעסע און שפּילט זי נאָר סוף־וואָך. די פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן אין צאָל פֿון 120 זענען אָרגאַניזירט אין אַ פֿאַראיין. די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון ייִדישן טעאַטער איז אַ שווערע אַזוי, אַז דער אַקטיאָר קאָן נישט ציען קיין חיונה פֿון ייִדישן טעאַטער. דער ייִדיש־רעדנדיקער ישובֿ איז נישט גרויס גענוג אויף אויפֿצוהאַלטן צוויי שטענ־

דיקע טעאַטערס, וואָס וואָלט געווען דער מינימום כדי צו באַשעפ־טיקן אַלע יידישע אַקטיאָרן. די פּראָווינץ גייט בכלל נישט אַריין אין באַטראַכט, חוץ אפשר אַ צוויי־דריי שטעט, ווען מען טראַכט וועגן יידישן טעאַטער.

אין דעם אַלגעמיינעם אַרגענטינער טעאַטער, וואָס איז נישט אויף קיין הויכער מדרגה, שפּילן יידן אַ געוויסע ראָלע ווי דראַמאַ־טורגן, דירעקטאָרן און אַקטיאָרן. דאָס זעלבע איז שייך דער ראַדיאָ.

אין דער וועלט פון מוזיק זענען יידן מער אויספּירער, ווי שאַפער, הגם לעצטנס זענען שוין געווען די ערשטע סימנים פון יידישער אויסצייכענונג אויף דעם פעלד פון קאָמפּאָזיציע. קיין דיריגענטן־יידן פון גרויסע אָרקעסטערס זענען נישטאָ, דערפאַר איז אָבער די צאָל מוזיקער־יידן גאָר אַ גרויסע.

אויף דעם געביט פון פּלאַסטישע קונסטן זענען יידן נאָך אַלץ אין פּיאָנערישער סטאַדיע. די גרעסטע צאָל יידן־פּלאַסטיקער זע־נען אימיגראַנטן און נאָך אַלץ איזאָלירט אין זייער אייגענער וועלט.

אין דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון אַרגענטינע זע־נען יידן נאָך אַלץ דעביוטאַנטן; אין דער וויסנשאַפט, בפרט אין מעדיצין, באַווייזן זיך יידן פאָרשער. די קלינישע אַרבעטן פון יידישן שפּיטאָל אין בוענאָס־איירעס, וואָס דערשיינען זינט 1938, האָבן באַקומען אַן אַלגעמיינע אָנערקענונג. אויף דעם געביט פון גייסטיקער טעטיקייט זענען יידן נאָך נישט געקומען צום וואָרט. ווי איבערזעצערס אויף שפּאַניש פון פרעמדע שפּראַכן זענען די יידן אין אַרגענטינע געוואָרן פּראָמינענט. די דאָזיקע איבערזעצער עפע־נען פענצטער פון דער וועלט־קולטור פאַר דעם אַרגענטינער עולם. אין פּרט פון זאַמלען און פאַרשפּרייטן דאָס שפּאַנישע בוך זע־נען יידן שוין וויט אַריבער די פּיאָנערישע תקופה. זיי זענען בכלל

געוואָרן אַ קולטור־כוח. זיי פּילן אָן די קאָנצערטן און פאָרשטעלונ־גען אין זייער „העבראַיקאַ״, אין דעם אַלגעמיינעם טעאַטער, אין דעם באַרימטן אָפּערע־ און קאָנצערט־פּלאַץ „קאָלאָן״ אאז״וו.

אַ דאַנק יידן האָט די הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע באַקומען אַ טעמפּאָ. ווי עס פּאַסט זיך פאַר דער דאָזיקער שטאָט, וואָס באַ־שטייט פון איזאָלירטע ישובים, וואָס יעדער איינער פון זיי, די יידן איינגערעכנט, האָט בייגעשטייערט צו דעם אייראָפּעאישן נוסח, וואָס האָט פריש געמאַכט דעם גייסטיקן און קינסטלערישן קלימאַט אין לאַנד.

6. מדינת־ישראל און די יידן אין אַרגענטינע

די יידישע באַפעלקערונג אין אַרגענטינע איז על־פּי־רוב ציוני־ניסטיש, ממילא איז זי עמאָציאָנעל פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. אין אַרגענטינע איז דאָס טעאָרעטישע אין ציוניזם נישט אַזוי וואָ־גיק, ווי דאָס פּראַקטישע, וואָס דריקט זיך אויס אין פּערמאַנענ־טע קאַמפּאַניעס און עמאָציאָנעלן נאָכפאָלגן די פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען אין מדינת ישראל. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן שפּילן די הויפּט־ראָלע אין אַלע ציוניסטישע אַקטיוויטעטן, הגם אין די לעצטע יאָרן זענען די ספרדים אויך נישט געבליבן היני־טערשטעליק, און אַרבעטן דערווייל איזאָלירט, אין אייגענע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע פאַראיינען, מער צוגעפּאַסטע פאַר זייער מענטאַלי־טעט.

דער טעאָרעטישער געדאַנק פאַרנעמט אַ קלענערע ראָלע אין אַרגענטינער ציוניזם, ווי, למשל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער באַלעבאַטישער ייד איז אַן אַלגעמיינער ציוניסט, פּונקט ווי ער איז אויך פאַרטראָטן אין דער קאָמוניסטישער ריכטונג. די סיבה

דערפון איז וואָס דער ייד וואָס איז געקומען קיין אַרגענטינע איז בדרך כלל געווען קאָנסערוואַטיוו, וואָס שייך זיינע אידעאָלאָגישע אָריענטאַציעס. איז ער געקומען מיט אַ פּראָלעטאַרישער אידעאָ־לאָגיע האָט ער קאָנסערוואַטיוו אָפּגעהיט זיין אני־מאמין אַפילו ווען דאָס איז געווען אין אַ שרייענדיקער סתירה מיט זיין בור־זשואַזן מעמד, צו ווען ער האָט גאָר שנעל דערגרייכט אין די קאָניוקטור־יאָרן פון דער מלחמה. די לינקע פּועלי־ציוניסטן וואָס האָבן בכלל געשפּילט אַ ראָלע אין דער קולטור און שול דינאַמיק פון ישוב זענען געווען מיליטאַנטישע קאָמוניסטן. מיט דער צייט האָבן זיי דורך נישט־דעקלאַרירן זיך פּאַר אַזעלכע אַביסל אָפּגע־שוואַכט דעם דאָזיקן פּונקט אין זייער פּראָגראַם, הגם עמאָציאָנעל זענען זיי נאָך אַלץ שטאַרקע מאמינים פון דער רויטער פּאַרגאַנ־גענהייט וואָס קאָן אפשר ווערן לויט זיי די אמתע צוקונפט.

דער באַלעבאַטישער כאַראַקטער פון ציוניזם האָט גורם גע־ווען, אַז מיטן אויסנאַם אפשר פון עקסטרעמע רעוויזיאָניסטן, זע־נען קיין פאַרשפּיצטע חילוקי־דעות אין די ריכטונגען נישטאָ. דער־פאַר איז דער פּועלי־ציוניזם פון דער איצטיקער רעגירונג־פּאַרטיי (מפאי) געשטיגן אין חשיבות ביי די יידן אין אַרגענטינע. דאָס באַ־ווייזט אויף וויפל די אידעאָלאָגישע פלוקטואַציע אין אַרגענטינער ציוניזם איז ענג פאַרבונדן נישט אַזוי מיטן ציוניסטישן געדאַנק, ווי מיט דער פּאָליטישער לאַגע אין מדינת ישראל גופא.

די נאַציסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז פאַר און בעת דער מלחמה געווען געפערלעך שטאַרק און האָט עד־היום איבערגעלאָזט שטאַר־קע שפּורן אין דער אַרגענטינער באַפעלקערונג. אונטער דער מאַסקע פון אינטעגראַלן אַרגענטיניזם און אַנטי־יענקיזם פירן סאָ־לידע גרופּעס אָן ווייטער אַן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנ־דע. אויך די אַראַבישע באַפעלקערונג האָט מיטן אויפקום פון מדינת

ישראל אינטענסיפיצירט איר אַנטי־יידישע אַקציע, וואָס האָט נאָך דער מפּלה פון די נאַציס אָנגעהויבן פאַלן.

דאָך איז דער ווּקס פון ציוניזם נישט געקומען ווי אַ פּועל־יוצא אָדער אין שייכות מיטן ווּקס פון אַנטיסעמיטיזם. דער מזרח־אייראָפּעאישער סעקטאָר, אפילו דער לינקער טייל זיינער, איז זעלטן געווען אָפן אַנטי־ציוניסטיש אין אַזאַ פאָרנעם, אַז דאָס זאָל ווערן געזעלשאַפטלעך וואָגיק און וויכטיק. דער חילוק דריקט זיך אויס אין אויסטיילן געוויסע אידעאָלאָגיש־נאָענטע ריכטונגען אין מדינת ישראל און מאַניפעסטירן די סאָלידאַרישקייט דורך אייגענע, מער לשם דעמאָנסטראַציע, ווי פּראַקטישן נוצן, קאַמפּאַניעס און זאַמלונגען.

דערפאַר איז אין אַרגענטינע ציוניזם מער אַן ענין פון שוואונג, ווי פון קלאָר פאָרמולירטע פּאַרטיי־ליניעס. על כל פּנים זענען אַלגעמיינע ציוניסטן און די מפּא״י די סאַמע רעפּרעזענטאַטיווע. פעסטשטעלן דאָס אין טערמינען פון פּאַרטיי־מיטגלידער אין סטאַטיסטישער עווידענץ איז אַן ענין, אַן אוממעגלעכער. עס איז נישטאָ קיין ספק אַז אָרגאַניזאַציאָנעל נעמט אַרום דער אַרגענטינער ציוניזם בלויז אַ קליינעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, כאָטש אַלע שיכטן אירע זענען רעפּרעזענטירט אין דעם זעלבן און אַ גרויסע מערהייט פון אַרגענטינער יידן זענען אָן צווייפל ציוניסטיש געשטימט. אַ ספק קען אפשר צוגעלאָזט ווערן בלויז בנוגע דער אין אַרגענטינע געבוירענער פּראָפעסיאָנעלער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע פילט זיך שטאַרק אַרגענטיניש, איז ראַדיקאַל וואָס שייך איר סאָציאַלער אידעאָלאָגיע און קאָסמאָפּאָליטיש וואָס שייך איר פּראָפעסיאָנעלער קולטור, אָבער גלייכצייטיק אויך ווייט פון יעדן באַנאַלן פּאַטריאָטיזם. ס׳קען זיין, אַז אָט דער שיכט אינטעליגענץ פאַרנעמט ניט דעם געהעריקן פּלאַץ וואָס קומט אים

לויט זיין באַדייטונג, אין דער אָנפירונג פון די ציוניסטישע פּאַר־טייען און אָרגאַניזאַציעס, אָבער ער באַשטייערט זיך פּאַר די ציו־ניסטישע און ישראלדיקע פאָנדן מסתמא נישט אין קיין קלענערער מאָס ווי אַנדערע סעקטאָרן פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַ גאַנצע רייע פּראָפעסיאָנאַלן, צווישן זיי אפילו עטלעכע גאַנץ פּרעס־טיזשפולע, זענען שוין עולה געווען קיין ישראל. אַפילו אין אייני־קע קיבוצים געפינען זיך שוין אַרגענטינער יידישע פּראָפעסיאָ־נאַלן.

דערפאַר איז אָבער אַ גרויסער טייל סטודענטישע יוגנט דווקא פון אַרגענטינער געבוירענע עלטערן שטאַרק ציוניסטיש און אָרגאַ־ניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט די סאַמע עקסטרעמע ריכטונגען אין ציוניזם, מער אויף רעכטס, ווי אויף לינקס.

פון דער דאָזיקער יוגנט האָבן זיך רעקרוטירט די ערשטע עולים וואָס זענען אַוועק קיין ישראל זיך דאָרטן צו באַזעצן און געגרינדעט אַ קאָלאָניע פון לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישער יוגנט. זעקס הכשרות אָנגעפירט פון דער יידישער אַגענץ גרייטן צו 200 חלוצים פאַר ישראל. ביז איצט זענען 650 יידן אַוועקגעפאָרן זיך באַזעצן אין ישראל. די אַלגעמיינע חלוצישע באַוועגונג אין אַר־גענטינע ווערט געשאַצט אין עטלעכע טויזנט יוגנטלעכע.

אין אָנהייב האָט מען פּראָגנאָסטיזירט אַז דער אויפקום פון מדינת ישראל וועט גורם זיין אַ פאָלקס־עליה. די דערוואַרטונגען זענען נישט מקוים געוואָרן, הגם פּראָפּאָרציאָנעל איז מען פון אַרגענטינע געפאָרן מער, ווי למשל, פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מאָראַליש האָט דער עצם אויפקום פון מדינת ישראל געהאַט אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע השפּעה אויף די יידן אין אַרגענטינע בכלל און אין די קלענערע ישובים בפרט. די קאַמפּאַניעס זענען געוואָרן אַ דינאַמישער כוח, וואָס האָט חוץ געלט אויך געשאַפן אַ שטי־

מונג, וואָס ווערט אָבער נישט פאַרטיפט אידעאָלאָגיש און נאַציאָ־נאַל. וואָס שייך ביישטייערן זיך פאַר מדינת ישראל, איז הגם וואָס די וואַלוטע איז געפאַלן, און די לינקע אָבסטרוקציע האָט געבראַכט שאָדן, דאָך זענען די געשאַפענע סומעס גאַנץ באַדייטנדע. אַזאַ קליינער ישוב ווי רעסיסטענסיאַ למשל, וואָס איר קהילה־בודזשעט האָט אין 1949 באַטראָפן 40.000 פעזעס, האָט דעם זעלבן יאָר געשאַפן פאַר מדינת ישראל 23,000 פעזעס.

נישט האָבנדיק געניג אייגענע פירער, האָט אַ קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער יוגנט־פעדעראַציע געשיקט 30 יוגנטלעכע אויף אַן אייניאָריקן קורס קיין ישראל. אין 1948 איז געגרינדעט גע־וואָרן אַ צענטראַלער ציוניסטישער ראַט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַל־געמיינע ענינים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דאָס אָנקומען פון יעקב צור, דעם ערשטן ישראל־מיניסטער אין אַרגענטינע (10טער אויגוסט 1949) איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַניפעסטאַציע פון גאַנצן ישוב. אויף דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע יידן האָט די יידישע באַפעלקערונג ספּאָנ־טאַן בייגעשטייערט אויף צו קויפן אַ רעפּרעזענטאַטיוון בנין פאַר דער ישראל־לעגאַציע.

הגם די אַרגענטינער רעגירונג האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטי־מען פאַר מדינת ישראל, האָט זי אָבער שפּעטער ביי אַ פּאָר גע־לעגנהייטן דעמאָנסטרירט אירע סימפּאַטיעס פאַר ישראל. דער אָפיציעלער זשורנאַל פון דער האַנדלס־קאַמער האָט אין 1949 גע־ווידמעט אַ ספּעציעלן נומער מדינת ישראל.

אַרגענטינע האָט געשלאָסן מיט ישראל אַ האַנדלס־אָפּמאַך. דער פּרעזידענט פּעראָן האָט זיך באַטייליקט אין דעם באַנקעט וואָס מען האָט איינגעאָרדנט דעם 3טן מאַרץ 1950 לכבוד דעם ערשטן אַרגענטינער מיניסטער אין מדינת ישראל, אַ מיט־

גליד פון דער יידישער פּראָגיסטישער גרופּע „איא״. אַרגענטינע איז געווען פון די ערשטע לענדער צו שיקן אַ מיניסטער און אויסקלייבן דווקא אַ יידן פאַר איר פאַרטרעטער.

בדרך כלל קען געזאָגט ווערן, אַז ביי די אַרגענטינער יידן איז פאַראַנען אַ לעבעדיקע און שטאַרקע שטרעבונג זיך צו פאַר־בינדן דירעקט מיט מדינת ישראל דורך ספּעציעלע ווערק און מע־שים, אויסער די אַלגעמיינע געלט־זאַמלונגען. אַזוי האָט די בוע־נאָס־איירעסער קהילה באַשלאָסן צו בויען אַ פּאַוויליאָן אויפן נאָ־מען פון דעם דיכטער שאול טשערניכאָווסקי אין „גבעת־הסופר״, אַ קולטור־הויז אין לאַטיין־אַמעריקאַנער קיבוץ מפלסים, ווו די אַר־גענטינער יוגנטלעכע זענען אַ מערהייט, און ענלעכע ווערק אויך אין אַנדערע קיבוצים וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַרגענטינער יידישער יוגנט. מיט די מיטלען פון דער באַקאַנטער איג־דוסטריאַלן־ און עסקנים־פאַמיליע מירעלמאַן איז אויסגעבויט גע־וואָרן אין נאות מרדכי (אַ קיבוץ אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבע־נעם אַרגענטינער ציוניסטישן מנהיג ר׳ מרדכי ראָזאָווסקי ז״ל) אַן עפנטלעכע געביידע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זייער פאַר־שטאָרבענער מוטער ז״ל. די געזעלשאַפט „פריינט פון מפלסים״ שאַפט די פינאַנציעלע מיטלען פאַרן בית־ילדים, וואָס ווערט איצט געבויט אין מפלסים. דער גאַנצער אַרגענטינער ישוב פּירט איצט, דורכן קק״ל, אַן אַקציע צו פלאַנצן אַ וואַלד אין אָנדענק פון דעם אַרגענטינער נאַציאָנאַלן העלד גענעראַל כאָסע סאַן־מאַרטין. דאָס אַלץ ווערט געטון נישט פאַרנאַכלעסיקנדיק די פאַרשידענע לאָקאַ־לע הצטרכותן און עס באַווייזט אַז די אַרגענטינער יידן גייען אויפן ריכטיקן וועג צו אַ געזונטן און פּילזייטיקן נאַציאָנאַלן לעבן.

דער וווּקס פון אַרגענטינער יידישן ישוב, דאָס בויען פון נייע אינסטיטוציעס און בנינים — אילוסטרירט קלאָר די דאָזיקע פעסט־שטעלונג.

7. דאָס פּראָבלעם פון אַקולטוראַציע

מיט מער ווי פופציק פּראָצענט יידן געבוירן אין לאַנד, שטייט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון אַרגענטינע פאַר אַ פּראָבלעם פון שאַפן יענע פאָרמען פון אַ קאָלעקטיווער געבונדנקייט, וואָס איז נויטיק כדי קאָנען ממשיך זיין אַ יידיש לעבן אין אַ לאַנד, וואָס הערט נישט אויף צו זיין די היים, אפילו פאַר די וואָס זענען אַזוי שטאַרק פאַרבונדן אידעאיש און עמאָציאָנעל מיט מדינת ישראל.

דער אַנאַליז פון די טיפן חברות און קלובן אין אַרגענטינע באַווייזט אַז נאָר דער אימיגראַנטישער דור לעבט זיך אין זיי אויס, ווייל זיי זענען אַ פּראָדוקט פון אַ מענטאַליטעט און אַ געזעלשאַפטלעכער קולטור, געבראַכט פון דער אַלטער היים.

די פּראָבלעמען פון קולטור־ירושה הייבן זיך אָן ביסלעכווייז אויסצושיילן און אַנטפּלעקן אַ טיפן תהום צווישן דעם אימיגראַנטישן דור און די היגע געבוירענע, אפילו ווען די צוויי דורות טיילן דעם זעלבן סאָציאַלן אָדער נאַציאָנאַלן אידעאַל.

נאָך זעכציק יאָר אַנטוויקלונג און בויאונג איז די יידישע שפּראַך און קולטור נישט געוואָרן די שפּראַך פון דעם הי־געבוירענעם דור און די קולטור פון דעם דערוואַקסענעם אַרגענטינער יידישן דור.

אין יאָר 1940 האָט אַ יידישער שרייבער אין אַרגענטינע געשריבן:

„דער פּראָצעס פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע פאַרטיפט זיך און פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע, אָן אויסנאַם, קיבוצים אין אַרגענטינע. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס איז אוממעגלעך לייקענען. אַפילו אין די אָמאָליקע פעסטונגען פון יידיש, ווי מאָזעסוויל אָדער ענ־

טרע־ריאָס קאָלאָניעס, הערט מען ביי דער יוגנט מער שפּאַניש ווי יידיש".*)

פּ. וואַלד, דער וועטעראַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע האָט אין 1946 געשריבן אַז „מען קען נישט נעגירן דעם פאַקט, וואָס אַ טייל פון יידישן פאָלק דאָ אין אַרגענטינע, ווי אין אַלע אַמעריקאַנער לענדער, לעבט אויף דער לאַנדשפּראַך און קען נישט קיין יידיש".**)

אין אַ פאָרשונג געמאַכט פון י. פּאַלאַטיצקי***) מכוח דער יידישער יוגנט אין דער ספּאָרט באַוועגונג אין בוענאָס־איירעס, איז צו זען אַז אין די ביבליאָטעקן פון זיבן ציוניסטישע יוגנט־פאַראיינען מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 3,410, פון זיי 74% געבוירן אין לאַנד, האָט מען געלייענט 67.5% שפּאַניש און דאָס איבעריקע יידיש. אויף 1,685 ביכער אין דער שפּאַנישער שפּראַך זענען געווען סך־הכל 165 יידישע און 43 העברעאישע ביכער. דערביי איז כדאי צו באַמערקן אַז 48% מיטגלידער זענען געווען אַרבעטער און 52% סטודענטן.

„די יוגנט לייענט נישט קיין יידיש — שרייבט אַ שול־טוער פון רעזיסטענסיאַ („אידישע צייטונג", 18טער יאַנואַר 1950). מיטן פאַרלאָזן די שול, ווערט ביי די קינדער איבערגעריסן דער אינטערעס צום יידישן בוך".

ער טענהט אַז אַפילו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס דאגהען זיך ווייניק וועגן דעם דאָזיקן מצב.

אַ דעמאָגראַפישע אויספאָרשונג געמאַכט אין מענדאָסאַ פון השומר הצעיר האָט באַוויזן אַז פון 153 עלטערן,ביידע פון מזרח־

---

*) יובל־בוך פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1940, 319.

**) יאָרבוך פון יידישן ישוב אין אַרגענטינע, 1945־46, זייט 33.

***) אַרגענטינער שריפטן פון ייווא, באַנד 3, 1945.

אייראָפּע, האָבן 53 צווישן זיך און צו זייערע קינדער גערעדט יידיש, און 60 האָבן גערעדטביידע שפּראַכן. דאַקעגן עלטערן גע־בוירן אין אַרגענטינע האָבן צו זייערע קינדער גערעדט נאָר שפּאַ־ניש.

די ציוניסטישע אַרבעט אין אַרגענטינע ווערט געפירט אויף שפּאַניש. על־פּי־רוב ווערט די ליטעראַטור אויך אַרויסגעגעבן אין שפּאַניש, הגם די שפּראַך פון גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען איז נאָך אַלץ יידיש.

אויב דער פּראָצעס פון טאָטאַלער אַסימילאַציע איז ביי די אשכנזים שוואַכער ווי ביי די ספרדים איז דאָס מחמת דעם, ווייל עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ „יידישע גאַס" און עס זענען פאַראַן אינ־סטיטוציעס וווּ יידיש איז די שפּראַך פון אַקטיוויטעטן. די ספרדי־שע יוגנט האָט דאָס נישט, זי האָט נאָר רעליגיעזע סימבאָלן, וואָס דערמאָנען איר וועגן יידישקייט.

אין פאַרגלייך מיט דער תקופה באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס יידישע קולטור לעבן אין אַרגענטינע איז געווען פּרימיטיוו און פּראָווינציעל, אַפילו אין בוענאָס־איירעס, זע־נען לעצטנס די האָריזאָנטן געוואָרן פיל ברייטער. דער דור פון 1891 איז געווען אַ יידיש־רעדנדיקער דור, איזאָלירט אין די ד' אמות פון דעם שטייגעריזם, וואָס אַ קאָלאָניע־לעבן האָט נישט גע־קאָנט צעשטערן, אָבער אויך ניט אַנטוויקלען אין קולטורעלן זין. זייער יידיש איז נישט געווען איבעריק רייך און זאַפטיק, ווייל אָן שום ליטעראַרישע טראַדיציעס, ממילא פאַרגליווערט אין זיין רויער, רודימענטאַרער פאָרם. מער אַ גערעדטע איידער אַ געלייענ־טע, איז די יידישע שפּראַך פון די קאָלאָניסטן, הגם דאָס לעבן איז געווען ווייט פון וועלכע עס איז אַסימילירנדיקע השפּעות, נישט געוואָרן און נישט געקאָנט ווערן אַ קולטור־שפּראַך, וואָס זאָל אימ־

פֿאַנירן די קינדער און וועקן חשיבות און פּיעטעט. די יידישע שפּראַך איז געווען מער דיאַלעקטיש קאָנסערוואַטיוו, איידער שפּראַכלעך פּראָגרעסיוו.

ווען די קינדער זענען אַוועק קיין בוענאָס־איירעס זענען זיי געווען, חוץ זייער שפּראַכלעכער שפּאַנישקייט, אויך נעגאַטיוו אָריענטירט לגבי וועלכע עס איז יידישע קולטור־ווערטן. מיט אַ ליידנשאַפֿט פֿון באַפֿרייטע פֿון די טראַדיציאָנעלע משפּחה־צוימען זענען זיי געוואָרן פּראַקטיש און געשטרעבט גיכער צו דער מאַכט פֿון קולטור, ווי אַ מיטל זיך דערהויבן סאָציאַל, און וויניקער צו דער קולטור וואָס מאַכט פֿון זיי „אמתע אַרגענטינער".

דער דאָזיקער דור האָט אַזוי אַרום קיין אינטערעס פֿאַר יידיש־קייט, אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמען דאָס זאָל נישט זיין, נישט גע־האַט. אַרעליגיעז, קאָסמאָפּאָליטיש און סאָציאַל אַגרעסיוו, האָט יענער דור זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום עבר און נישט געוואָלט וויסן און הערן וועגן יידיש, אַ שפּראַך, וואָס פּאַסיוו האָבן זיי נאָך גוט פֿאַרשטאַנען. די מחיצה צווישן יידיש און שפּאַניש איז געוואָרן צו טיף, אַז מען זאָל קאָנען געפֿינען אַ בריקל כדי זיי צו פֿאַראייניקן.

ווען עס איז געקומען די אויפֿלעבונג פֿון יידיש און די שטאַר־קע אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער קולטור אין זכות פֿון אַ נייער, נאַציאָנאַל און קולטורעל מער באַוווסטזיניקער אימיגראַציע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אויב די קינדער פֿון דעם דאָזיקן דור זענען מער אין אַ פֿריינדלעכער נייטראַליטעט לגבי דער שפּראַך און קול־טור פֿון זייערע עלטערן — איז זי אָבער נישט זייער שפּראַך און נישט זייער קולטור.

להיפּוך צו אַנדערע ישובים באַטייליקט זיך אַ גרעסערער פּראָצענט היגע געבוירענע אין דעם לעבן פֿון דער יידישער שפּראַך־

ספערע. מען זעט יוגנטלעכע אין יידישן טעאַטער, אויף יידישע לעקציעס, אפילו לייענען אַ יידישע צייטונג. ווייטער אָבער פון דער ספּאַראַדיש־מאַניפעסטירטער פּלאַטאָנישער ליבע גייט עס נישט.

צווישן לייענער פון אַ יידישן בוך געפינט איר נישט דעם יוגנטלעכן יידן אין אַרגענטינע. דאָס וועלטלעכע יידישע שול־וועזן, די צוגאָב־פּעדאַגאָגיק אויף די ראַנדן פון אַ רחבותדיקער אַל־געמיינער קולטור־דערציאונג, האָט נאָך קיין ממשותדיקע רעזול־טאַטן נישט געגעבן. שפּראַכלעכער נאַציאָנאַליזם איז אין די תנאים פון יידישער עקזיסטענץ נישט קיין גענוג שטאַרקער פּאַנצער קעגן דער אינוואַזיע פון אַסימילאַציע. אין דעם פּרט וועט קיין חילוק נישט זיין אויב דער שפּראַכלעכער נאַציאָנאַליזם וועט זיין אַ העב־רעאישער.

העברעאיש געפינט זיך אין אַ פּסיכאָלאָגיש בעסערער סי־טואַציע, ווייל די דאַזיקע שפּראַך טראָגט די היסטאָרישע קרוין פון אַ יונגער מדינה. עמאָציאָנעל שטייען די אַקציעס פון העברעאיש בעסער, אָבער לאָזן זיך נישט מער דיסקאָנטירן, ווי די יידישע אַק־ציעס, ווען עס קומט פּראַגמאַטיש האַנדלען אויף דער בערזע פון ניכטערן לעבן.

יידישע אייגנאַרטיקייט געבויט אויף די יסודות פון אַ רע־ליגיעז־עמאָציאָנעלן עטניציזם אין חינוך איז אין אַ לאַנד ווו יידי־שע רעליגיע ווי אַן אינסטיטוציע האָט קיין מאָל קיין טיפע וואָרצ־לען נישט געהאַט, אַ פּאַרשפּעטיקטער ענין.

דאָס אַרגענטינער יידנטום איז צו ראַציאָנאַליסטיש און אינ־סטיטוציאָנאַליזירטע רעליגיע איז פאַר אים עפּעס וואָס שמעקט מיט קלעריקאַליזם.

פון דער צווייטער זייט איז די שפּראַכלעכע היספּאַניזאַציע

זייער ווייט פון אַ טיפער, קולטורעלער אינטעגראַציע, פון ווערן אַ טייל, אַ שעפערישער און אַ קאָנסומירנדיקער אין דער קולטור פון לאַנד וווּ מען איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

די יונגקייט פון דעם אַרגענטינער יידישן ישוב און די אַלט־קייט פון דער קאַטוילישער איזאָלירנדיקער סופּרעמאַציע און דער גייסטיקער טאָטאַליטאַריזם — דאָס זענען די סיבות פון דער אַנאָרמאַלער לאַגע אין לעבן פון דער אַרגענטינער יידישער אינ־טעליגענץ. מיט קליינע אויסנאַמען לעבט זי אין דער שפּאַנישער שפּראַך־ספּערע, אָבער נישט אין דער ספּערע פון איר קולטור. זי קאָן ווייטער פון די ד׳ אמות די דאָזיקע קולטור נישט אַוועקטראָגן. פון די שולן און אוניווערסיטעטן איז די יידישע יוגנט געקומען צוריק אַהיים. דאָס אין וואָס די היים האָט זיך געניטיקט האָט זי נישט געקאָנט און אויך נישט געוואָלט געבן, דאָס וואָס זי האָט מיטגעבראַכט האָט קיין צופיל קאָנסומענטן צווישן די שפּאַניש־רעדנדיקע, אפילו נישט צווישן די ספרדים, נישט געקאָנט געפינען.

אין פאַרגלייך מיטן דורכשניטלעכן אַרגענטינער אינטעלי־גענט, איז דער יידישער פּראָפעסיאָנאַל אָדער אינטעליגענט, געווען קולטורעל פּראָגרעסיוו. די משפחה־קרייזן, אייגענע קלובן זענען געוואָרן די צענטערן פון זיין קולטורעלער טעטיקייט. דאָרטן האָט ער אויף שפּאַניש פאַרגעטראָגן אָדער געהערט רעדן וועגן ענינים, וואָס האָבן מיט עצם שפּאַנישער קולטור אַ קנאַפּן שייכות. אַנשטאָט זיך צו געטאָאיזירן מיט אַ לאָפּע דע וועגאַ, האָט דער אַסימילירטער ייד זיך געטאָאיזירט מיט דער גרויסער וועלט פון „אייביקע ווערטן" און „הומאַניסטישע אידעאַלן".

דאָס קערנדיקע, דאָס עצמדיקע אין דער גרויסער שפּאַנישער קולטור־טראַדיציע איז אים אין תוך פרעמד. די דאָזיקע אינטעלי־גענץ האָט פאַרביטן די יוצרות און מיינט אַז דאָס קענען אַ שפּראַך

איז אַדעקוואַט מיט דער קולטור פון דער דאָזיקער שפּראַך. דער־פאַר נעמט זי אויף, אַט די דאָזיקע אַסימילירטע יידישע אינטע־ליגענץ, אַזוי לייכט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע, וועלט פאַרבעסערישע לאָזונגען, וואָס ווערן אויסגעדריקט אין דער דאָזיקער שפּראַך אָדער איבערזעצט אויף איר. ביי איר איז שפּאַניש אַן אינסטרו־מענט פאַר אינטעלעקטועלער עמאָציע, אָבער נישט די עמאָציע פון נאַציאָנאַלן אינטעלעקט. דער אַרגענטינער געבוירענער ייד שרייבט אויף שפּאַניש, אָבער ער איז זעלטן אַ שפּאַנישער שרייבער. ער גליטשט זיך אויף דעם אייז פון דער אויסערלעכער עקזאָטיק און קאָלירפולן עטנאָגראַפיזם פון דעם גאַוטשאָ, ווייל דאָס פיקאַנטע און סאָציאַל־פאַרשפּיצטע איז אים נאָענט, אָבער צום דנאָ פון דעם היסטאָרישן נאַציאָנאַלן דערגייט ער נישט.

די דאָזיקע שרייבער איז אַזוי לייכט איבערזעצן, אַזוי ווי עס וואָלט אומבאַוווסטזיניקערהייט געווען ביי זיי די כוונה איבערגע־זעצט ווערן אין אַ וועלט־שפּראַך אוידיטאָריע.

דערפאַר איז די פּראָבלעמאַטיק פון יידישן זיין אין אַרגענטי־נע אַזוי קאָמפּליצירט. דאָס יידיש־פאָלקסטימלעכע לעבט מיטן כוח פון טראַדיציאָנעלער אינערציע און אַ סענטימענט פון אַ יורש, וואָס איז נאַציאָנאַל פאַריתומט געוואָרן — אָבער אָביעקטיוו און אינטעלעקטועל קאָן ער מיט דער דאָזיקער רירנדיקער ירושה נישט אימפּאָנירן.

אין דעם שטעקט דאָס טראַגישע.

די דאָזיקע טראַגעדיע איז נאָך טיפער ווען מען פאַרטראַכט זיך, אַז מען זעט נישט קיין סימנים פון פאַרטראַכטן זיך, אַז אויף דעם אַרגענטינער יידנטום רוקט זיך אָן אַ קולטור־פּראָבלעמאַטיק פון טראַגישע דימענסיעס.

דער וואָס דערפילט טראַגיזם הייבט שוין אָן זיין מער מענטש, ממילא אויך מער ייד.

באָליוויע

די רעפּובליק באָליוויע איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי שפּאַניע, איז לויטן שטח וואָס זי פאַרנעמט די פערטע רעפּובליק אין לאַטיין־אַמעריקע, און האָט אַ באַפעלקערונג פון פיר מיליאָן. די נאַציאָנאַלע הכנסה קומט פון דער מינען־אינדוסטריע, וואָס דאָמינירט אין דער עקאָנאָמיק פון לאַנד. זי שאַפט 95% פון באָליוויעס עקספּאָרט ווערטן. די שטייערן פון מינעראַלן גיבן דער רעגירונג 60% פון איר הכנסה. צוויי דריטל פון דער באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט אַגריקולטור און מלאכה. די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון לאַנד איז בכלל אַ קליינע. אויך די מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען אַן אינדוסטריע זענען געווען אַזוי קליין, אַז חוץ יחידים וואָס האָבן מעשה אַוואַנטוריסטן זיך געלאָזט קיין באָליוויע זוכן גליקן אַרום די קופּער־מינען — איז קיין גרעסערע איינוואַנדערונג נישט געווען.

אין 1904 פאַרבלאָנדזשען קיין לאַ פּאַז, די הויפּטשטאָט פון באָליוויע, עטלעכע רוסיש־יידישע משפּחות. אין 1917 געפינט מען שוין דאָרטן 25 משפּחות, אַלע סוחרים. אין 1932 ווערט אין גאַנצן לאַנד אָנגעציילט אַן ערך 200 יידן, פון זיי 100 אין לאַ פּאַז, 50 — אין סוקרע און די אַנדערע צעוואָרפן אין קליינע מקומות, על פּי רוב אַרום די מינעס. אַ געוויסער טייל פון די דאָזיקע יידן זענען געווען ספרדים. ערשט מיטן נאַציזם (1933) הויבט זיך אָן אַ יידישע איינוואַנדערונג, פאַרשטייט זיך פון דייטשע יידן. אין 1935 קומען אַהער אויך אַריין אַ 40 מזרח־אייראָפּעאישע מש־

פחות, אלע דורך ארגענטינע. א גרופע דייטשע יידן גרינדן אין 1940 א פארם־קאלאניע א״ג „בוענא טיערראַ״ אויף א שטח לאנד געשאנקען פון דער רעגירונג. אין 1943 זענען אויף דער דאזיקער קאלאניע געווען 160 נפשות. א צווייטע קאלאניע, אויך פון דייטשע יידן, האט אין 1943 געציילט 200 נפשות.

אין די יארן 1933 — 1942 האבן קיין באליוויע איינגעוואנדערט 7,000 יידן, אבער צוליב שווערע קלימאטישע באדינגונגען האבן 2,200 פארלאזן דאס לאנד. אין 1945 האט מען די יידישע באפעלקערונג געשאצט אויף 4,500 נפשות. וואס מער עס וואקסט די יידישע באפעלקערונג אלץ מער שטערונגען יורידישמאטיווירטע וואקסן ארויס פון די וואס האבן די דעה איבער די אימיגראציע־ענינים. דעם 6טן מיי 1940 ווערט ארויסגעגעבן א דעקרעט וואס פארווערט ארויסצוגעבן אפילו טראנזיט־וויזעס צו „פערזאנען פון סעמיטישן אפשטאם״. אין סעפטעמבער 1942 נעמט דעו' פארלאמענט אן א רעזאלוציע קעגן דער אימיגראציע פון „נעגערס, מאנגאלן און יידן״. כאטש דער סענאט האט די דאזיקע רעזאלוציע צוריקגעוויזן, זענען אבער פאקטיש די גזירות קעגן יידישע אימיגראנטן געבליבן. ווי א הנחה דיקטירט פון „קריסטלעכער ליבע״ האט די רעגירונג באוויליקט א געוויסע צאל וויזעס פאר יידישע מלחמה־יתומים. אזוי ארום זענען אין 1947 אריין לעגאל קיין באליוויע 359 יידן. זינט דאן אבער איז די אימיגראציע כמעט אין גאנצן אפגעשטעלט געווארן.

דער רוב יידן אין באליוויע זענען דייטש־ריידנדיקע. דער פאקט האט אין א גרויסער מאס גורם געווען די ארגאניזאציאנעלע פארמען פון דעם קליינעם יידישן ישוב. די מזרח־אייראפעאישע יידן האבן זיך לכתחילה ארגאניזירט אין א „סירקולא איזראעליטא״, א כמו־קהילה, אבער נענטער צו א סאציאלן קלוב. די דייטשע

יידן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ „יידישע קהילה", וואָס הייסט „קאָמוּנידאַד איזראַעליטאַ" וואָס הייסט אויף דייטש: „יידישע קולטור־געמיינשאַפט".

אין קלענערע ישובים זענען די דייטשע יידן אָדער די אייגציקע אָדער אין דער מערהייט. עס איז דעריבער געלונגען גאָר שנעל צו אָרגאַניזירן זיך אין קהילות, בויען שולן און אַנדערע אינסטיטוציעס. אין קאָטשאַבאַמבאַ, אַן אוניווערסיטעט־שטאָט מיט מילדע קלימאַטישע באַדינגונגען, וואָס ציילט קנאַפּע 100,000 איינוווינער, האָבן קנאַפּע 1,000 דייטשע יידן זיך דאָרטן באַזעצט, אויפגעבויט אַ טעמפּל און אַ קהילה־הויז מיט אַלע נויטיקע אינסטיטוציעס, ווי אַ קינדער־גאָרטן, ביבליאָטעק און אַ רעליגיעזע שול פאַר קינדער.

אין באָליוויע זענען פאַראַן אַכט שטעט וואָס האָבן אַ יידישע באַפעלקערונג. אין לאַ פּאַז ווערט די יידישע באַפעלקערונג געשאַצט אויף 2,600 נפשות. די קלענסטע גרופּע געפינט זיך אין פּאָטאָסי (175 יידן).

אַן ערך 85% באָליוויאַנער יידן לעבן פון מסחר. די אַנדערע זענען בעלי־מלאכות, ערד־אַרבעטער און פּראָפעסיאָנאַלן. עס איז זייער שווער אַ יידן אין באָליוויע צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנאַל, מחמת דעם וואָס אין 1948 איז אַרויס אַ דעקרעט וואָס לאָזט נישט צו „סעמיטן" צו געוויסע פּראָפעסיעס. אַלע באַמיאונגען פון אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס בטל צו מאַכן די דאָזיקע גזירה האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

בעת דער מלחמה איז דאָס יידישע לעבן אין באָליוויע געווען אונטער פּערמאַנענטע אַטאַקעס פון אַנטיסעמיטישע כוחות. די היגע דייטשן זענען כמעט אַלע געווען נאַציס און האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע דעה אין די רעגירונגס־קרייזן, אַז עס איז זיי געלונגען אין

1940 אפצושטעלן דאס דייטש־יידישע וואכנבלאט. די אנטי־יידי־שע קאמפאניע איז געווען געפירט סיסטעמאטיש פון דער דייטשער דיפלאמאטישער פארטרעטערשאפט אין באליוויע. די יידן איז אבער געלונגען זיך צו ארגאניזירן און אויסקעמפן וואגיקע פאַ־זיציעס אין דעם היגן עקאנאמישן לעבן. אין 1944 האט די „גע־זעלשאפט צו באשיצן די יידישע אימיגראנטן" („סאסיעדאד דע פראטעקסיאן א לאס אינמיגראנטעס איזראעליטאס"), ארגאני־זירט אין לא פאז די ערשטע יידישע עקאנאמישע אויסשטעלונג אין באליוויע. די צייטונג „אולטימא הארא" האט אין שייכות מיט דער דאזיקער אויסשטעלונג געשריבן:

„די יידן האבן זיך אין דער אמתן ארויסגעוויזן צו זיין דער סאמע פרוכטבארסטער פרעמדער ישוב אין לאנד, וואס גיט דאס בעסטע און דאס פולסטע פון זיינע פעאיקייטן, און פון זיין שעפע־רישער איניציאטיווע לטובת אונדזער נאציאנאלן פראגרעס".

שווערע יארן זענען אויך געווען אין דער צייט פון דער דיק־טאטור פון ווילי־אראעל (1943 — 1946), בעת יידן האבן באקומען דערלויבענישן צו זיין אימפארטערס. אין 1948 האט די ליבעראלע פארטיי אנולירט די דערלויבענישן, נישט ווייל מען האט זיי גע־געבן יידן, נאר ווייל דער דיקטאטאר האט דאס געטון, אבער גע־ליטן האבן דערפון נאר יידן.

נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, עקאנאמישע און גע־זעלשאפטלעכע, זענען יידן אין באליוויע ווייט פון הכנעהדיקייט. סאציאל איזאלירט, פארמשפט צו לעבן באזונדער, מוזן זיי שאפן א פארם פון לעבן, וואס זאל זיי צופרידנשטעלן. הגם דער אנטי־סעמיטישער קורס איז געפאלן, דאך קומט אויס די יידן צו קעמפן קעגן דעם אופן ווי עס ווערט אפיציעל אנגעגעבן, למשל, אן ארעסט פון א יידן. עס ווערט תמיד באצייכנט אז דער ארעסטירטער איז

אַ „סעמיט״. ווערט אַ ייד אַ בירגער, ווערן זיינע פּאַפּירן גע־שטעמפּלט, אַז ער איז אַ נאַטוראַליזירטער, כדי מאַכן אַן אונ־טערשייד צווישן אים און אַ געבוירענעם באָליוויאַנער. דאָס איז איינע פון די סיבות פאַרוואָס עס וואַקסט די יידישע אויסוואַנדע־רונג פון באָליוויע. פאַר דער גרעסטער מערהייט איז אָבער אַזאַ לייזונג מער נישטאָ. אַ קליינע גרופּע האָט באַקומען וויזעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ גרעסערע גרופּע האָט זיך באַזעצט אין טשילע און אין אַרגענטינע.

אַ דאַנק דער הילף פון דזשאָינט זענען אין באָליוויע אויפגע־קומען אַ ריי יידישע אינסטיטוציע. אין 1943 איז סובסידירט גע־וואָרן די אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן ספּאָרט־קלוב „מכבי״, אַ קינדער־היים און אַפילו אַ סינאַגאָגע.

די „סירקולאָ איזראַעליטאַ״ אין לאַ פּאַז האָט אין אויגוסט 1949 געמאַכט אַ חנוכת־הבית פון אַן אייגענעם צענטער, אין וועלכן עס איז קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן סעקטאָר. אין צענטער איז פאַראַן אַ שפּאַ־ניש־ריידנדיקע יוגנט־סעקציע און אַ דראַמאַטישער קרייז. אַ שול פאַר קינדער פעלט נאָך אַלץ.

די דייטש־ריידנדיקע יידן האָבן צענטערס אין אַלע 8 שטעט ווו יידן געפינען זיך. אייניקע, ווי למשל אין קאָטשאַבאַמבאַ, אָרו־ראָ האָבן אייגענע בנינים. אַנדערע ווי סוקרע, סאַנטאַ קרוז האָבן געדונגענע דירות. אין די צענטערס געפינען זיך רעליגיעזע קינ־דער־שולן.

צו די וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס געהערן: דער בני־בית, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער „האיאס״ און דער „אָרט״.

אין די צוויי גרעסטע יידישע ישובים, ווי לאַ־פּאַז און קאָ־טשאַבאַמבאַ איז מער אָדער ווייניקער דאָס יידישע לעבן אָרגאַני־

זירט און נישט געקוקט אויף די שטאַרקע פּראָ־מדינת־ישראל סענ־טימענטן, אָריענטירט אין תוך אויף דעם לאַנד ווו מען געפינט זיך, אָבער די לאַגע אין די קלענערע מקומות איז גאָר אַן אַנדערע. עקאָ־נאָמיש גייט די דאָרטיקע יידן גוט, אָבער גייסטיק זענען זיי אָפּגע־ריסן פון יידישן לעבן און קאָנען זיך נישט העלפן.

די דייטשע יידן, הגם זיי זענען שטאַרק ציוניסטיש, האָבן זיי אָבער נישט קיין יידישע קולטור־פּראָבלעמען, ווייל דאָס ביסל רע־ליגיעזע פונקציע באַפרידיקט זיי אין גאַנצן. גאָר אַנדערש איז מיטן מזרח־אייראָפּעאישן יידן. ער איז אויך אַ ציוניסט, אָבער ער וויל האָבן פאַר זיך אַ יידישע וויטאַליטעט. די פראַגע פון יידישער דער־ציאונג איז נאָך נישט געלייזט געוואָרן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין לאַ־פּאַז איז פאַראַן אַ גוטע, יידישע אינטעגראַלע שול און וואָס אויך די דייטשן האָבן אַ שול אין דריי שפּראַכן (שפּאַ־ניש, דייטש און העברעאיש). די גייסטיקע כוחות זענען באַשיי־דענע און די דרויסנדיקע הילף אַ מינימאַלע.

דער באָליוויאַנער יידישער ישוב האָט נישט קיין עקאָנאָמי־שע פּראָבלעמען. די פּאָליטישע לאַגע ווערט אויך אַ ביסל מער טאָ־לעראַנט. וואָס עס פעלט די דאָרטיקע יידן איז אַ יידישע פאָרמע, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון באָליוויאַנער לעבן און וואָס זאָל אויפהערן צו זיין אימיגראַנטיש לויט דער פּסיכיק און ווערן באָליוויאַניש, בפרט אַז דער נייער דור פאָדערט עס אַליין.

בראַזיל

1. דעמאָגראַפיש היסטאָריש בילד

אויף אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע 50 מיליאָן איינוווינער ציילט בראַזיל אַן ערך 125,000 יידן. די יידישע אימיגראַציע קיין בראַזיל האָט אונטער זיך אַ חשובע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט, ווייל דאָס איז דאָס ערשטע לאַנד אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט, ווו אַ ייד האָט געשטעלט אַ פוס. גראָד איז דער דאָזיקער ייד געווען אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט אין 1500 באַגלייט פּעדראָ קאַבראַל אין זיין נסיעה.

מיטן יאָר 1503 הויבט זיך אָן כמעט אָן אַן איבעררייס אַ יידישע איינוואַנדערונג קיין בראַזיל. ווען די באַדינגונגען זענען גינציקע קומען יידן פון פּאָרטוגאַל, האָלאַנד און אַנדערע לענדער. ווען די אינקוויזיציע, איינגעפירט אין 1621, שטערט דעם יידן אַריינוואַנדערן, קומט ער ווי אַ מאראַן. דער ערשטער רבנישער ספר אין אַמעריקע (דער „אוהל יעקב") איז געווען געשריבן אין בראַזיל. דער טייך גואַנאַבאַנאַ האָט אויף דער בראַזיליאַנער מאַפּע פון 1525 געהייסן ריאָ דאָס זשודעאָס. אין פּערנאַמבוקאָ האָט מען אין 1625 געשאַצט די יידישע קאָלאָניע אויף 5,000 נפשות. פאַר־זונקען אין דעם מער ברייטן ווי טיפן ים פון דער עקזאָטיש־קאָ־לירפולער בראַזיליאַנער באַפעלקערונג — האָבן יענע ממש פאַר־היסטאָרישע דורות יידן נישט איבערגעלאָזט קיין ממשותדיקע שפּורן פון זייער יידישער עקזיסטענץ, חוץ אפשר די

שטאַרק פאָלקלאָריזירטע לעגענדעס וועגן פיאָנערישער ענערגיע און ריטערלעכער גבורה, און אויך געוויסע סעמיטישע סימנים ביי אַ טייל איינוווינער.

עס פעלט המשך ביזן יאָר 1822, ווען בראַזיל פּראָקלאַמירט זיך זעלבסטשטענדיק. דעמאָלט האָט אַ גרופּע מאַראַנען מיט שוין זייער אַ פאַרחלשטן יידישן באַוווסטזיין זיך דערמונטערט דורך דערקלערן עפנטלעך אַז זיי זענען יידן.

אַ קורצע צייט נאָך דער דאָזיקער געשעעניש הויבן טערקישע און מאַראָקאַנישע ספרדים אָנקומען קיין בראַזיל. עס קומען אויף די ערשטע, נייע יידישע קהילות אין בעלעם, באַהיאַ, מאַנאַאָס און פּערנאַמבוקאָ. די ספרדים האָבן געפירט גרויסע מסחרים מיט טעקסטיל. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן קומען יידן פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און עסטרייך. זיי האָבן זיך באַזעצט אין סאַאָ פּאַולאָ, פּאָרטאָ אַלעגרע, פּאַססאָ פונדאָ, סאַנטאַ מאַריאַ און ריאָ דע זשאַנעיראָ.

אין יאָר 1903 האָט די יידישע קאָלאָניזאַציע אַסאָציאַציע (ייקא) געקויפט נישט ווייט פון סאַנטאַ מאַריאַ אַ שטיק לאַנד און געגרינדעט די קאָלאָניע פיליפּסאָן און אין יאָר 1910 אַ צווייט שטיק לאַנד אין ריאָ גראַנדע דאָ סול און געשאַפן די קאָלאָניע „קוואַטראָ אירמאַאָס" (די פיר ברידער).

אין 1914 האָט מען געשאַצט די צאָל יידן אין בראַזיל אויף 3,000, על־פּי־רוב פון מזרח־אייראָפּע. אַ טייל קאָלאָניסטן זענען אַוועק אין די שטעט און אַראָפּגעבראַכט קרובים פון דער אַלטער היים. 1920 הייבן אָן אַריינקומען גרעסערע גרופּעס אויך פון מזרח־אייראָפּע. אין די יאָרן 1925 — 1929 זענען אַריין 20,000 יידן. אין יאָר 1930 באַווייזן זיך די ערשטע באַאומרואיקנדיקע שוועריקייטן פאַר אימיגרירן. עס האָט גענומען פיר יאָר ביז די דאָזיקע

סימנים פון דיסקרימינאַציע זענען פאָרמולירט געוואָרן יורידיש און אַזוי אַרום געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ גזירה. די קאָנסטי־טוציע פון יאָר 1934 פאָרמולירט די אימיגראַציע־פּאָליטיק אַזוי:

„אימיגראַנטן וואָס קומען אַריין אין דער נאַציאָנאַלער טע־ריטאָריע (פון בראַזיל) זענען אונטערגעוואָרפן געוויסע באַשרענ־קונגען. די קוואָטע פון יעדן לאַנד דאַרף קיין מאָל נישט איבער־שטייגן יערלעך די גרענעץ פון צוויי פּראָצענט פון דער אַלגעמיי־נער צאָל פון די אויסלענדער, וואָס זענען שוין עטאַבלירט אין בראַזיל אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר".

אין בראַזיל האָט יעדער שטאָט קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט אימפּאָרטירן אימיגראַנטן אין דעם סכום וואָס די קוואָטע דער־לויבט, דורך שליסן דירעקט אָפּמאַכן מיט אויסלענדישע רעגירונ־גען. דאָס איז אָבער אַ רעכט וואָס ווערט וואָס שייך אימיגראַציע אַ פּריווילעגיע, צו וועלכער עס זענען זוכה אַ סך פרעמדע גרופּעס, אָבער נישט די יידישע.

אין 1936 בעת די יידישע באַפעלקערונג פון לאַנד האָט שוין באַטראָפן 41,000 נפשות, זענען אַריינגעקומען 12,773 פּערזאָן, פון זיי קרוב 27 פּראָצענט יידן. סוף 1937 איז שוין די אימי־גראַציע אין אַ מעמד פון אַ ירידה. סוף 1938 ווערט איינגעפירט אַ נייער געזעץ, וואָס דערלויבט אויף צוואַנציק פּראָצענט אימי־גראַנטן נישט־אַגריקולטור־אַרבעטער, און די איבעריקע 80 פּראָ־צענט מוזן געהערן צו דער קאַטעגאָריע.

בראַזיל ווי אַ לאַנד פון טראַנזיט־מיגראַציעס האָט באַקומען אַ ריי קלאָר־פאָרמולירטע געזעצן וואָס שייך וויזיט־וויזעס. זיי ווערן געגעבן נאָר אין פאַלן ווען עס ווערט דעפּאָנירט אַ געלט־גאַראַנטיע, אַז דער וויזיטאַנט וועט נישט בלייבן אין לאַנד. פּער־מאַנענטע וויזעס ווערן געגעבן נאָר די נאָענטסטע מיטגלידער פון

אַ משפחה, וואָס וווינט אין בראַזיל און איז בכוח אויסצוהאַלטן די קרובים ביז זיי וועלן ווערן זעלבסטשטענדיק. דאָס געזעץ האָט אויך פאָסטולירט אַז אַ וויזיט־וויזע קאָן פאַרביטן ווערן אויף אַ פערמאַנענטער, אויב די פערזאָן איז גרייט ווערן אַ פאַרמער, אָדער אַ טעכניקער פון וועלכן עס איז מין.

נישט געקוקט אויף די ערנסטע שוועריקייטן זענען אין די יאָרן 1933 — 1947 אַריינגעקומען 30,000 יידן. די דייטש־יידי־שע אימיגראַציע, וואָס קומט פאָר אין יענער צייט, האָט מיט צען פראָצענט פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב. דער גרויסער אונטער־שייד צווישן דער צאָל באַוויליקטע וויזיט־וויזעס לגבי פערמאַ־נענטע וויזעס האָט באַוויזן אַז די טוריסטן, על־פי־רוב דייטשע יידן האָבן געהאַט פאַרמעגלעכע קרובים, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דורכפירן אַזאַ פּראָצעדור, אין 1947, למשל, זענען פון 698 אימי־גראַנטן נאָר 98 (14%) געווען מיט פערמאַנענטע וויזעס. פון 2637 טראַנסמיגראַנטן זענען נאָר 369 געווען מיט פערמאַנענטע איינטריט־וויזעס.

אַזוי אַרום באַקומט זיך אַזאַ בילד פון דער דעמאָגראַפישער מאָביליטעט פון יידן אין בראַזיל:

אין די יאָרן	1900 — 1924	צאָל איינוואַנדערער	38,000
" " "	1925 — 1933	" "	30,245
" " "	1934 — 1939	" "	16,104
" " "	1940 — 1945	" "	4,156
" " "	1946 — 1948	" "	5,770
אומלעגאַלע אַריינגעקומענע			8,100 *)
סך־הכל			102,375

*) לויט דער סטאַטיסטיק אין „רעסקאַטע" פון 2טן סעפּטעמבער 1949, דעם שפּאַנישן אָרגאַן פון „האיאס".

אַזוי אַרום ווערט געשאַצט אַז אין יאָר 1949 האָט די יידישע באַפעלקערונג פון בראַזיל אויסגעמאַכט 118,000 נפשות. היינט צו טאָג ווערט געשאַצט אַז אין לאַנד איז פאַראַן אַן ערך 125,000 יידן.

אַן ערך 30 פּראָצענט בראַזיליאַנער יידן זענען היגע געבוי־רענע. אין קלענערע ישובים איז דער פּראָצענט אַ סך העכער. אין בעלעם, למשל, וואָס האָט אַ מערהייט ספרדים זענען דריי פערטל הי־געבוירענע. אגב האָט די דאָזיקע קהילה אַן אַלטן בית־עולם, וואָס שטאַמט פון 1842. די יידן אין בעלעם זענען די סאַמע אַסי־מילירטע אין לאַנד. דאָס זעלבע איז שייך די ספרדים אין פּאָרטאָ אַלעגרע.

די צאָל נאַטוראַליזירטע יידן איז נישט גרויס. מען מאַכט גרויסע שוועריקייטן ביים נאַטוראַליזירן זיך, בפרט פאַר יידן, וואָס שטאַמען פון רוסלאַנד.

יידן וווינען אין 23 גרעסערע שטעט און אין עטלעכע אַגראַר־דיסטריקטן. פון זיי איז די יידישע קאָלאָניע „קוואַטראָ אירמאַאָס“, וואָס די „ייקאָ“ האָט געגרינדעט די גרעסטע און ציילט 1,500 יידן.

אין די גרעסטע שטאָט־ישובים ווערט די יידישע באַפעלקע־רונג געשאַצט אַזוי:

ריאָ דע זשאַנעיראָ	40,000
סאַאָ פּאַולאָ	40,000
פּאָרטאָ אַלעגרע	8,000
רעסיפע (פּערנאַמבוקאָ)	2,000
בעלעם	2,000
בעלאָ האָריזאָנטע	1,500
קוריטיבאַ	1,500
באַהיאַ	1,200
סאַנטאָס	700

די אַנדערע זענען צעוואָרפן אין 14 שטעט און אין עטלעכע קאָלאָניעס.

די יידישע באַפעלקערונג אין בראַזיל האָט אַ קליינעם צו־וואוקס, מחמת די אימיגראַציע איז כמעט ווי אָפּגעשטעלט. וואָס שייך דעם נאַטירלעכן צוואוקס פעלן גענויע און פאַרלאָזלעכע דאַ־טעס.

די דייטשע יידן זענען על־פי־רוב קאָנצענטרירט אין סאַאָ פּאַולאָ, וואָס איז די גרעסטע אינדוסטריעלע שטאָט אין בראַזיל און אויך די סאַמע דינאַמישסטע וואָס שייך יידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן, הגם איר יידישע באַפעלקערונג איז כמעט די זעלבע ווי אין דער בראַזיליאַנער הויפּטשטאָט. ס אַ אָ פּ אַ ו ל אָ האָט אויך אַ גרעסערע צאָל יידישע פּראָלעטאַרישע און אָרימע עלע־מענטן. אין דעם סאַמע געדיכטן יידישן קוואַרטאַל פון סאַאָ פּאַו־לאָ (באָם רעטיראָ) האָבן אין 1937 געלעבט 8,000 יידן, פון זיי 90% אָרעמע. פון דעם דאָזיקן עלעמענט רעקרוטירט זיך די גרויסע צאָל פּעדלערס, וואָס די שטאָט האָט.

דער עקאָנאָמישער מעמד פון בראַזיליאַנער יידן איז בכלל אַ גוטער. די מלחמה־יאָרן האָבן מיטגעהאָלפן אַ סך פּעדלער ווערן סוחרים, און טיילווייז אַפילו פאַבריקאַנטן. וואָס שייך דער פּראָ־פעסיאָנעלער צעגלידערונג איז פאַראַן אַ וויכטיקער אונטערשייד צווישן די צוויי גרעסטע יידישע צענטערן אין בראַזיל: צווישן ריאָ און סאַאָ פּאַולאָ. אין ריאָ זענען די יידן על־פּי־רוב מזרח־אייראָ־פּעאישע מער פאַרטון אין האַנדל, דעם גרויסן אַזוי גוט ווי דעם קליינעם, וואָס איז אַ מער סטאַביליזירטע פאָרמע פון פּעדלעריי, וואָס באַשטייט אין פאַרקויפן אויף וועכנטלעכע אויסצאָלונגען. אין סאַאָ פּאַולאָ איז דער שטאַרקסטער עקאָנאָמישער עלעמענט דער דייטש־יידישער איינוואַנדערער, וואָס האָט געראַטעוועט אַ

טייל פון זיינע קאַפּיטאַלן, וואָס דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד האָט בכלל נישט פאַרמאָגט. דערפאַר איז אין סאַאָ פּאַולאָ די ראָלע פון יידן אין דער אינדוסטריע פון לאַנד אַ סך אַ גרעסערע. מחוץ די צוויי שטעט שפּילן יידן אַ שוואַכע ראָלע אין דער אינדוסטריע און זענען על־פּי־רוב באַשעפטיקט אין האַנדל. יידישע אַרבעטער זענען אין בראַזיל כמעט ווי נישט בנמצא. עס זענען נאָך דאָ קליינע וואַרשטאַטן מיט יידישע אַרבעטער, אָבער זיי פאַרשווינדן ביסלעכווייז, ווייל דער אַרבעטער ווערט אַ קליין־פאַבריקאַנט. עס איז אָבער פאַראַן אַ וואָגיקע צאָל יידן אָנגעשטעלטע ביי יידן־סוחרים און אויך אינטעלעקטועלע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע און גרויסן מסחר, ווי בוכהאלטערן, צייכנער און אַנדערע ענלעכע פּראָפעסיעס.

ווי אַ קוואָר־שניט פון עטלעכע שטיך־אַנקעטעס לאָזט זיך פעסטשטעלן מער אָדער ווייניקער אַזאַ סכעמע פון עקאָנאָמישער צעגלידערונג, וואָס איז אין איצטיקן מאָמענט דערגאַנגען ממש צו אַ מאָמענט פון סטאַביליטעט, נאָך דעם ווי דער סוף פון דער מלחמה האָט די צופעליקע מזל־פלוקטואַציע געבראַכט צו די ברעגן פון אַ ניכטערן בילאַנס.

אין ריאָ דע זשאַנעיראָ זענען באַשעפטיקט אין האַנדל פון יעדן מין און כאַראַקטער 70% יידן, אין אינדוסטריע 10%, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע 10%, פּראָפעסיאָנאַלן און באַאַמטע 5%. אין סאַאָ פּאַולאָ זענען אין מסחר פאַרטראָטן 40%, אין אינדוסטריע 45% און אין אַנדערע געביטן דער זעלבער פּראָצענט וואָס אין ריאָ. אין אַנדערע שטעט זענען 85% יידן באַשעפטיקט מיט מסחר און נאָר 5% אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. די ספרדישע גרופּע וואָס מאַכט אויס 10% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג איז כמעט גאַנצע הונדערט פּראָצענט באַשעפטיקט אין האַנדל.

די יידן זענען געוואָרן פּיאָנערן אין אַ ריי אינדוסטריעלע געביטן ווי טעקסטיל, פּאַפּיר־פאַבריקאַציע, געשטריקטע אויסאַרבעטונגען, מעבל־אינדוסטריע, קליידער אויסאַרבעטונגען, דאַמען־קאָנפעקציע, און אַ סך אַנדערע. אין דער בוי־אינדוסטריע פון לאַנד הויבן יידן זיך אָן שטאַרק אויסצייכענען ווי אַרכיטעקטן און בויער.

אַ דאַנק דעם וווּקס פון די יידישע אונטערנעמונגען וואַקסט די צאָל בראַזיליאַנער אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, ווייל די געזעצן פון לאַנד פאָדערן אַז אין יעדער פאַבריק וואָס באַשעפטיקט מינימום אַכט אַרבעטער, מוזן דריי פערטל פון די אַנגעשטעלטע זיין הי־געבוירענע.

די דייטשע יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד אויף אַ ביסל אַן אַנדערן אופן, ווי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן. דער דייטשער ייד איז קודם כל קיין מאָל קיין פּעדלער נישט געווען. ער האָט אַריינגעבראַכט אין לאַנד די דיאַמאַנטן־אינדוסטריע און נייע פאָרמען פון האַנדל.

אין פּראָצעס פון קריסטאַליזירן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן האָבן יידישע בענק געשפּילט גראָד אין בראַזיל אַ קלענערע ראָלע, ווי אין אַרגענטינע, למשל. אין בראַזיל זענען פאַראַן יידישע בענק, פּריוואַטע, געזעלשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע. על־פּי־רוב האָבן זיי זיך אַנטוויקלט פון גמילות חסדים קאַסעס, וואָס אין די ערשטע יאָרן פון אימיגראַנטישן לעבן, זענען זיי געווען אַ טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטן. מיט דער צייט אָבער זענען די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפטן אויפגעלייזט געוואָרן, מיטן אויסנאַם פון דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין סאַאָ פּאַולאָ, וואָס האָט אָבער זיין פריערדיקן כאַראַקטער אין גאַנצן פאַרלאָרן. די יידישע בענק אין בראַזיל

טראָגן נישט דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער ווי דאָס איז דער פאַל אין אַרגענטינע. אויך אין דעם אַלגעמיינעם באַנק־וועזן פון לאַנד שפּילן יידן זייער אַ באַשיידענע ראָלע.

2. די אָרגאַניזאַציע פון יידישן ישוב

די פאַרביקע צאָל פעלקער און ראַסן, וואָס באַוווינען בראַזיל איז אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נאָך אַ גרופּע, וואָס האָט אמת קיין ספּעציפישע עטנישע שטריכן נישט געהאַט, אָבער פאָרט געהאַט סימנים פון אַ באַזונדערער גרופּע. דאָס זענען די יידן.

בעת פון די אַלטע האָלענדישע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע און טיילווייז אַפילו פּוילישע איינוואַנדערער האָט זיך אין פּראָצעס פון דורות אַנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אַ בראַזיליאַנער טיפּ, נישט אַזוי אַ פּראָדוקט פון קולטור־אינטעגראַציע, נאָר ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ ביאָלאָגישער סימביאָזע, איז דער יידישער אַספּעקט אין אַ סך פּרטים ענלעך צום דייטשן עלעמענט אין בראַזיל. די אַלטע יידישע אימיגראַציע איז ביאָלאָגיש שפּורלאָז פאַרשוווּנדן, פּונקט ווי עס איז אויף דעם זעלבן אופן פאַרשוווּנדן די אַ סך גרעסערע אין צאָל דייטשע גרופּע. די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון אונדזער צייט האָבן ביי די דייטשן, וואָס האָבן זינט 1884 אויסגעמאַכט 4% פון דער אייראָפּעאישער אימיגראַציע קיין בראַזיל, אויפגעוועקט אַ ראַסן־נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט געבראַכט צו דער משונהדיקער אידעע וועגן וועלכער עס דערמאָנט הערמאַן ראַושנינג, אַז היטלער האָט געחלומט אויפצובויען אין בראַזיל אַ ניי דייטשלאַנד. דאָס האָט גורם געווען דעם וווּקס פון נאַציסטישע אַספּיראַציעס צווישן דער דייטשער קאָלאָניע אין בראַזיל, וואָס

בעת דער לעצטער מלחמה האָט זיך דאָס געלאָזט שטאַרק שפּירן אין לאַנד. די אַלגעמיינע זיכערקייט פון לאַנד און ספּעציעל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אין אַ סכנה. דער וואַקסנ־דיקער אַנטי־יידישער קורס האָט געמוזט אַרויפצווינגען אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַן אינסטינקטיווע נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ קאָלעקטיווע רעפּרעזענטאַנץ, וואָס זאָל זיך קודם־כל פאַרנעמען מיט אַליין־פאַרטיידיקונג. עס איז געווען נויטיק צו האָבן נישט אַזוי אַ קהילה־אָרגאַניזאַציע, ווי אַ דעת־הקהל־רעפּרעזענטאַנץ. אין בראַזיל איז געווען שווער און קאָמפּליצירט צו שאַפן אַזאַ בשותפותדיקע פּלאַטפאָרמע, מחמת דעם, וואָס אין פאַרגלייך מיט דער פאַרשיידנקייט פון עטנישע גרופּעס, וואָס האָבן געשאַפן דעם קאָלירפולן טעפּיך פון בראַזיליאַנער איינוווינערשאַפט, איז דער י י ד י ש ע ר ו ו ע כ ע ר באַשטאַנען פון פאַרשיידענע גרופּעס מיט פאַרשיידענע קולטור־ניוואָס, שפּראַכלעכע אונטערשיידן און רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פאַרמאַציעס — וואָס איז אין לעצטן סך־הכל געווען מער קאָמפּליצירט וואָס שייך פאַראייניקונג, ווי וועל־כע עס איז נישט אַנדערע עטנישע גרופּע.

קודם־כל זענען דאָס געווען די ספּרדישע יידן מיט פאַרשיי־דענע קולטור־היסטאָרישע ירושות, מיט לאַדינאָ, אַראַביש און פראַנצויזיש. וואָס עלטער איז אַ ספּרדישע גרופּע געווען אין לאַנד און וואָס רייכער זי איז געווען אַלץ אַ גרעסערע צאָל יחידים האָט זיך דורך געמישטע חתונות צונויפגעמישט מיטן בראַזיליאַנער־טום, ביזן ממש ביאָלאָגישן פאַרשווינדן. די מזרח־אייראָפּעאישע גרופּעס זענען געקומען אין פאַרשיידענע צייטן, ווי מאַנאָליטישע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אימיגראַנטישע גרופּעס און אַזוי אַרום זיך געהאַלטן צוזאַמען דאָ, אין דער נייער היים. די אידעע פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט־אחדות איז ביי יעדער פון די דאָזיקע גרופּעס

געבוירן געוואָרן אויפן וועג אַהער, ממילא האָבן זיי זיך לאַנגע יאָרן געהאַלטן שטאַרק צוזאַמען. דאָס זענען געווען די בעסאַראַ־בישע, די ליטווישע און די אוקראַינישע יידן. 1930 הויבן אָן אַריינצוקומען יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך (מיט אַ סך גאַליצישע יידן צווישן זיי) און אויך פון פראַנקרייך. די לעצטע זענען געווען פון דער הויכער ווירטשאַפטלעכער גרופּע מיט אַ שפּראַך, וואָס איז געווען די קולטור־שפּראַך פון דעם היגן אַריס־טאָקראַט און האַלבן־פעאָדאַל. זייערע יידישע אינטערעסן זענען אַפילו נישט געווען אויף דעם מעמד פון קאָנסיסטאָריעלער יידיש־קייט, וואָס האָט זיך שוין אויפן וועג קיין בראַזיל כמעט ווי אויס־געוועפּט. אין 1940 קומען אַריין האָלענדישע יידן מיט אַ שטאָלצן געפיל, אַז זיי זענען באַרופן ממשיך צו זיין די קאָלאָניאַלע פּיאָ־נערישקייט פון זייערע אבות פון 16טן יאָרהונדערט. אין דער זעל־בער צייט הויבן אָן אַריינצוקומען פּוילישע יידן פון דעם בורזשואַז־אַסימילירטן טיפּ, וואָס זייער רייד־שפּראַך איז פּויליש און דער אַלגעמיינער קולטור־ניוואָ פון אַ הויכן, מערב־אייראָפּעאישן שניט. צווישן זיי זענען אויך געווען משומדים מער פראָ־פאָרמאַ, כדי צו קענען אַריינקומען אין לאַנד, אָבער אַ סך פון זיי זענען ביי דער דאָזיקער באַקוועמער פאָרמע שפּעטער געבליבן.

שפּעטער זענען געקומען די דייטשע יידן. דער דייטשער ייד איז תמיד געווען וואָגיק אין בראַזיל נישט אין זיין אייגענעם זכות, נאָר אין זכות פון דער דייטשער קולטור און שפּראַך וואָס איז תמיד דאָ געווען וואָגיק. די דייטשן בכלל האָבן אין לאַנד גע־האַט אַ הויכן פּרעסטיזש, ממילא איז אויך דער ייד פון דייטש־לאַנד געוואָרן אַ מיט־שותף פון דעם פּרעסטיזש. דער בראַזיליאַ־נער האָט בכלל קיין אונטערשייד צווישן אַ ייד־דייטש און נישט־ייד־דייטש נישט געמאַכט. אין דער אַרבעט פון ראַטעווען יידן פון

נאַצי־דייטשלאַנד האָבן זיך קודם־כל שטאַרק באַטייליקט דווקא די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס האָבן געהאַלטן פון כל־ישראל און דעריבער מקיים געווען די מצווה פון פדיון שבויים לגבי יידן בכלל. דער דייטשער ייד האָט די דאָזיקע הילף אָנגענומען אָבער נאָכן אָנקומען קיין בראַזיל האָט ער נישט געוואָלט הערן און וויסן פון וועלכע עס איז בשותפותדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען מיט די מזרח־אייראָפּעאישע יידן. אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס די דייטשע יידן האָבן געשאַפן תיכף נאָך זייער איינוואַנדערונג, און געשאַפן האָבן זיי אַ סך, סאָליד און פעסט, זענען געווען דורכאויס דייטש אין שפּראַך, נוסח און ביוראָקראַטישן גייסט. די דייטשע יידן האָבן באַלד אָנגעהויבן צו קאָנטראָלירן די אַרבעט פון „האַיאַס" און בפרט פון „דזשאָינט", מחמת דעם וואָס דער כאַראַקטער זיינער איז דעם גערמאַניזירטן יהודי געווען צום האַרצן.

דער דייטשער ייד איז אין תוך אַ סינאַגאָגאַלער ייד, בעת דער מזרח־אייראָפּעאישער איז סאָציאַל „וועלטלעך". קולטורעל איז דער דייטשער ייד געבליבן קודם־כל אַ דייטש. זיינע קינדער געבוירענע אין בראַזיל רעדן דייטש. זייערע שולן זענען איןביידע שפּראַכן: דייטש און פּאָרטוגעזיש. אַ סך קינדער באַזוכן די אַלגעמיינע דייטש־פּאָרטוגעזישע שולן.

ממילא איז קולטורעל באַלד פון אָנהייב אָן געווען אַ מחיצה צווישן מזרח־אייראָפּעאישן יידן און דעם דייטשן. דער יידיש־ריידנדיקער מזרח־אייראָפּעאישער ייד האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ קלענערער קנאי לגבי זיין יידיש, ווי דער דייטשער ייד לגבי דייטש. די עסטרייכישע יידן, אין תוך על־פּי־רוב גאַליצישע יידן, זענען געווען יידיש־נאַציאָנאַל און זענען דאָ אַריבער צו די מזרח־אייראָפּעאישע יידן און זיך אַפילו שפּראַכלעך „פאַריידישט".

חוץ דעם האָט זיך אין פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכן צופּאַסן

זיך אַרויסגעוויזן אַז בעת דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד איז גע־נייגט צו שאַפן יידישע אינסטיטוציעס פאַר כלערליי פונקציעס, איז דער דייטשער ייד נישט פאַראינטערעסירט אין סעפּאַראַ־טע יידישע אינסטיטוציעס, חוץ דער סינאַגאָגע.

ווען מען וועט נאָך דערגאַנצן דאָס בילד מיט דעם סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם צווישן דעם ספרדי און דעם יידן פון מזרח־אייראָפּע, וועט קלאָר ווערן פאַרוואָס עס האָט אין בראַזיל נישט געקאָנט אויפקומען אַ צענטראַלע יידישע קערפּערשאַפט וואָס זאָל רעדן אין נאָמען פון דעם גאַנצן יידישן ישוב און קענען אים רעפּרעזענטירן כלפּי חוץ.

פאַר דעם צוועק צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז בעת דעם איינפלוס פון נאַציזם געווען אַ דרינגענדיקער ענין, איז געשאַפן געוואָרן אַ „פעדעראַציע פון בראַזיליאַנער יידי־שע אָרגאַניזאַציעס". דאָס איז אַ לויזע פאַראייניקונג פון 43 אָר־גאַניזאַציעס. זי האָט אויך אַן אָפּטיילונג אין סאַאָ פּאַולאָ. אַ לאַנ־גע צייט ווייניק אַקטיוו, ווערט זי איצט איבערגעבויט און מען באַ־מיט זיך זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּערמאַנענטער אינסטיטוציע.

דאָס קהילה־לעבן אין ריאָ איז נאָך אַלץ אין אַ רודימענטאַ־רער פאָרמע. דער יסוד איז דער טראַדיציאָנעלער טיפּ פון אַ חברה קדישא. עס איז דאָ אַ ראַבינאַט, וואָס האָט בכלל אַ באַ־שרענקטע פונקציע, ווי שחיטה, השגחה אויף כשרות, וואָס אין די תנאים פון היגן לעבן ווערט עס נישט שטאַרק אָפּגעהיט. אַלע רעליגיעזע פונקציעס ווערן דורכגעפירט אין די באַזונדערע חברות, וואָס האָבן אייגענע שולן און אַפילו אייגענע מקוואות. צדקה־טע־טיקייט איז אויך אַן ענין פון חברות, על פּי רוב לאַנדסמאַנשאַפטן. עס זענען אָבער פאַראַן ספּעציעלע צדקה־חברות, על פּי רוב אָנ־געפירט פון פרויען.

בתי־תפילות האָט ריאָ 41. יעדע איז אויטאָנאָם. אַ סך פון זיי האָבן רעליגיעזע קלאַסן פאַר קינדער און אַנדערע אינסטיטו־ציעס. רבנים האָט ריאָ צוויי, בעת סאַאָ פּאַולאָ — דריי, און פּאָרטאָ אַלעגרע — איינעם. אַ ראַבינאַט אָבער ווי אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע איז אין בראַזיל נישטאָ.

די מזרח־אייראָפּעאישע יידן זענען אין ריאָ אַ מערהייט. צע־וואָרפן איבער פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, לויט זייער סאָציאַלן מצב, איז דאָס קאָלעקטיווע לעבן צעשפּליטערט און ממילא דע־צענטראַליזירט. אין 1942, למשל, האָבן 1.400 יידישע משפּחות געוווינט אין דער פאָרשטאָט קאָפּאַקאַבאַנאַ, וווּ זיי האָבן אויס־געבויט אַ סינאַגאָגע, געעפנט אַ שולע פאַר קינדער און אַ סאָ־ציאַלן קלוב. די ספרדים האָבן פיר אייגענע רעליגיעזע צענטערן מיט שולן. דאָס זעלבע איז וואָס שייך דייטשע יידן וואָס האָבן זיך אין 1942 אָרגאַניזירט אין „אַסאָסיאַסאַאָ איזראַעליטאַ דע ריאָ דע זשאַנעיראָ".

אין סאַאָ פּאַולאָ האָבן די דייטשע יידן זיך סוף 1936 אָר־גאַניזירט אין אַ צענטראַלע קהילה אונטערן נאָמען „קאָנגרעגאַסאַאָ איזראַעליטאַ פּאַוליסטאַ". זיי האָבן אַ סינאַגאָגע מיט אַ רב, אַ רעליגיעזע שולע און אַן אייגענע ביבליאָטעק, די גרעסטע יידישע ביכער־זאַמלונג אין בראַזיל.

די ספרדים זענען אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער קהילה, וואָס האָט פאַראייניקט דריי סינאַגאָגעס און געעפנט אַ שולע פאַר קינדער.

די אויבן דערמאָנטע פעדעראַציע איז גראָד אין סאַאָ פּאַולאָ מער אַקטיוו. יעדן יאָר פירט זי דורך אַ קאַמפּאַניע און דעקט די דעפיציטן פון די אינדיווידועלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אָפּ־געשלאָסן אָן איר.

אין אַנדערע שטעט זענען פאַראַן יידישע צענטערן. אין פּאָר־

טאָ אַלעגרע האָבן די ספרדים אַן אייגענעם צענטער אונטערן נאָ־מען „סענטראָ העבראַיקאָ ריאָ גראַנדע" און די אַשכנזים האָבן אַ „סירקולאָ סאָסיאַל איזראַעליטאַ" מיט 2.000 מיטגלידער. חוץ דעם איז פאַראַן אַ יידישער ספּאָרט־קלוב מיט אַ צאָל נישט־יידישע מיטגלידער. די לינקע עלעמענטן אין פּאָרטאָ אַלעגרע האָבן אַן אייגענעם קלוב א. נ. „סענטראָ איזראַעליטאַ בראַזילעיראַ".

אין אַנדערע שטעט, בפרט אין סאַאָ פּאַולאָ האָבן די לינקע עלעמענטן אייגענע קלובן און זענען טעטיק אין דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן פון דער שטאָט.

וואָס קלענער עס איז אַ יידישער ישוב, אַלץ בעסער איז ער אָרגאַניזירט ווי אַ קהילה, אָבער נישט פון שטאַנדפּונקט פון רע־ליגיעזער אָרגאַניזאַציע. אין דעם פרט איז דאָ גאָר פאַרקערט. מען קען גיכער אָפּהיטן יידישקייט אין אַ גרויסער שטאָט, ווי אין אַ קליינער. אין אַזאַ שטאָט ווי קוריטיבאַ, אין דעם שטאָט פּאַראַנאַ, וואָס ציילט 250 יידישע משפחות איז קיין קהילה נישטאָ, נאָר אַ יידישער צענטער, אַ מין סאָציאַלער קלוב

אין בעלעם וואָס האָט אַ מערהייט ספרדים, איז דער יידישער צענטער פון די אַשכנזים אין אַ פּריוואַטער הויז. די שטאָט האָט צוויי שולן. כשרות ווערט אָפּגעהיט נאָר ימים נוראים.

וואָס שייך די צוויי גרעסטע שטעט ווערט געשאַצט אַז ר י אָ ד ע ז ש אַ נ ע י ר אָ האָט אַ 50 יידישע חברות פון אַ קולטור־סאָציאַלן כאַראַקטער, פון דעם אַ קליינע צאָל באמת אַק־טיוו און טעטיק, בעת סאַאָ פּאַולאָ האָט אַזעלכע אינסטיטוציעס — 80.

וואָס שייך השפּעה, אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט איז די ציו־ניסטישע די גרעסטע און די שטאַרקסטע. געגרינדעט אין 1945 ווי די „אָרגאַניזאַסאַאָ אוניפיקאַדאַ סיאָניסטאַ דאָ בראַזיל" האָט זי

אָפּטיילונגען אומעטום ווו יידן וווינען. פּאַקטיש געשאַפן אין 1921 איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פּאַרמאַכט געוואָרן אין 1937 און אין 1945 צוריק לעגאַליזירט געוואָרן.

עס זענען פאַראַן ציוניסטישע קלובן פון פאַרשידענע שאַטי־רונגען. אין אַ סך ערטער זענען די ציוניסטישע יוגנט־קלובן די איינציקע יידישע קולטור־ און ספּאָרט־אינסטיטוציעס. די „אוני־פיקאַדאַ" פירט יעדן יאָר דורך אַ צענטראַלע קאַמפּאַניע לטובת מדינת ישראל און גיט אַ טייל פון די הכנסות פאַר לאָקאַלע אינ־סטיטוציעס, אין הסכם מיט די פּרעלימינאַרע אָפּמאַכן וואָס זע־נען געמאַכט געוואָרן אין יעדער שטאָט באַזונדער.

דאָס בילד פון קולטור־טעטיקייט אין בראַזיל שטעלט פאָר מיט זיך אַ ירידה אין פאַרגלייך מיט יאָרן צוריק. אַמאָל זענען געווען זייער אַקטיוו ביבליאָטעקן, וואָס האָבן פונקציאָנירט ווי פאָלקס־הייזער, מיט כאָרן, טעאַטראַלישע אויפפירונגען, לעקציעס און אויסלייען ביכער. די „שלום עליכם ביבליאָטעק" אין ריאָ, גע־גרינדעט אין 1915 איז געווען אַזאַ אינסטיטוציע. זי האָט אַ גרוי־סע זאַמלונג יידישע ביכער און דעם איינציקן יידישן געזעל־שאַפטלעכן אַרכיוו אין בראַזיל. אַן ענלעכע ביבליאָטעק האָט סאַאָ פּאַולאָ. אין פּאָרטאָ אַלעגרע האָט די לינקע ביבליאָטעק (געגרינ־דעט אין 1920) 7.000 יידישע ביכער. דער „סירקולאָ איזראַעלי־טאַ" האָט 3.000, מערסטנטייל פּאָרטוגעזישע. אויך דער פאַר־באַנד פון פוילישע יידן האָט ביבליאָטעקן. מיט קליינע אויסנאַ־מען זענען די דאָזיקע ביבליאָטעקן, כאָרן און דראַמאַטישע קרייזן כמעט ווי נישט טעטיק, נאָר אין פּאָרטאָ אַלעגרע איז דער דראַ־מאַטישער קרייז טעטיק.

אַפילו די פּרעסע אויף יידיש וואָס האָט אַמאָל געבליט אין בראַזיל און געהאַט אַפילו צוויי טעגלעכע צייטונגען, איז איצט אַראָפּ צו צוויי פּעריאָדישע שריפטן מיט אַ קליינעם טיראַזש. עס

ווערט געשאַצט אַז נאָר 5 פּראָצענט בראַזיליאַנער יידן לייענט אַ יידישע צייטונג און סך־הכל 10 פּראָצענט יידיש און פּאָרטוגע־זיש. קיין יידישע ביכער גייען אין בראַזיל בכלל נישט אַרויס.

נאָך דער מלחמה, מיטן צושטראָם פון דער קליינער גרופּע פון דער שארית הפליטה, זענען געמאַכט געוואָרן פּראָבן אויפצו־לעבן די אַלטע, אַמאָל אַזוי וואָגיקע קולטור־טעטיקייט. עס האָבן זיך געעפנט אַ ריי קליינע ביבליאָטעקן, מחמת דעם וואָס די אַל־טע, גרויסע, יידישע ביבליאָטעקן זענען אין די הענט פון די לינ־קע, מיט וועלכע די אימיגראַנטן אידענטיפיצירן זיך זייער ווייניק. דער „יידישער קולטור־קאָנגרעס" האָט אין 1950 געעפנט אין ריאָ אַ יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט. אין סאַאָ פּאַולאָ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דערוויל דריי מאָל אַ וואָך אַ צייטונג „דער נייער מאָמענט".

די אידעאָלאָגישע אוניפיקאַציע פון דעם גרעסטן טייל פון ישוב האָט אויך אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען דאָס בהדרגהדי־קע פאַרשווינדן פון דעם יידישן לשון פון אַסיפות און פאַרזאַמ־לונגען, חוץ די לינקע. די דאָזיקע סיבה האָט גורם געווען אַז יידיש ווערט ווייניק געהערט און ממילא ווייניק געלייענט. אַפילו די דייטשע יידן וואָס האָבן אַ שפּראַכלעכן פּאַטריאָטיזם, האָבן נאָך אַ קורצער צייט זיין אין לאַנד איבערגעפירט זייער דייטשע צייטשריפט אויף דעם לשון המדינה. קולטורעל און געזעלשאַפטלעך אַ כוח אַ סך אַ וואָגיקער, ווי די ספרדים אין לאַנד, זענען די דייטשע יידן געווען אַ שטאַרקער אינסטרומענט אין דער דאָזיקער שפּראַכ־לעכער אוניפיקאַציע אויף דעם בשותפותדיקן באָדן פון אידענטי־שער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

די יאָרן פון עקאָנאָמישן ווילשטאַנד האָבן דעם מזרח־איי־ראָפּעאישן יידן אַ ביסל אויסגעליידיקט פון דעם יוגנטלעכן גייס־

טיקן באַגאַזש, און ער האָט אַן שום טראַגישע איבערברוכן זיך אַליין קאָמפּענסירט מיט לייכטן כבוד און שנעלער אָנערקענונג אויף געביטן פון פּאָפּולערער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס פאָדערן נישט קיין אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג.

פאַרזיכערט מיטן קיום האומה מחוץ די גרענעצן פון זיין אַדאָפּטירטן פאָטערלאַנד, וואָס איז אים קיין שטיפמאַטע נישט געוואָרן און קיין צו גרויסן פּחד פאַר אַנטיסעמיטיזם נישט אַרויסגערופן, הגם אַ געפיל פון אומזיכערקייט האָט ער תמיד געהאַט, האָט דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד, וואָס איז דער רוקן־ביין פון דעם בראַזיליאַנער יידנטום, זיך אָנגעהויבן שנעל צו אַסימילירן, שיקן זיינע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן. מיטן אויסנאַם פון דעם וואַגיקן לינקן פליגל פון דעם דאָזיקן סעקטאָר יידן, ביי וועמען יידיש איז אַן ענין פון קולטור און דערציאונג — איז דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד ווייט נישט קיין קנאי נישט שפּראַכלעך און נישט רעליגיעז. די ספרדים און בפרט די דייטשע יידן זענען פאַראינטערעסירט אין אַ רעליגיעזער טראַדיציע, ווי שמאָל אָדער רעפאָרמירט זי זאָל נישט מוזן ווערן אין די נייע תנאים פון לעבן. דער נעכטיקער ראַדיקאַל איז הייגט שוין אַן אַנדערער. אידעאָלאָגישע ענינים זענען אים געוואָרן פרעמד און ווי אַ בעל־מזל באַטראַכט ער די אַלע זאַכן ווי אַ שטיק בטלנות.

דער ציוניסטישער סעקטאָר, דער שטאַרקסטער און וואַגיקסטער, איז צום עצם פּראָבלעם פון ציוניזם, ווי אַ קולטור־פילאָזאָפיע נישט דערגאַנגען. דער לינקער און דער איינציקער יידישיסטישער לאַגער אין בראַזיל בוימט יידישע שולן, פירט אויף יידישע אָרגאַניזאַציעס, כל זמן די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע, וואָס ווערט אים דיקטירט פון דרויסן, וועט עס פאָדערן. דערווייל אָבער טוט ער אַ פּאָזיטיווע קולטור־אַרבעט.

3. יידישע דערציאונג אין בראַזיל

דאָס רוב יידישע עלטערן שיקן זייערע קינדער אין אלגעמיינע מלוכה און פּריוואַטע שולן. די רייכע יידן האָבן ליב צו געבן זייערע קינדער אַ בילדונג אין די טייערע און אַריסטאָקראַטישע פּריוואַטע שולן. דער ענין יידישער חינוך האָט אין אָנהייב ווינציק וועמען אינטערעסירט, בפרט אַ חינוך וואָס איז אָדער רעליגיעז אָדער אָריענטירט אויף שפּראַכלעכער אידענטיפיקאַציע. די עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט צום יידישן לשון איז נאָך שטאַרק צווישן די לינקע עלעמענטן פון ישוב. דערפאַר זענען אַ טייל יידישע שולן קאָנטראָלירט, אָנגעפירט און פינאַנסירט פון דעם דאָזיקן אידעאָלאָגישן סעקטאָר. עס זענען פאַראַן יידישע שולן מיט אַ מערהייט לינקע פאַרוואַלטערס, אָבער דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער כאַראַקטער פון ישוב צווינגט זיי נישט צו שטאַרק אַרויסצורוקן די אידעאָלאָגישע אונטערשיידן און מיטזינגען אין כאָר פון אַלגעמיינעם נאַציאָנאַליזם.

דריי מינים שולן זענען פאַראַן אין בראַזיל: יידישע, יידיש־העברעאישע און רעליגיעזע.. די ערשטע זענען על־פּי־רוב צוגאָבשולן, אייניקע מיט אַ סך קינדער, אַנדערע, ווי אין די פאָרשטעטפון ריאָ למשל, מיט גאָר אַ קליינער צאָל קינדער. די יידיש־העברעאישע שולן זענען על־פּי־רוב אינטעגראַלע לער־אַנשטאַלטן, ד״ה עלעמענטאַר־ און אויך מיטל־שולן, וווּ אַלץ ווערט געלערנט אויף פּאָרטוגעזיש, נאָר די יידישע לימודים ווערן טיילווייז געלערנט אויף יידיש און העברעאיש. אין די רעליגיעזע שולן ווערט אויך געלערנט יידיש, אָבער, למשל, אין סאַאָ פּאַולאָ נאָר אין די נידעריקע קלאַסן, בעת אין די העכערע קלאַסן גייט מען אין גאַנצן אַריבער אויף העברעאיש.

צוויי מניעות שטערן דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן שולוועזן אין בראַזיל, וואָס האָט שוין אַרום זיך אַ ריי אי־בערגעגעבענע טוערס און פעדאַגאָגן. קודם־כל פעלט אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, אַ מין ועד־החינוך. פינאַנציעל איז טיילווייז דאָס פּראָבלעם בודזשעט געלייזט געוואָרן דורך דעם, וואָס פון יערלע־כע אַלגעמיינע קאַמפּאַניעס גייט אַראָפּ אַ געוויסער פּראָצענט לטובת דעם יידישן חינוך. עס איז אָבער פאַראַן אַ יורידישע מניעה וואָס לאָזט נישט פונאַנדערוויקלען זיך דער יידישער שול־אַרבעט, ווי אייניקע וואָלטן זיך דאָס געוווּנטשן.

דאָס געזעץ אין בראַזיל דערלויבט נישט אַז אַ פרעמדע שפּראַך זאָל זיין אַ לימוד אין אַן עלעמענטאַרער שול. אַזוי אַרום ווערן יידיש און העברעאיש באַטראַכט ווי פרעמדע שפּראַכן און ווערן אין די רעליגיעזע שולן געלערנט ווי לימודים פון רעליגיע, על־פּי־רוב נישט אויף דעם חשבון פון דעם שול־פּלאַן, ווייל לע־גאַל טאָר מען מער ווי צוויי שעה אַ וואָך נישט לערנען קיין רע־ליגיע. דער לעצטער, זייער וואָגיקער שטער אין דער אַנטוויקלונג פון די שולן איז דער דוחק פון קוואַליפיצירטע לערער פאַר יידי־שע לימודים. די צוויי יידישע לערער־סעמינאַרן אין ר י אָ און ס אַ אָ פּ אַ ו ל אָ זענען פרישע פּראָדוקטן פון דעם יידישן ישוב און ציילן צוזאַמען אַ 50 סטודענטן און האָבן כמעט קיין פעדאַגאָגישע בכורים נישט אַרויסגעגעבן.

דער איבערוואָג פון אינטעגראַלע שולן לגבי צוגאָב־שולן שטעלט אַוועק גראָד דעם בראַזיליאַנער צוגאַנג צום פּראָבלעם יידישן חינוך אויף מער רעאַלע און מער פּראַקטישע דרכים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס בדרך כלל ווערן אַלע יידישע שולן באַ־זוכט פון נישט קיין צו הויכן פּראָצענט קינדער אין שול־עלטער. עס ווערט געשאַצט אַז אין ס אַ אָ פּ אַ ו ל אָ באַזוכן אַ יידי־

שע שול 16% פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער, און אין ריאָ דע זשאַנעיראָ איז דער פּראָצענט אַ סך אַ קלע־נערער. פון די 24 לערנאַנשטאַלטן וואָס דאָס יידישע בראַזיל פאַר־מאָגט זענען 19 — אינטעגראַלע, ד״ה שולן אין וועלכע די אָפּי־ציעלע לערנשפּראַך איז פּאָרטוגעזיש. נישט אין אַלע שולן אָבער זענען די שעהן פאַר יידישע לימודים גלייך. אין די צוויי גימ־נאַזיעס אין ריאָ דע זשאַנעיראָ און סאַאָ פּאַו־לאָ גיט מען אָפּ אויף דעם צוויי און אַ האַלב שעה טעגלעך.

אין אייניקע שולן ווערן די אַלגעמיינע קלאַסן באַזוכט פון נישט־יידישע קינדער. אין דער יידישער גימנאַזיע אין ריאָ זענען אויף 400 תלמידים פאַראַן 5 נישט־יידן, אין פּאָרטאָ אַלעגרע — 21 (אויף 245), אין קוריטיבאַ — 16 (אויף 110).

אין קלענערע ישובים ווערן די יידישע שולן באַזוכט פון אַ גרעסערער צאָל קינדער. אין פּאָרטאָ אַלעגרע למשל, זענען פאַראַן 6,000 יידן.. די „יידישע בראַזיליאַנער שול" האָט 245 קינדער מיט אַ קינדער־גאָרטן און 9 לערער (7 פאַר פּאָרטוגעזישע לימו־דים און 2 — פאַר יידיש). אין פערנאַמבוקאָ וווּ עס וווינען 500 יידישע משפּחות איז דאָ אַן אינטעגראַלע שול, דאָס זעלבע אין באַהיאַ (300 משפּחות).

וואָס קלענער עס איז אַ יידישער ישוב אַלץ גרעסער איז דער פּראָצענט קינדער וואָס גייען אין אַ יידישער שול.

כמעט אַלע יידישע שולן האָבן באַקוועמע, מאָדערנע געביי־דעס, בפרט אין די גרויסע שטעט. אייניקע תלמוד־תורהס האָבן מאָדערנע בנינים און אַלע באַקוועמלעכקייטן, ווי אייגענע אוי־טאָבוסן, וואָס העלפן ברענגען די קינדער אין דער שולע. די הכנסות פון די שולעס קומען פון מיטגליד־אָפּצאָל און פון שכר־לימוד. די דעפיציטן ווערן געדעקט פון די געלטער, וואָס קומען פון לאָקאַלע קאַמפּאַניעס.

די פּעדאַגאָגישע רעזולטאַטן פון די דאָזיקע שולעס שטעלן אָבער נישט צופרידן די היגע יידישע שול־עסקנים. די ידיעות אין העברעאיש און יידיש זענען ווייט נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע. די שפּראַך פון דער שטוב איז פּאָרטוגעזיש, אַפילו דאָרטן וווּ על־טערן רעדן צווישן זיך יידיש.

די ספרדים גיבן זיך אָפּ אַ סך מער מיט רעליגיעזן חינוך און ווייניקער מיט אַלגעמיינע יידישע דערציאונגס־פּראָבלעמען. דאָס איז אָבער אַ דערשיינונג וואָס מען זעט ביי אַ גרויסן טייל אַשכנזים. די צאָל קינדער וואָס באַקומען וועלכע עס איז יידישע רעליגיעזע דערציאונג איז אין אַן ערך גרעסער אין פאַרגלייך מיט דער צאָל יידישע קינדער וואָס באַקומען אַן אַלגעמיינע יידישע דערציאונג אין די יידישע טאָג־שולן. אין בעלעם, למשל, זענען די ספרדים אין דער מערהייט. דריי פערטל פון זיי זענען הי־געבוי־רענע. די קינדער באַזוכן אַלגעמיינע שולן. פאַרן חינוך פון דער יידישער רעליגיע זענען פאַראַן עטלעכע צוגאָב־קלאַסן.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט טוט אָבער אַלץ, כדי אַ טייל יונגוואַרג זאָל דורך דער פאַרמיטלונג פון דער לאַנדשפּראַך באַ־קומען עלעמענטאַרע ידיעות וועגן יידישקייט. דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט שטאַרק געהויבן דעם אינטערעס פאַר יידישע געשיכטע. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ התחלה אין אַרויסגעבן פּאָ־פּולערע ביכער וועגן יידן און יידישקייט. די פּאָרטוגעזישע שפּראַך בכלל האָט איזאָלירט די יידן אין בראַזיל פון די יידיש־שפּאַנישע ישובים און געשאַפן צווישן זיי אַ מחיצה. דאָס איז די סיבה פאַר־וואָס דער דאָזיקער קליינער ישוב דאַרף טאָן קולטור־אַרבעט אין דער לאַנדשפּראַך מיט אייגענע כוחות. די בראַזיליאַנער יידן האָבן גאָר אַ קנאַפּן קאָנטאַקט מיט די יידן אין די אַנדערע לאַטיין־אַמע־ריקאַנישע לענדער. די יידיש־רעדנדיקע כוחות זענען דורכפאַרער

אויפן וועג קיין אַרגענטינע און קיין אייגענע כוחות זענען נישטאָ. דער בראַזיליאַנער ייד פאָרט אָפטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, הגם אַרגענטינע איז נענטער. אויב ער לייענט אַ יידישע צייטונג איז דאָס אַ ניו־יאָרקער און נישט קיין בוענאָס־איירעסער.

אַזוי אַרום איז דאָס יידישע כלל־לעבן אין בראַזיל אַן אינדזל אין אַ גרויסן אינדזל, און באַמיט זיך צוצופּאַסן צו די מעגלעכקייטן, וואָס די אַלגעמיינע ווירקלעכקייט פון לאַנד און מענטשן דיקטירן.

4. אַלגעמיינע אָפּשאַצונג

דער בראַזיליאַנער יידישער ישוב איז עמאָציאָנעל ציוניסטיש, חוץ אפשר דער הי־געבוירענער, אָדער דער דערצויגענער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט, וואָס דעמאָנסטרירט על־פּי־רוב קאָמוניסטישע נייגונגען. בראַזיל האָט אַפילו אַ יידיש וואָכנבלאַט אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך, וואָס איז אין גאַנצן קאָמוניסטיש. אַ סך יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי לאַנדסמאַנשאַפטן, קלובן און שולן זענען באַאיינפלוסט פון לינקע עלעמענטן. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון דער אַלגעמיינער, שטאַרקער השפעה פון קאָמוניזם אין לאַנד. די ציוניסטישע טעטיקייט איז דעמאָנסטראַטיוו געגוג שטאַרק בעת אַ קאמפּאניע, אָבער אַ גאַנץ יאָר ווייזט זי אַרויס אין פאַרגלייך מיט דער קאָמוניסטישער טעטיקייט ווייניק דינאַמישקייט. דאָס שאַפט דעם פאַלשן איינדרוק אַז קאָמוניזם איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, בעת אין דער אמתן איז דאָס נישט אַזוי, די פּאַרטיי־דיסציפּלין, די צאָל אינטעלעקטועלע כוחות וואָס דער לינקער פאַרנט פאַרמאָגט, די סיטעמאַטישקייט און אַלזייטיקייט פון דער אַרבעט — שאַפט דעם איינדרוק פון כוח.

בראַזיליאַנער יידן זענען בדרך כלל געניגט זיך צוצוהערן צו די שטימען פון יידן פון מדינת ישראל און פון די פאַראייניק־טע שטאַטן. אין פאַרגלייך, למשל, מיט אַרגענטינע, האָט אַ גרע־סערע צאָל היגע יידן באַזוכט מדינת ישראל. אַ סך יונגעלייט זע־נען געווען אין דער ישראל־אַרמיי און מען פאָרט אַהין זיך לער־נען.

אין בראַזיל, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די טויערן פאַר יידישער אימיגראַציע זענען אָפיציעל פאַרמאַכט געוואָרן, איז נישטאָ קיין אַגרעסיווער אַנטיסעמיטיזם. יידן האָבן קיין שום שווע־ריקייטן אין באַקומען וועלכע עס איז מלוכה־שטעלע אָדער מאַכן אַן אַקאַדעמישע קאַריערע. דאָס פּראָבלעם פון אויסשטימען יידיש־קייט מיט בראַזיליאַנישקייט איז אַ שווער פּראָבלעם. איבערגע־לאָזט אויף דעם אייגענעם גורל דאַרף דער דאָזיקער קליינער ישוב, וואָס האָט כמעט נישט קיין גייסטיקע ירושה, געפינען אַ פּאַסיקן וועג ממשיך צו זיין יידיש לעבן. דער דייטשער ייד איז אַ סך נענטער צום אַלגעמיינעם תושב, אַז פאַר אים איז יידישקייט אַ שמאָלע פונקציע פון רעליגיעזע פליכטן. דאָס זעלבע איז מיט דעם הי־געבוירענעם ספרדישן עלעמענט. די יידישע זאָרגן פון אַ ברייטן כאַראַקטער טראָגן דווקא די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס ביי זיי איז דער עיקר פון יידישקייט דווקא נישט רעליגיע, אָבער וואָס האָבן נאָך נישט געפונען יענע פאָרמען, וואָס זאָלן זייערע קינדער נישט אָפּפרעמדן פון יידישקייט אַפילו פון אַזאַ, ווי זיי פאַרשטייען דאָס. עס איז אַן אינטערעסאַנט און שפּאַנענד קאַפּיטל: דאָס בראַזיליאַנער יידנטום אין קאַמף פאַר אַן אייגענער גייסטיקער עקזיסטענץ.

גוואַטעמאַלאַ

די רעפּובליק גוואַטעמאַלאַ האָט אַ שטח פון 45.000 קוואַד־ראַט מייל, און אַ באַפעלקערונג וואָס האָט אין 1948 געציילט 3.717.000 נפשות. עס איז אַן אַגריקולטור לאַנד. קאַווע און באַנאַנען מאַכן אויס 85% פון דעם אַלגעמיינעם עקספּאָרט. דאָס לאַנד האָט אַ סך נאַטירלעכע רייכטימער, ווי זילבער, קופּער, וואָס ווערן ערשט לעצטנס עקספּלואַטירט.

איזאָלירטע פאַקטן פון יידישער איינוואַנדערונג זענען באַ־קאַנט שוין זינט 1848. די ערשטע איינוואַנדערער זענען געווען פּאָזענער יידן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פּיאָנערישע אינדוסטריעלע פאַרדינסטן פאַר גוואַטעמאַלאַ, די קאַלירפולע געשטאַלט פון לואי שלעזינגער (1820 — 1900). זינט 1920 הויבן אָן ספרדישע יידן אַריינצוקו־מען אַהער און דריי יאָר שפּעטער גרינדן זיי אָן אייגענעם פאַראיין „מגן־דוד". אַביסל שפּעטער באַווייזן זיך מזרח־אייראָפּעאישע יידן. זיי קומען אַהער דורך מעקסיקע און קובאַ, און אָרגאַניזירן זיך תיכף אין אַ קלוב „עזרא". גלייכצייטיק מיט די פּוילישע יידן קומען אַריין דייטשע יידן. אין 1930 האָט מען געציילט 100 דיי־טשע יידן. זיי האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט אין אַן „איזראַעליטישן שוצפאַראיין". אַ גרעסערע צאָל דייטשע יידן הייבט אָן אַריינצוקו־מען אין 1933 און דערגרייכט אין משך פון צען יאָר די צאָל פון 250 נפשות. אַזוי אַרום איז דער יידישער ישוב אין זיין איבער־וועגנדיקער צאָל אַ דייטשער.

געווען אַ צייט ווען די אָריענטאַלישע יידן אין גוואַטעמאַלאַ האָבן זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט פּעדלעריי. שפּעטער האָט אָבער די רעגירונג פאַרווערט פּעדלען און אפילו געוואָלט זיי אַרויסשיקן פון לאַנד. זיי זענען אָבער מיט דער צייט אַליין פאַר־שוונדן.

עס ווערט געשאַצט אַז די יידישע באַפעלקערונג פון גוואַטע־מאַלאַ באַשטייט פון אַן ערך 900 נפשות, פון דעם 500 — דייטש־ריידנדיקע, 200 — ספרדים און צווישן 150 און 200 — יידיש־ריידנדיקע. אין די לעצטע פינף יאָר זענען סך־הכל אַריין 30 יידן. פון דער אַלגעמיינער צאָל יידן זענען נאָר 200 הי־געבוירענע. קנאַפּע 90 פּראָצענט פון זיי וווינט אין דער הויפּטשטאָט גוואַטע־מאַלאַ סיטי, די רעשט אין די שטעט אַנטיקאַ, קעצאַלטענאַנגאָ און אין אַ פּאָר פאַרמס און פּלאַנטאַציעס.

מיטן אויסנאַם פון די נאָענטסטע קרובים פון גוואַטעמאַלער בירגער, זענען די טויערן פון לאַנד פאַרמאַכט פאַר אימיגראַנטן. עס ווערט אויך בפירוש פאָרמולירט אַז מען לאָזט נישט אַריין קיין „אַזיאַטן פון לבנון, עגיפּטן, אונגאַרן און פוילן (!)"

אין לאַנד לאָזן זיך פון צייט צו צייט הערן אַנטיסעמיטישע טענער. 1949 זענען אַפילו פאָרגעקומען אַנטי־יידישע דעמאָנ־סטראַציעס.

דער קליינער אימיגראַנטישער ישוב הויבט אָבער אָן שפּילן אַ ראָלע אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. יידן האָבן דאָ געבויט גרויסע געשעפטן, געעפנט אימפּאָרט און עקספּאָרט אַגענטורן און געוואָרן אין אַ קליינעם מאסשטאב פּיאָנערן אויף דעם געביט פון אינדוסטריע, ווי טעקסטיל, לעדער און פּלאַסטי־שע אויסאַרבעטונגען. אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג אין גוואַטע־מאַלאַ איז וואָס אַ געוויסע צאָל יידן, גראָד עלטערע, האָבן נישט קיין רעכט צו האָבן אַ באַשעפטיקונג. זיי ווערן אויסגעהאַלטן פון

זייערע משפחות מיט וועלכע זיי געפינען זיך. קליין איז די גרופּע ייִדן־פּראָפעסיאָנאַלן. זי באַשטייט פון פינף דאָקטוירים, דריי אינזשיניערן און איין דענטיסט. אייניקע רעסטאָראַנען זענען געגרינדעט געוואָרן פון ייִדן.

פאַראַנען געוויסע יורידישע שוועריקייטן וואָס שייך ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. אַזוי, למשל, ווערט נישט דערלויבט קינדער פון סוחרים צו עפענען אָפּטיילונגען פון דעם זעלבן טיפּ געשעפטן. אימיגראַנטן טאָרן בכלל נישט האָבן אַ געשעפט אָדער זיין אָנגעשטעלט.

די באַציאונג פון פאָלק צו ייִדן איז אַ פריינטלעכע. נאָר די רעגירונג האָט אַ ריי געזעצן, וואָס נישט ווילנדיק ווערן ייִדן די קרבנות. אַזוי, למשל, קאָנען דייטשע ייִדן נישט ווערן קיין בירגער, מחמת דעם וואָס יורידיש ווערן זיי עד היום געהאַלטן פאַר דייטשן.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער ישוב איז אַ קליינער, זענען פאַראַן דריי כמו־קהילות: „סאָסיעדאַד איזראַעליטאַ" פון די דייטשע ייִדן, „סענטראָ איזראַעליטאַ" פון די ייִדיש־רעדנדיקע, און „סענטראָ העברעאָ" פון די ספרדים. די איינציקע אינסטיטוציע וואָס פאַראייניקט די דריי חברות איז דער בית־עולם, ווייל מער ווי איינער איז נישטאָ.

פון צייט צו צייט האָבן די דריי קהילות בשותפותדיקע אסיפות. דאָס קומט פאָר ווען עס גרייט זיך אַ געלט־זאַמלונג לטובת מדינת ישראל.

אין לאַנד איז פאַראַן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט 170 מיטגלידער און אויך אַ פּרויען־קלוב („וויצאָ") — מיט 50 מיטגלידערינס, אַ יוגנטלעכער ספּאָרט־קלוב „מכבי" געגרינדעט אין 1928, ציילט 70 מיטגלידער. דער דאָזיקער קלוב איז אגב אויך

אַ קולטור־צענטער ווו עס קומען זיך צונויף יונגוואַרג פון אַלע דריי גרופּעס און מען פּראַוועט אַן „עונג־שבת". די קולטור־אַר־בעט פירט דער איין און איינציקער העברעאישער לערער, וואָס דער ישוב פאַרמאָגט.

קיין כלי־קודש זענען בכלל נישטאָ. דאָס רעליגיעזע לעבן מאַ־ניפעסטירט זיך נאָר ימים־נוראים. אין גאַנצן זענען דאָ צוויי יידן, וואָס האַלטן די געשעפטן פאַרמאַכט שבת און יום־טוב. כשרות ווערט אָפּגעהיט פון צוויי משפחות. מזוזות געפינט מען נאָך ביי אייניקע פּוילישע יידן.

די דייטשע יידן שטעלן מיט זיך פאָר די „עליט" פון דער יידישער באַפעלקערונג. ממילא זענען זיי אויך געזעלשאַפטלעך די חשובסטע. הגם צווישן זיי זענען פאַראַן ווייניקער מענטשן מיט יידיש וויסן, איז אָבער זייער אַלגעמיינער בילדונג־צענזוס אַ הע־כערער.

נאָר די ספרדים האָבן אַן אייגענעם בנין פאַר אַ סינאַגאָגע. די יידיש־ריידנדיקע יידן דינגען אויף ימים־נוראים דעם ספרדישן קלוב און די דייטשע יידן דאַווענען אין אַ געדונגענעם לאָקאַל. סתם אַ מנין אין מיטן דער וואָך איז נישטאָ. נאָר אין פאַל פון אַ יאָר־צייט ווערט אַזאַ מנין אָרגאַניזירט. די קינדער באַזוכן די אַלגעמיי־נע שולן און באַקומען נישט קיין ספּעציעלע יידישע רעליגיעזע דערציאונג. יחידים און גרופּעס לערנען זיך העברעאיש ביי דעם לערער, וואָס איז אַ דייטשער ייד, וועלכער גרייט אויך די קינדער צו בר־מצווה.

די שפּראַך פון די לימודים און פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז שפּאַניש. דער שטאַרקסטער מקור פון יידישקייט איז דער קאָנטאַקט מיט מדינת ישראל. צוואַנציק יידן זענען שוין אַוועק זיך דאָרטן צו באַזעצן. דער יידישער ישוב שטאָלצירט מיט דעם

פאַקט, וואָס גאַרסיאַ גראַנאַדאָס, דער אָפיציעלער דעלעגאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז געווען דער ערשטער צו שטיצן מדינת־ישראל.

בעת דער מלחמה צווישן מדינת־ישראל און די אַראַבישע לענדער האָבן די גוואַטעמאַלער אַראַבער געמאַכט אַנטי־יידישע דעמאָנסטראַציעס. דער ישוב האָט זיך ווירדיק אַנטקעגנגעשטעלט.

דער יידישער ישוב אין גוואַטעמאַלאַ איז אַזוי ווייט פון דער ברייטער וועלט, ווי דאָס לאַנד גופא. כמעט ווי נישט באַזוכט פון אויסלענדישע טוערס און שרייבער, איז דאָס לעבן פון די יידן אַן איינגעשרומפּטער און אַ סטאַטישער. די צוקונפט פון דער דאָזיקער קליינער עדה שטייט דעריבער אונטער אַ פיינלעך שווערן פראַגעצייכן.

האָנדוראַס

קליין איז די יידישע באַפעלקערונג פון דער רעפובליק האָנ־דוראַס, אַ לאַנד וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 59,161 קוואַדראַט מייל און ציילט אַ באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן און אַ האַלב.

אין 1920 באַווייזן זיך פון צענטראַל־אייראָפּע די ערשטע יידישע אימיגראַנטן. 1928 קומען אַריין פינף משפחות פון פוילן. אין 1949 האָבן 64 יידן איינגעוואַנדערט אין לאַנד אַריין. אין 1947 איז געשאַפן געוואָרן דער „יידישער הילפס־קאָמיטעט פון האָנדוראַס", אַ מין קהילה, וואָס האָט געציילט 129 נפשות (57 מענער, 35 פרויען און 37 קינדער). לויט דער אָפּשטאַמונג זענען 43 געווען פון פוילן, 70 — פון דייטשלאַנד, 9 — פון רומעניע, 6 — פון עסטרייך און איינער פון טערקיי. די דאָזיקע גרופּע איז דער יסוד פון דעם יידישן ישוב אין האָנדוראַס.

85 יידן וווינען אין דער הויפּטשטאָט טעגוסיגאַלפּאַ, די אַנ־דערע אין דריי קלענערע שטעט. קיין יידישע שולן פאַר קינדער זענען נישטאָ. אין דער שטאָט סאַן־פּעדראָ סולאַ זענען אין 1950 געווען אויף 27.000 איינוווינער 50 יידן. די צאָל קינדער אין שול־עלטער באַטרעפט 20. זיי באַקומען אָבער נישט קיין שום יידישע דערציאונג.

די יידן זענען באַשעפטיקט על־פּי־רוב אין מסחר. צווישן די פרייע פּראָפעסיעס זענען אין 1947 געווען 3 דאָקטוירים, 3 דענ־טיסטן און איין אַפּטייקער.

די רעגירונג האָט אָנערקענט מדינת־ישראל. וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט עס געהאַט אויפן היגן יידישן לעבן איז נישט באַקאַנט.

פאַר אַ ווייטערדיקער אימיגראַציע פון יידן איז דאָס לאַנד פאַרמאַכט.

ווענעסועלאַ

די רעפּובליק ווענעסועלאַ פאַרנעמט אַ שטח פון 912.050 קוואַדראַט מייל און האָט אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע פינף מי־ליאָן. לויט אַ שאַצונג געמאַכט אין אָקטאָבער 1950 ציילט די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג צווישן 5 און 6 טויזנט נפשות. די הויפּטשטאָט קאַראַקאַס האָט 3.800 יידן, פון דעם 1.500 מזרח־אייראָפּעאישע, 1.400 פון צענטראַל־אייראָפּע און 900 — ספרדים. גרעסערע יידישע ישובים געפינען זיך אין מאַראַקאַיבאַ, דעם נאַפט־צענטער פון לאַנד, אין וואַלענסיאַ און אין מאַראַקאַי. אין קלענערע שטעט און שטעטלעך געפינען זיך צעוואָרפן קליינע גרו־פּעס יידן. היסטאָריש איז וויכטיק די שטאָט קאָראָ, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ יידישן ישוב, משמעות דעם עלטסטן אין לאַנד, וואָס איז אָבער מיט דער צייט פאַרשלונגען געוואָרן פון דעם קאַטוילישן אַרום.

די יידישע איינוואַנדערונג קיין ווענעסועלאַ איז געווען אַ לאַנגזאַמע אָבער אַ קאָלירפולע. אין 1850 באַזעצן זיך דאָ ספרדים פון צפון־אַפריקע. אין 1873 האָבן זיך דאָ באַזעצט 30 קראַאָלי־שע יידן פון די בריטישע און האָלענדישע אַנטילן. אין 1891 האָט מען אָנגעציילט 247 יידישע נפשות, 1917 — אַן ערך 500, 1926 — 882, פון דעם 247 אין קאַראַקאַס. אין 1935 האָט די צאָל יידן באַטראָפן 1.500.

מיט גאָר קליינע אויסנאַמען זענען דאָס געווען מזרח־אייראָ־

פּעאישע יידן, פון זיי אַ גרויסע טייל בעסאַראַבער יידן, וואָס זע־נען אַהער געקומען אין די יאָרן 1920־1930, אַ סך פריער איידער די פּוילישע יידן. דייטשע יידן וואַנדערן אַריין ערשט אין 1933 און ביז 1943 איז זייער צאָל דערגאַנגען ביז 600. אין יאָר 1947 זענען אַריינגעקומען 723 דייטשע יידן.

אין 1946 האָט קאַראַקאַס געציילט 2.500 יידן. כמעט די גאַנצע מזרח־אייראָפּעאישע גרופּע וווינט אין דער שטאָט*).

די אימיגראַציע איז אָבער גאָר גיך אָפּגעשטעלט געוואָרן. די מאָטיווירונג איז געווען אַז דאָס לאַנד קאָן עקאָנאָמיש נישט אַבסאָרבירן צופיל פרישע איינוואַנדערער.

דער סעקרעטאַר פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיסיע פאַר אימי־גראַציע („קאָמיסיאָן נאַסיאָנאַל דע אינמיגראַסיאָן") האָט דער־קלערט, אַז דאָס לאַנד נייטיקט זיך שטאַרק אין מענטשן, אָבער גראָד יידן, וואָס זענען געבליבן אין די אייראָפּעאישע קעמפּס פון די „אויסגעוואָרצלטע" קאָנען נישט באַטראַכט ווערן ווי פּאַסיקע קאַנדידאַטן פאַר דער ווענעסועלער אימיגראַציע — „חוץ אפשר אויס הומאַניטאַרע טעמים, אָבער גראָד די קענען צו ברייט נישט אָנגעווענדעט ווערן**).

אַזוי אַרום האָט די אימיגראַציע־פּאָליטיק פאַרמאַכט די טויערן פון דעם לאַנד פאַר יידן, אונטער אַ לעגאַלן תירוץ פון צו־לאָזן נאָר סעלעקטיווע פּראָפעסיעס און באַשטימען די פעאיקייט פון אַסימילירן זיך פון דעם אימיגראַנט. אַזוי אַרום גייט ווענע־סועלאַ בכלל נישט אַריין אין באַטראַכט ווי אַ מעגלעך לאַנד פאַר אַ יידישער אימיגראַציע.

*) אין דעם חשבון קומען נישט אַריין די 1,000 יידן וואָס זענען לויט געוויסע אינפאָרמאַציעס אַריין אין ווענעסועלאַ ווי קאַטאָליקן.

(**) *Ray Josephs*, Latin America, Continent in Crisis, Random House, New York, 1948, 93.

ווי אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, זענען אויך די יידן אין ווענעסועלאַ געוואָרן פּיאָנערן אין אַ ריי אינדוסטריעס. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן דאָס געטון אויף אַ באַשיידענעם מאַסשטאַב, ווייל עס האָט זיי געפעלט קאַפּיטאַל, דערקעגן די דייטשע האָבן מיטגעבראַכט געלט. אַ גרויסער טייל דייטשע יידן האָבן זיך באַזעצט אַרום די צענטערס פון דער אויל־אינדוסטריע און אַזוי אַרום געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען געשעפטן אָן יענער שווערער קאָנקורענץ, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין קאַראַקאַס.

די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון יידן איז לפי־ערך אַ פאַרצווייגטע. אַ טייל זענען אין אימפּאָרט־עקספּאָרט געשעפט. די גרעסטע צאָל אָבער פאַרנעמט זיך מיט האַנדל. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן אין גאָר אַ קורצער צייט אויפגעבויט אין קאַראַקאַס גרויסע געשעפטן און בייגעשטייערט אַ סך כדי צו מאָדערניזירן די שטאָט.

אין דער שטאָט קאַראַקאַס זענען פאַראַן דריי יידישע צענטערס. דער עלטסטער איז דער ספרדישער, דאַן אַ מזרח־אייראָפּעאישער און אַ דייטש־יידישער. אין 1949 האָבן די אשכנזים געשאַפן אַ קהילה און אַראָפּגעבראַכט אַ רב פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אויגוסט 1950 האָט דער רב אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט, ווי אַן אָפיציעלן אָרגאַן „פון לשכת הרבנות, ראַבינאַט פון קאַראַקאַס און פּראָווינץ"*).

גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן צו זאָרגן פאַר אַ יידישער דערציאונג. אין 1947 איז געגרינדעט געוואָרן די „אינטעגראַלע הערצל־ביאַליק־שול", וואָס ציילט 325 קינדער, וואָס מאַכט אויס 60 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. דעם אַל־

*) די צייטשריפט דרוקט זיך אין ה א ו א נ א.

געמיינעם לימוד נעמען 7 פראָצענט נישט־יידישע קינדער. אין דער שול, וואָס איז דער שטאָלץ פון ישוב, לערנט מען אויך העברעאיש און יידיש.

די „ביאַליק־הערצל־שול" בויט איצט אַן אייגענעם בנין וואָס וועט קאָנען אַריינעמען אַלע קינדער אין שול־עלטער, וואָס קאָנען נישט באַזוכן די שול מחמת דוחק אין פּלאַץ. אַזוי אַרום וועלן אַלע קינדער פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן באַקומען אַ יידישע דערציאונג.

די ספרדים און די דייטשע יידן זענען ווינציקער פאַראינטערעסירט אין יידישער דערציאונג, חוץ רעליגיעזער. אין דעם פּרט זענען די ספרדים מער פאַר רעליגיעזן חינוך, איידער די דייטשע יידן, וואָס זענען שטאַרק אַסימילירט און שיקן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן.

אויף דער פּראָווינץ איז דער מעמד פון יידישער דערציאונג אַ גוטער. אין מאַראַקאַיבאָ איז פאַראַן אַ געמיינדע־הויז מיט אַ שול, וואָס ווערט באַזוכט פון אַלע קינדער אין שול־עלטער.

פאַר לאָקאַלער אינפאָרמאַציע גייט אַרויס אויף שפּאַניש אַ וואָכנבלאַט „על מונדאָ איזראַעליטאַ".

דער יידישער צענטער („על סענטראָ איזראַעליטאַ דע קאַראַקאַס") איז דער סאָציאַלער קלוב פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, מיט אַ ביבליאָטעק, פאָרלעזונגען און אַנדערע טעטיקייטן. דאָרט ווערט יעדן יאָר געפּראַוועט אַ דריטער סדר, וואָס ציט צו אַ גרויסן עולם.

בדרך כלל איז אָבער דאָס קולטור־לעבן צו שטאַרק ניט אַנטוויקלט. בעת די פרומע יידן האָבן זייער חברה משניות, האָבן די וועלטלעכע יידן נאָך קיין עקוויוואַלענט פאַר זיך נישט געפונען.

טשילע

אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 6½ מיליאָן, ווערט די צאָל יידן געשאַצט אויף 32.000, ד״ה 0,64 פּראָצענט פון דער טאָטאַלער באַפעלקערונג. אין די שטעט ווױנען 27.000 יידן; אין די קלענערע ערטער און אין די דערפער — 5.000. דער גרעסטער יידישער קיבוץ געפינט זיך אין דער הויפּטשטאָט סאַנטיאַגאָ, אַן ערך 25.000 נפשות, ד״ה קנאַפּע 80 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. דער צווייטער גרעסטער יידישער ישוב געפינט זיך אין וואַלפּאַראַיסאָ, אַ פּאָרט־שטאָט, דריי שעה פון סאַנ־טיאַגאָ. אין יאָר 1943 האָט מען די יידישע באַפעלקערונג פון וואַלפּאַראַיסאָ געשאַצט אויף 800 נפשות. אין אַכט שטעט זענען פאַראַן יידישע ישובים צווישן 300 און 200 נפשות יעדערער. קרוב איין דריטל טשילענער יידן (10.000) זענען געבוירענע אין לאַנד.

די מזרח־אייראָפּעאישע יידן פאַרנעמען נומעריש דעם אויבנ־אַן (15.500). זיי ווערן אָבער ביסלעכווייז דיסטאַנצירט פון די דייטשע יידן, וואָס ציילן שוין 14.000, הגם זיי געהערן צו דער נייער אימיגראַציע. ספרדישע יידן ציילט מען 2.500.

מיט 50 יאָר צוריק האָט טשילע געהאַט סך־הכל 100 נפשות, וואָס האָבן זיך אָפיציעל דערקלערט ווי יידן. די דאָזיקע צאָל איז פאַרדאָפּלט געוואָרן ערשט אין יאָר 1914. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען יידן פון מזרח־איי־ראָפּע. אין 1930 האָט מען די צאָל יידן אין לאַנד געשאַצט אויף

6.000. אין 1933 הייבט זיך אָן די איינוואַנדערונג פון די דייטשע ייִדן. פון די 15.000 ייִדן וואָס זענען אין די יאָרן 1934־1946 אַריינגעקומען אין לאַנד זענען צוויי דריטל געווען דייטשע ייִדן. דער דייטש־רעדנדיקער ייִדישער סעקטאָר איז אַדאַנק זיין הויכן סאָציאַלן מעמד און אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן געוואָרן גאָר שנעל אַ וואָגיקער עלעמענט פון דעם ייִדישן ישוב, הגם ער האָט זיך תּיכּף סעפּאַרירט אין אייגענע אינסטיטוציעס. בעת אין 1946 האָבן דייטשע ייִדן אויסגעמאַכט 28 פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, מאַכן זיי היינט צו טאָג אויס איבער 44 פּראָצענט.

די אַנטי־אימיגראַציע־געזעצן האָבן אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען דאָס אָפּשטעלן פון אַ גרעסערער איינוואַנדערונג. אין יאָר 1939 האָט מען איינגעפירט שטרענגע געזעצן וואָס שייך אימי־גראַציע, וואָס זענען, אמת, שפּעטער אַביסל מאָדיפיצירט געוואָרן. אָבער דער יסוד פון אַ שטרענגער סעלעקטיוויטעט איז געבליבן. עס איז נישט געווען אַזוי לייכט פאַר ייִדן אַנטקעגנצוקומען די דאָזיקע נייע געזעצן. דאָך זענען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַריינגעקומען קרוב צו דריי טויזנט נייע ייִדישע אימיגראַנטן. שפּעטער איז שוין געוואָרן אַזוי שווער, אַז נאָר נאָענטע קרובים פון די איינגעפונדעוועטע תּושבים האָבן געקאָנט רעפלעקטירן אויף באַקומען אַ וויזע. אין 1945 זענען 95 פּראָ־צענט פון די נייע אימיגראַנטן געווען פון דעם טיפּ. דורכשניט־לעך זענען אין די לעצטע פינף יאָר אַריינגעקומען יערלעך צווישן 200 און 300 נייע אימיגראַנטן.

טשילענער ייִדן שפּילן אַ חשובֿע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. אין דער אינדוסטריע זענען זיי פאַרטראָטן אין טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען, אין וועלכער עס דאָמינירן אַגבֿ די טשילענער אַראַבער, אין דער פּראָדוקציע פון פּלאַסטיק, פוטער־וואַרג, מעבל, שניידעריי, קאָנפעקציע, פאַבריקאַציע פון העמדער,

פון כעמישע זאכן און אנדערע. א טייל יידן פארנעמען זיך מיט אימפארט און עקספארט. עס איז שוין פאראן א סאלידע גרופע פראפעסיאנאלן, על־פי־רוב אויסגעשולט אין די לאנד־שולן. מען שאצט אז עס זענען פאראן 100 דאקטוירים יידן, 50 — אדוואַ־קאטן און 50 — אינזשעניערן. עס ווערט אויך געשאצט, אז 50 יידישע משפחות פארנעמען זיך מיט אגריקולטור. צווישן די מלוכה־באאמטע, אייניקע פון א הויכן ראנג, זענען פאראן 50 יידן. צווישן פראפעסארן — 10 יידן, אלע פון מעדיצין. יידישע ארבעטער זענען כמעט ווי נישט בנמצא.

אן אנאליזט פון צוויי גרופעס: פון די דייטשע יידן און פון די אונגארישע יידן האט באוויזן אז אין 1946 זענען אין דער ערשטער גרופע געווען: 66% טעטיק אינדוסטריעל, 22% — אין האנדל, 8% אין פרייע פראפעסיעס און 4% — יאן אגריקולטור. דערקעגן אין דער צווייטער גרופע (די אונגארישע יידן) זענען: 48% געווען באשעפטיקט אין אינדוסטריע, 40% — אין האנדל, 7% — אין פרייע פראפעסיעס און 5% — אין אגריקולטור.

די דאזיקע פראפעסיאנעלע צעגלידערונג איז כאראקטעריס־טיש פאר דיביידע גרופעס אין אלגעמיין. וואס שייך ספרדים איז אזא אויספארשונג בכלל נישט בנמצא, הגם מען קאן פעסטשטעלן אז די ספרדים פארנעמען אין דער גרופע פון אינדוסטריע לפי ערך א הויכע פאזיציע.

על־פי־רוב האבן יידן קליינע פאבריקן. דאס זענען פאבריקן פון דאמען־אונטערוועש, שירצן און קליידער. א סך פון זיי האבן זיך געשטעלט אויף די פיס א דאנק די קליינע הלוואות, וואס די גמילות־חסדים־קאסע „בני ישראל" (געגרינדעט 1938) האט גע־געבן יידישע בעל־מלאכות. אין 1944 איז געשאפן געווארן די „באנקא איזראעליטא דע טשילע" און צוויי יידישע אסעקוראציע

געזעלשאַפטן, יעדע איינע מיט אַ קאַפּיטאַל פון 3 מיליאָן פּעזעס. די דאָזיקע קרעדיט־אינסטיטוציעס האָבן מעגלעך געמאַכט צו פאַר־ברייטערן די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די יידן.

די טשילענער יידן געניסן פולע רעכט און בירגערלעכע פריי־הייט. נאָר לגבי אימיגראַציע ווערן פאַר יידן געמאַכט בפירושדי־קע שוועריקייטן, הגם אָפיציעל זענען די דאָזיקע באַשרענקונגען מאָטיווירט ווי באַגרענעצונגען קעגן די וואָס זענען געבוירן גע־וואָרן אין די לענדער, וואָס געפינען זיך אונטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג״. דאָס איז בפרט חל אויף דער יורידישער פּראַקטיק ווען אַ ייד וויל זיך נאַטוראַליזירן. יידן מאַכט מען אין דעם פּרט אַזעל־כע גרויסע שוועריקייטן, אַז זיי זענען די איינציקע קרבנות פון די דאָזיקע באַשרענקונגען.

דער ערשטער פּרווו צו אָרגאַניזירן אַ יידיש לעבן איז גע־מאַכט געוואָרן פון די איינוואַנדערנדיקע יידן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „סיר־קולאָ איזראַעליטאַ״ און עס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ פאָלקס־הויז. אַלע יידישע פאַראיינען האָבן זיך אַזוי אַרום געפונען אונ־טער איין דאַך. דער „סירקולאָ״ איז געוואָרן די היים פאַר אַלע אינסטיטוציעס, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביז דער אָר־טאָדאָקסישער „חברה קדישא״. די לאַנדסמאַנשאַפטן, די יוגנט־קלובן, די קולטור־אָוונטן, די ביבליאָטעק, מיט איין וואָרט — אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן יידישן לעבן האָט זיך גרופּירט אין און אַרום דעם „סירקולאָ״. דאָס איז געווען אַ מין קהילה־הויז, אָן דער פאָרמעלער פונקציע פון אַ יידישער געמיינדע.

די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון דעם ישוב איז געווען דער „קאָמיטע רעפּרעזענטאַטיוואָ דע לאַ קאָלעקטיווידאַד דע טשילע״ וואָס איז פון אַ קאָמיסיע פון דעם „סירקולאָ״ געוואָרן מיט דער

צייט אַן אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט, און וואָס איז שפּעטער גע־וואָרן און איז עד־היום דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן ישוב. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער „חברה קדישא", וואָס איז לכתחילה געווען אַ טייל פון דעם „סירקולאָ", שפּעטער געוואָרן אויטאָנאָם און מיט דער צייט געשטרעבט צו ווערן אָנערקענט ווי די רעליגיעזע קהילה פון סאַנטיאַגאָ. אין 1948 האָט די „חברה קדישא" באַשלאָסן צו ענדערן דעם נאָמען אויף „יידישע רעליגיע־זע קהילה". דער „קאָמיטע רעפּרעזענטאַטיוואָ" האָט אויף דעם אָבער נישט געוואָלט איינגיין. אין דעצעמבער 1949 האָבן 200 מיטגלידער צונויפגערופן אַן אסיפה בכדי צו רעווידירן דעם דאָ־זיקן באַשלוס. געזיגט האָט אָבער די ליסטע פון דער „חברה קדי־שא". אַזוי אַרום האָט סאַנטיאַגאָ באַקומען די ערשטע יידישע רע־ליגיעזע קהילה אין לאַנד.

חוץ דעם זענען אין לאַנד פאַראַן זיבן קהילות, וואָס אָפיציעל טראָגן זיי דעם נאָמען „חברה קדישא", הגם זייערע פונקציעס זענען אַ סך ברייטערע און מער פאַרצווייגטע.

מיט ענינים פון כשרות און חינוך פאַרנעמען זיך ספּעציע־לע קאָמיסיעס, וואָס אין סאַנטיאַגאָ זענען זיי אַ טייל פון דעם „רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט". מיט דער צייט זענען זיי אָבער געוואָרן אויטאָנאָמע סעקציעס און פונקציאָנירן ווי „ועד מרכזי לעניני הדת" און „ועד החינוך". דער ראַבינאַט אין סאַנטיאַגאָ פונקציאָנירט אונטער דער השגחה פון דעם „רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט". אין קלענערע פלעצער זענען די דאָרטיקע קהילות בדרך כלל פעדעראַציעס פון רעליגיעזע חברות, חוץ אין סאַנטיאַ־גאָ. אַזוי, למשל, האָט וואַלפּאַראַאיסאָ דריי קהילות, אַן אשכנזי־שע, אַ ספרדישע און אַ דייטש־יידנדיקע. אין סאַנטיאַגאָ איז די „חברה קדישא", וואָס רעפּרעזענטירט נאָר 5% פון דער יידישער באַפעלקערונג אַ ריין־רעליגיעזע אינסטיטוציע. וואָס שייך אַלגע־

מײנע ײדישע ענינים אָנערקענט זי די קאָמפּעטענץ פון „רעפּרע־זענטאַטיװן קאָמיטעט״.

יעדער ײדישער ישוב האָט אײגענע אינסטיטוציעס, אָפּטמאָל מיט פּאַסיקע בנינים. סינאַגאָגן זענען פאַראַן פיר, דרײ אין סאַנ־טיאַגאָ גופא (פון מזרח־אײראָפּעאישע ײדן, ספרדים און דײטשע ײדן) און אײנע אין טעמוקאָ. אַחוץ דעם זענען פאַראַן מנינים אין אײגענע אָדער געדונגענע לאָקאַלן, על־פּי־רוב אָבער נאָר ימים־נוראים. מיט קלײנע אױסנאַמען זענען קײן טעגלעכע מנינים כמעט װי נישטאָ. די טשילענער ײדן זענען בכלל װײניק רע־ליגיעז. מען פּראַװעט פײערלעך בר־מצװות, חתונות לױטן אַלטן שטײגער, יעדע גרופּע לױט די נוסחאות, װאָס זי האָט מיט זיך געבראַכט אָדער געירשנט פון די עלטערן. קײן בתי־מדרשים און ישיבות זענען אין לאַנד נישטאָ. פאַראַן פאַלן פון שיקן ײנגלעך אין ישיבות קײן ניו־יאָרק, אָבער דאָס זענען װײט נישט קײן צו אָפּטע דערשײנונגען. קײן חדרים זענען נישטאָ, נאָר עס זענען פאַראַן פינף מלמדים װאָס לערנען עברי פּריװאַט. מיטן אױסנאַם פון די רבנים און אַ טײל כלי־קודש זענען די מערסטע כלי־קודש געצװוּנגען צו האָבן זײטיקע פּרנסות.

כשרות װערט שטאַרק נישט אָפּגעהיט. װיפל ײדן עסן כשר פלײש איז שװער פעסטצושטעלן. היות װי עס זענען אין גאַנצן פאַראַן צװײ קצבים, װאָס פאַרקױפן נאָר כשר פלײש — איז די צאָל מסתמא אַ קלײנע. ײדישע ספרים געפינט מען אין דער ביב־ליאָטעק פון דעם „סירקולאָ איזראַעליטאַ״ און אפשר אויך אין געצײלטע פּריװאַטע הײזער. מחזורים, סידורים און אַנדערע רומל ספרים אימפּאָרטירט מען על־פּי־רוב פון אַרגענטינע. קײן שומרי שבת זענען מיטן אױסנאַם פון גאָר פרומע ײדן, כמעט װי נישט בנמצא. הגם די עפנטלעכע ײדישע אינסטיטוציעס היטן אָפּ שבת, װי אַ רו־טאָג.

דער קולטור־מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג איז לגבי דעם אַלגעמיינעם קולטור־מעמד פון לאַנד הינטערשטעליק. בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן די „סירקולאָ איזראַעליטאַ“ איז דער דאָזיקער צענטער געוואָרן דער איינציקער קולטור־ווינקל פון דעם יידישן ישוב אין סאַנטיאַגאָ. די הערשנדיקע שפּראַך איז באַלד געוואָרן שפּאַניש, הגם די גרינדער פון דעם „סירקולאָ“ זענען גע־ווען על־פּי־רוב מזרח־אייראָפּעאישע יידן. מיט דער צייט האָבן אָבער אָנגעהויבן צו קומען צופעליקע לעקטאָרן און סיסטעמאַטי־שע שלוחים, על־פּי־רוב ציוניסטישע, וואָס האָבן גערעדט צום עולם יידיש. אַזוי אַרום האָט מען פּאַראַלעל מיט שפּאַניש אויך אָנגע־הויבן צו פירן קולטור־אַרבעט אויף יידיש און אַריינגעפירט דעם לימוד פון יידיש אין די שולן. אַ טייל לאַנדסמאַנשאַפטן, בפרט דער „פּאַרבאַנד פון פּוילישע יידן“ האָט אָרגאַניזירט יידישע ביב־ליאָטעקן און לעקציעס און אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אַ יידישן בוך. אָבער דער שפּראַכלעכער אינסטרומענט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געבליבן דער זעלבער, וואָס הערשט אין די פּריוואַטע היימען פון די יידן, דאָס הייסט שפּאַניש.

די שפּראַכלעכע דיפערענציאַציע צווישן דעם אימיגראַנטישן דור האָט גורם געווען אַז אַ צאָל קלענערע פאַראיינען זאָלן גע־בויט ווערן אויפן יסוד פון לשון. די דייטש־ריידנדיקע יידן, די אונגאַריש־ריידנדיקע און אַ טייל ספרדים האָבן קלובן און פאַר־איינען אין זייערע אייגענע לשונות. דער „סירקולאָ“ ווי אַ פעדע־ראַטיווע אָרגאַניזאַציע האָט לגבי די איינצלנע חברות זיך גע־שטעלט אויף דעם פּרינציפּ פון שפּראַכן־אויטאָנאָמיע, הגם שפּאַ־ניש איז די שפּראַך וואָס ווערט באַנוצט אין די אַלגעמיינע אַקטי־וויטעטן. פון דעם דאָזיקן צענטער.

אין אַ ישוב, וואָס איז 95% ציוניסטיש, איז אין אַ סך פאַלן

די מחיצה נישט די אידעאָלאָגיע, נאָר די שפּראַך. די טעטיקייט פון די שפּראַך־גרופּעס איז בדרך־כלל אַזוי באַשרענקט, אַז אַ דייטשע אָדער אַ יידישע לעקציע איז פּונקט אַזוי באַגרענעצט וואָס שייך צאָל צוהערער, ווי, למשל, אַ לעקציע אויף אונגאַריש.

באַזונדער שטאַרק איז דער פּראָצעס פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע אין די קליינע ישובים, ווו עס איז שווער אַנצוגיין מיט וועלכע עס איז אַקציע אָן אַ בשותפותדיקער שפּראַך. אין טעמוקאָ למשל, בילדן די ספרדים אַ מערהייט אַזוי, אַז די אשכנזישע מינדערהייט מוז זיך צופּאַסן צו דער שפּאַניש־ריידנדיקער מערהייט.

קיין קאָנצענטרירטע יידישע קולטור־טעטיקייט איז דאָ ניטאָ. לעקציעס זענען צופעליקע געשעענישן, פּונקט ווי יידיש טעאַטער, וואָס ווערט פון צייט צו צייט געשפּילט דורך פאַרבייפאָרנדיקע שפּילער. די שפּאַניש־ריידנדיקע לעקטאָרן זענען על־פּי־רוב שליחים וואָס פירן דורך קאַמפּאַניעס און רעדן נאָר וועגן דירעקטע און פּראַקטישע ענינים. אַ געוויסע מאַניפעסטאַציע פון קולטור־טעטיקייט איז די פּאָליטיש־אויפקלערערישע אַרבעט אין שפּאַניש וואָס די ציוניסטישע קלובן און אָרגאַניזאַציעס פירן דורך. די דאָזיקע לאַגע האָט גורם געווען די נישט־פאַראינטערעסירטקייט צו הערן אַ רעפעראַט נישט פון אַ פּאָליטישן אָדער פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער. יידישע ביבליאָטעקן זענען פאַראַן אין אַ סך אינסטיטוציעס. בפרט איז רייך די ביבליאָטעק אין „סענטראָ איזראַעליטאַ" אָבער זייער ווינציק ווערט געלייענט, און נאָך ווינציקער געקויפט.

אין אַ בעסערן מעמד געפינט זיך דאָס יידישע שול־וועזן. די היגע שולן זענען גאַנצע שולן (אינטעגראַלע). מען לערנט לויט דער פּראָגראַם פון אַן אַלגעמיינער פאָלקסשול, חוץ דעם אויך העברעאיש און יידיש. די שולן האָבן אייגענע בנינים און ווערן

קאָנטראָלירט דורך דעם „ועד החינוך", וואָס ביז 1944 איז ער גע־וועזן אַ קאָמיסיע פון „קאָמיטע רעפּרעזענטאַטיוואָ" און איז איצט אַן אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט פאַרבונדן מיטן קאָמיטעט.

סאַנטיאַגאָ פאַרמאָגט צוויי שולן: די „קאָלעכיאָ ביאַליק", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1946 און דער „אינסטיטוטאָ העברעאָ". חוץ דעם איז פאַראַן אַ קינדערגאָרטן.ביידע שולעס האָבן איבער 600 קינדער. אין וואַלפּאַראַאיסאָ איז פאַראַן אַ שול מיט 90 תלמידים.

די צאָל קינדער אין שול־עלטער, וואָס באַקומט וועלכע עס איז יידישע דערציאונג באַטרעפט 10%. דער ישוב קאַרגט נישט קיין געלט פאַרן יידישן חינוך. בעת אין 1944 האָט דער „ועד החי־נוך" אין סאַנטיאַגאָ באַקומען נאָר 36% פון דעם קהילה־בודזשעט לטובת די שולן, האָט שוין דער פּראָצענט מיט פינף יאָר שפּעטער (1949) באַטראָפן איבער 53.

די ידיעות וואָס די קינדער באַקומען אין העברעאיש און יידיש שטעלן די עסקנים נישט צופרידן. די היים־שפּראַך איז שפּאַניש, ממילא האָט די היים אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען די דאָזיקע לאַגע. דער מאָראַלישער פּרעסטיזש פון העברעאיש איז אָבער זייער אַ הויכער. דער נאַציאָנאַלער סימבאָל און די עמאָציאָ־נעלע אינטענסיוויקייט פון העברעאיש ביי די קינדער דעקט זיך אָבער ווייט נישט מיטן פּאַקטישן קענען פון דעם לשון.

דאָס יידישע שול־וועזן אין טשילע איז אַ געזעלשאַפטלעכע. קנאַפּע 60% צאָלן אַ פולן שכר־לימוד און 17% זענען אין גאַנצן באַפרייט פון דעם. אַגב באַקומען די קינדער פריי עסן אין דער שולע.

דער כינוס פון „ועד החינוך", וואָס איז פאָרגעקומען דעם 5טן און 6טן נאָוועמבער 1949 האָט באַשלאָסן צו בויען אַ צענ־

טראַלע געבײַדע פאַרן שול־וועזן, עפּענען נייע שולן און גרינדן ביבליאָטעקן.

אין די אַלגעמיינע מיטלשולן פון לאַנד מאַכן יידישע תלמי־דים אויס 50%. אין פאַרגלייך מיט די נישט־יידן ענדיקן די אַלגע־מיינע מיטלשול מער יידן. וואָס שייך העכערע בילדונג שטודירן יידישע תלמידים קודם־כל מעדיצין און אינזשינעריע. לערער־יידן אין אַלגעמיינע שולן זענען פאַראַן סך־הכל צען.

טשילענער יידן האָבן אויך אַן אייגענע פּרעסע. אין 1935 איז געגרינדעט געוואָרן אַ שפּאַניש וואָכנבלאַט „מונדאָ כודיאָ", וואָס דרוקט זיך אין 1,000 עקזעמפּלאַרן. אין 1943 איז געגרינדעט גע־וואָרן „דאָס יידישע וואָרט", אַ וואָכנבלאַט אין יידיש, וואָס גייט אַרויס אויך אין 1,000 עקזעמפּלאַרן. חוץ דעם דערשיינען: אַ דייט־טשע וואָכנבלאַט פון דעם קולטור־פאַראיין „בני ישראל" (3,000 עקזעמפּלאַרן), אַ חודש־זשורנאַל פון די אַלגעמיינע ציוניסטן „איז־ראַעל" (1,500 עקזעמפּלאַרן) און אַ פּועלי ציוניסטישע „נועסטראָ מאָווימיענטאָ" (זינט 1944). אויך די ציוניסטישע פּרויען־אָרגאַ־ניזאַציע (וויצאָ) האָט אַ פּעריאָדישע שריפט. סך־הכל — 9000 עקזעמפּלאַרן, אויף אַ באַפעלקערונג וואָס ציילט 32,000 נפשות.

יידיש און שפּאַניש לייענט 10% יידן, נאָר יידיש אויך די זעלבע צאָל. דאַקעגן 80% יידן לייענט נאָר שפּאַניש. אין דער אַלגעמיינער פּרעסע פון לאַנד פאַרנעמען די יידן אַ באַשיידענעם אָרט. עס איז אפילו פאַראַן אַ יידישער אייגנטימער פון אַ צייטונג און זעקס יידן־רעדאַקטאָרן, אָבער זשורנאַליסטן־יידן זענען דאָ דריי. קיין טשילענער שרייבער־יידן זענען כמעט ווי נישטאָ. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז יידן פילן זיך מחוץ דעם קולטור־לעבן פון לאַנד. בדרך־כלל איז דער טשילענער ייד שטאַרק איינגעבירגערט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס צוויי דריטל פון יידן זענען אי־

מיגראַנטן. די טשילענער יידן מייזן נישט אויס די מינדסטע גע־לעגנהייט כדי צו מאַניפעסטירן זייער צוגעבונדנקייט צום לאַנד. באַזונדער בולט איז דאָס ביי דעם דייטש־יידישן סעקטאָר, דעם יינגסטן וואָס שייך אייַנוואַנדערונג. די דייטשע יידן בויען אַלגע־מיינע אינסטיטוציעס, באַטייליקן זיך אין דעם לעבן פון לאַנד זייענדיק אין דער זעלבער צייט שטאַרק ציוניסטיש. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

יידן זענען שטאַרק פאַרטראָטן אין דער מעדיצינישער פּראָ־פעסיע, הגם זי באַצאָלט זיך נישט צו גוט צוליב די מלוכה־קאַסעס („קאַכאַס סאָסיאַלעס"). ווי אַן אויסדרוק פון אינטערעס פאַר די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון לאַנד, האָט די טשילענער יידישע יוגנט געגרינדעט אין 1922 אַן עפנטלעכע פּאָליקליניק („פּאָליקליניקא פּובליקא איזראַעליטאַ"), וואָס ווערט באַדינט פון 25 יידן־דאָק־טוירים. די דאָזיקע קליניק געפינט זיך אין דעם אָרעמסטן טייל פון שטאָט און באַדינט אַ ריזיקע צאָל פּאַציענטן, 90% נישט־יידן. זי ווערט אויסגעהאַלטן פון 600 יידישע מיטגלידער, פון אַ טייל הכנסה פון דעם אַלגעמיינעם יידישן קאַמפּיין און באַקומט אויך קליינע מלוכה־סובסידיע.

די געזעלשאַפטלעכע ענערגיע פון דעם יידישן ישוב איז קאָנ־צענטרירט אויף עטלעכע עיקר־פּראָבלעמען, צווישן וועלכע מדינת ישראל פאַרנעמט די מזרח־וואַנט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין טשילע איז נישט סתם אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. איר נאַ־ציאָנאַל־דערציערישע השפעה אויף דעם גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו איז זייער גרויס און טיף. אין די זיבן פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופּירונגען זענען פאַראַן קנאַפּע 5,000 מיטגלידער. די ציוניסטי־שע יוגנט־פאַראיינען ציילן קנאַפּע 1,500 מיטגלידער. די ערשטע „הבונים" האָבן געשאַפן די דייטשע יידן.

די יידן באַטייליקן זיך קודם־כל אין אַלע קאַמפּאַניעס לטובת מדינת ישראל. ביז מיט אַ צוויי יאָר צוריק איז געווען אַ באַזונדערע אַלגעמיינע יידישע קאַמפּאַניע. איצט איז פֿאַראַן נאָר איין קאַמפּיין וואָס גיט אַ געוויסן פּראָצענט פֿאַר די לאָקאַלע אינסטיטוציעס, ווי דער „ועד החינוך" און אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס ווי דער „דזשאָינט", דער „יידישער וועלט־קאָנגרעס", „האַיאַס", „אָרט" אאז"וו.

באַזונדערע שטיץ־אָרגאַניזאַציעס זענען פֿאַראַן פֿאַר די קולטור־אַנשטאַלטן אין מדינת־ישראל. צוויי הכשרות גרייטן צו אַ גרופּע פֿון 60 חלוצים פֿאַר די קבוצות אין מדינת ישראל.

פּראָפּאָרציאָנעל זענען אַ סך מער טשילענער יידן געפֿאָרן זיך באַזעצן אין מדינת ישראל, ווי פֿון אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. דאַקעגן איז די טוריסטיק אַ סך שוואַכער אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער.

דער עצם אויפֿקום פֿון מדינת ישראל האָט פּסיכאָלאָגיש געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף דעם טשילענער יידן. די עקאָנאָמיש און פּאָליטיש שטאַרקע אַראַבישע גרופּע, וואָס איז בעת דער מלחמה געווען פּראָ־נאַציסטיש, האָט אָנגעפֿירט אַ סיסטעמאַטישע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע איבערנעמענדיק פֿון די דייטשן, וואָס זייער צאָל איז אין טשילע גרויס און וואָגיק, די זעלבע מעטאָדן אין באַקעמפֿן יידן און מדינת ישראל. דער יידישער ישוב האָט מיט אַ סך ווערדע און גוט קאָנצענטרירטע אַטאַקעס אָפּגעשלאָגן די גיפֿטיקע פּראָפּאַגאַנדע. דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דעם „רעפּרעזענטאַטיוון קאָמיטעט" איז געלונגען צו געווינען פֿאַר דער אידעע פֿון מדינת ישראל די סימפּאַטיעס פֿון דעם טשילענער פֿאָלק, וואָס איז תמיד געווען פֿריינטלעך צו יידן. אין דער תקופֿה פֿון נאַציזם איז צוליב דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע די פֿריינט־

שאַפט לגבי יידן שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די יידישע גע־זעלשאַפטלעכע מיינונג האָט אין לעצטן סך־הכל צוריקגעוואָרפן די דאָזיקע אַלטע פריינטשאַפט.

די אַקטיווע אַרבעט פאַר מדינת ישראל שטערט נישט די טשילענער יידן זיך צו באַטייליקן אַקטיוו אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. יעדער בירגער וואָס איז אַלט 21 יאָר האָט שטים־רעכט. אין די מוניציפּאַלע וואַלן קאָנען זיך באַטייליקן אַפילו נישט־ביר־גער בתנאי אַז זיי וווינען פינף יאָר אין לאַנד. קיין יידישע „אַי־שוס“ זענען אין דער לאַנד־פּאָליטיק נישטאָ. אין טשילע האָט מען שוין אויסגעוויילט איין ייד פאַר סענאַטאָר און אַ צווייטן פאַר דעפּוטאַט —ביידע פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי („פּאַרטידאָ ראַ־דיקאַל“) — ביידע מיט 95% נישט־יידישע שטימען.

אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט פון דער רעפּובליק זענען פאַראַן יידן, פון זיי עטלעכע אויף גאָר הויכע פּאָסטנס. נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער טשילענער יידישער ישוב איז אין גאַנצן אַלט 50 יאָר זענען שוין פאַרצייכנט געוואָרן אַ צאָל פּראָמינענטע פּער־זענלעכקייטן, וואָס שפּילן אַ ראָלע אין דעם היגן גייסטיקן לעבן.

די וואַקסנדיקע צונויפאַרבעט צווישן ספרדים און אשכנזים, ווי אויך דער שנעלער פּראָצעס פון איינבירגערן זיך אין דעם גע־זעלשאַפטלעכן קלימאַט און גייסטיקער קולטור פון לאַנד — איז גורם דעם פּראָצעס פון שפּראַכלעכער אוניפיקאַציע פון דעם גאַנצן יידישן ישוב. דער ציוניזם האָט מיט זיין אינטענסיווקייט פאַר־שטעלט די וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דעם ישוב גופא, וואָס וועט אין זיין רוב בלייבן אין לאַנד און ממילא וועט ער מוזן פריער אָדער שפּעטער פאַרענטפערן זיינע אייגענע פּראָ־בלעמען.

יידישער חינוך איז נאָך ווייט נישט איינגעפונדעוועט. 90%

קינדער אין שול עלטער באַקומען בכלל נישט קיין שום יידישע דערציאונג. דער וועג פון אינטעגראַלע שולן האָט אין טשילע אַוועקגעשטעלט דעם ענין חינוך אויף אַ רעאַלן באָדן.

אַ רעליגיעזע פירערשאַפט וועט מוזן זיך מיט דער צייט אויס־קריסטאַליזירן נישט אַזוי ווי אַ פּועל־יוצא פון אינעווייניקסטער נויטווענדיקייט, ווי פון דרויסנדיקע השפעות, וואָס שטימען זיך אויס מיט דער אַלגעמיינער, אָנגענומענער פאָרמע פון כלל־לעבן ביי אַלע גרופּעס אין לאַנד. די גרויסע צאָל געמישטע חתונות ווערט שוין אַ געזעלשאַפטלעכער ענין.

די נידעריקע מערכה פון יידישן קולטורעל־רעליגיעזן לעבן איז אַ פּועל־יוצא פון אַ שטאַרק פאַרשפּרייטן נאַציאָנאַליסטישן סעקולאַריזם, וואָס פאַרמאָגט אין זיך זייער ווייניק יידיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן און טראָגט אַ צופעליקן, דרויסנדיקן, דעמאָנ־סטראַטיוון כאַראַקטער פון מאַסאָוועך, יום־טובדיקער יידישקייט. וואָס ווערט זיך שנעל אויס אין די וואָכנדיקע טעג פון טאָג־טעג־לעכן לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס די טשילענער יידן האָבן אַזוי אויפריכטיק ליב.

מעקסיקע

מעקסיקע איז דרייצן מאָל גרעסער ווי ענגלאַנד און האָט אַ באַפעלקערונג צוויי מאָל קלענער. די אימיגראַציע איז אָבער לעצטנס זייער באַשרענקט געוואָרן. זינט 1937 איז אין מעקסיקע איינגעפירט געוואָרן אַן אימיגראַציע־קוואָטע, וואָס דערלויבט נאָר אויף 100 אימיגראַנטן אַ יאָר פון די צוויי לענדער, וואָס האָבן תמיד געגעבן דעם העכסטן פּראָצענט אימיגראַנטן, ד״ה פּוילן און רומעניע. אָפיציעל ווערט נישט אָנגעגעבן אַז די קוואָטע איז קעגן יידן, אָבער עס איז קלאָר אַז גראָד זענען די גרעסטע קרבנות פון דער דאָזיקער גזירה די יידן. אין די לעצטע פינף יאָר זענען פאָרט אַריינגעקומען אַן ערך טויזנט יידן, פון דעם אין 1947 סך־הכל 91. אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 24,440,000 ווערט די יידי־שע באַפעלקערונג געשאַצט אויף אַן ערך 25,000. פון דער דאָזיקער צאָל וווינען 17,500 אין דער הויפּטשטאָט גופא, רעפּרעזענטירנ־דיק מיט זיך איין פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער שטאָט־באַפעל־קערונג. 14,000 יידן שטאַמען פון מזרח־אייראָפּע און געהערן צו דער יידיש־ריידנדיקער גרופּע. 4,000 זענען ספרדים און 2,000 דייטשע יידן. עס איז אויך פאַראַן אַ גרופּע אַראַבישע יידן און עקזאָטישע אינדיאַנישע גרופּע כלומרשט אָפּשטאַמיקע פון די מאַ־ראַנען.

חוץ מעקסיקע שטאָט זענען פאַראַן 17 שטעט מיט גרעסערע יידישע ישובים. גואַדאַלאַכאַראַ ציילט 480 נפשות, פון זיי 40%

ספרדים, מאַנטעריי — אַ 85 משפחות. פון די קלענערע ערטער פאָרט מען ביסלעכווייז אַריבער אין דער הויפּטשטאָט, ווייל מען וויל זיין צווישן אַ סך יידן.

די געשיכטע פון יידישן ישוב אין מעקסיקע האָט געהאַט איר היסטאָרישע תקופה אין 16טן יאָרהונדערט, וואָס די אינקוויזיציע האָט געבראַכט צו אַ בלוטיקן גמר. קליינע גרופּעס דייטשע און פראַנצויזישע יידן האָבן איינגעוואַנדערט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה. אַ גרעסערע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַ גרופּע פון אַן ערך 200 יונגע יידן זענען געקומען אַהער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין 1921 הויבט זיך אָן די אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן, על־פּי־רוב פון פּוילן, וואָס דערגרייכט אין משך פון דריי יאָר דעם קול־מינאַציע־פּונקט. ספרדים הויבן אָן אַריינצוקומען אין גרעסערע צאָלן אין 1928. אין 1940 זענען 40% מעקסיקאַנער יידן — אשכנזים געוועזן שוין הי־געבוירענע, און ביי די ספרדים — 56%.

מיט ווינציק אויסזיכטן אויף פאַרגרעסערן זיך דורך אימי־גראַציע, איז די יידישע באַפעלקערונג אין מעקסיקע איבערגעלאָזט געוואָרן אויף דעם גורל פון נאַטירלעכן צוּוווּקס, וואָס מאַכט אויס נעט 14 אויף טויזנט, און אויך אויף דעם אימפּעט פון אייגענער קולטור־נאַציאָנאַלער דינאַמיק, וואָס קאָן שטאַרק פאַרטיפן די וואָרצלען פון דער יידישקייט געבראַכט פון דער אַלטער היים.

ווי אַ טיפּישע אורבאַנישע גרופּע זענען מעקסיקאַנער יידן קודם־כּל שטאַרק פאַרטראָטן אין האַנדל און אין אינדוסטריע. קנאַ־פּע 60% פאַרנעמט זיך מיט האַנדל און אַן ערך 15% מיט איב־דוסטריע. אַן ערך 8% זענען טעטיק אין ליבעראַלע פּראָפעסיעס. אַ טייל זענען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. אין מעדיצין איז פאַ־ראַן אַזאַ איבערפלוס, אַז מען האָלט אַז יידן דאַרפן זיך אויף אַ

צייט אָפּהאַלטן פון שטודירן מעדיצין. עס זענען פאַראַן אָרימע שיכטן וואָס פאַלן שטאַרק צו לאַסט די צדקה־חברות.

אין אינדוסטריע זענען יידן פּיאָנערן אויף אַ גאַנצער ריי געביטן, ווי פאַבריקאַציע פון בייטלען, דאַמען־קאָנפעקציע, מעטאַל, פּלאַסטיק, עלעקטרישע מכשירים, סוועטער־אויסאַרבעטונגען, אונטערוועש, טעקסטיל וכדומה.

די אָריענטאַלישע יידן זענען באַלד נאָכן אָנקומען אין לאַנד געוואָרן פּעדלער און אַ טייל זענען דאָס נאָך עד היום. דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד האָט אויך געהאַט אַ תקופה פון פּעדלעריי. קיין אַרבעטער האָט ער נישט געקאָנט ווערן, מחמת די זייער נידעריקע לוינען. דער סיסטעם פון פאַרקויפן אויף אויסצאָלן איז פאַרן לאַנד געווען אַ ברכה, מחמת דעם וואָס די פּרייזן אין די געשעפטן זענען פאַרן דורכשניטלעכן מענטשן געווען זייער הויכע. דער אימיגראַנט איז געוואָרן גלייכצייטיק דער פאַרקויפער פון אַרטיקלען אין וועלכע מען האָט זיך גענויטיקט און אויך אַן אַגיטאַטאָר אַז מען דאַרף עס האָבן. עס איז געווען אַ ציוויליזאַטאָרישע מיסיע פאַראייניקט מיט מסחר. די גרויסע שוועריקייטן אויף וועלכע דער יידישער אימיגראַנט האָט זיך אָנגעשטויסן אין די ערשטע, פּיאָנערישע יאָרן פון זיין טעטיקייט האָבן געפאָדערט עקספּערימענטן און ריזיקעס, וואָס זענען מיט דער צייט רעאַליזירט און באַלוינט געוואָרן. די וואָס האָבן נאָך יאָרן שווערער אַרבעט דערגרייכט עשירות און געזעלשאַפטלעכע חשיבות, זענען געוואָרן וועגווייזער פאַר אַנדערע אימיגראַנטן. זייערע עליות און ירידות כאַראַקטעריזירן די פּיאָנערישע תקופה פון אַ קרקע־בתולה עקאָנאָמיק אין אַ ממש פעאָדאַלער סביבה.

דער יידישער וועבער פון פּוילן האָט נאָך אַ פּאָר יאָר פּעדלעריי אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר זיך, געעפנט אַ קליינע וועבעריי

און מיט דער צייט אַנטוויקלט אַ סאָלידע פֿאַבריק, אמת נישט קיין צו גרויסע, ווייל עס האָט אים תמיד געפֿעלט קאַפּיטאַל פֿאַר אַ שנעלער אַנטוויקלונג. אַ טיפּישע יידישע פֿאַבריק אין מעקסיקע באַשעפֿטיקט צווישן 10 און 200 אַרבעטער. אין דער גרויסער און שווערער אינדוסטריע פֿון לאַנד זענען יידן נישט פֿאַרטראָטן.

בכל אופן קאָן געזאָגט ווערן, אַז יידן אין מעקסיקע זענען אַריינגעדרונגען כמעט אין אַלע וויכטיקע צווייגן פֿון דעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון לאַנד. לויט אַ פּראָפֿעסיאָנעלער צעגלידערונג פֿון דעם אַשכנזישן ישוב דורכגעפֿירט פֿון דעם אַלגעמיינעם יידישן קאָמפּאַניע־קאָמיטעט, קומט אויס אַז יידן זענען טעטיק אין 52 פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס.

אין 1931 איז געגרינדעט געוואָרן די „קאַמאַראַ דע קאָמערסיאָ איזראַעליטאַ״, וואָס דינט אויך ווי אַ בית־דין אין ענינים וואָס האָבן צו טון מיטןווירטשאַפֿטלעכן לעבן.

די קהלשע אָרגאַניזאַציעס זענען געבויט לויט די זעלבע פֿאָרמען ווי כמעט אין אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער. די עלטסטע אימיגראַנטן, די ספרדים, האָבן אָרגאַניזירט זיך באַזונדער. די אַלעפּער ספרדים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין 1909, אָבער ערשט אין 1931 געעפֿנט אַן אייגענע סינאַגאָגע. אין 1950 האָט מען זיי געציילט אַ 500 משפּחות. זיי האָבן אַ בית־עולם, אַ תלמוד־תורה און אַנדערע אינסטיטוציעס. אַנדערע ספרדים האָבן זיך אָרגאַנירט אין 1912 אין „אַליאַנסאַ מאָנטע סינאַי״ און אין 1940 אויסגעבויט אַ נייע סינאַגאָגע. חוץ דעם זענען פֿאַראַן נאָך צוויי ספרדישע חברות. זיי הייסן: „אוניאָן אי פּראָגרעסאָ״ און (1924) „לאַ פּראָטערנידאַד״. אין 1940 איז געגרינדעט געוואָרן די קהילה ר׳ יהודה הלוי („קהל קדוש רבי יהודה הלוי״). אין 1950 איז געשאַפֿן געוואָרן דער תרבות ספרדי, וואָס האָט אויסגעבויט אַ ספּעציעלן בנין פֿאַר די קולטור־אַקטיוויטעטן.

בעת די ספרדישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זענען גע־וועזן לכתחילה קליין אין פאַרנעם און מער מאָנאָליטיש אין כאַראַק־טער, קאָן דאָס אָבער נישט געזאָגט ווערן וועגן דעם אשכנזישן ישוב. קודם־כל האָט דער דאָזיקער ישוב גאָר שנעל איבערגעשטיגן וואָס שייך צאָלן די ספרדים, והשנית איז ער אידעאיש און קול־טורעל נישט געווען אַזוי מאָנאָליטיש. אויב ביי די ספרדים איז געווען אַן אונטערשיד וואָס שייך אָפּשטאַם און קולטור־ניוואָ, איז ביי די אַשכנזים, מיטן אויסנאַם פון דער אַמעריקאַנער גרופּע, גע־ווען אַ שפּראַכלעכע אייניקייט, אָבער אַן אידעאישע פאַרשיידנקייט.

די שפּראַכלעכע אייניקייט האָט מעגלעך געמאַכט זיך צו פאַרמעסטן אויף ברייטערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, און אפילו פאַרקוקן אויף אַ ווייל די סאָציאַל־פּאָליטישע חילוקי־דעות.

דער ערשטער יידישער קלוב, געגרינדעט אין 1917 א״נ „כו־ווענטוד איזראַעליטאַ דע מעכיקאָ" איז געווען אַ שפּאַניש־רעדנדי־קער. אין 1918 האָבן די אַמעריקאַנער יידן, וואָס האָבן זיך באַ־זעצט אין מעקסיקע געגרינדעט לויטן מוסטער פון די פאַראייניק־טע שטאַטן „יאָנג מענס היברו אַסאָסייישאַן". אין משך פון דער צייט, מיטן וווקס פון די מזרח־אייראָפּעאישע איינוואַנדערער איז דער דאָזיקער אַמעריקאַנער קלוב אַריבער פון ענגליש אויף יידיש און איז געוואָרן דער צענטער פון יידישע אַקטיוויטעטן פאַר אַלע ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס. יעדע גרופּע וואָס האָט רעפּרעזענ־טירט וועלכע עס איז אידעאָלאָגיע איז געווען צו קליין אויף אָנ־צופירן אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און מיטן וווקס פון דער אימיגראַציע הויבן זיך אָן אויס־צוקריסטאַליזירן גאָר מיליטאַנטיש־געשטימטע גרופּעס. עס הויבט זיך אָן אַ תקופה פון קלובן־פאָרמאַציעס נישט סתם יידישע, נאָר לויט פּאָליטישע אָריענטאַציעס. די דאָזיקע קלובן האָבן אָבער לאַנג

נישט געקאַנט אַנפירן אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט און געמוזט זיך אויפלייזן. עס איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי גע־פינען אַ נייטראַלע פּלאַטפאָרמע פאַר אַ געזעלשאַפטלעך־קלוביס־טישן צענטער. דאָס איז אויך געווען אַ נויטווענדיקייט מחמת דעם וואָס אַפילו לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אין מעקסיקע נישט געקאַנט זיך אַנטוויקלען. אין זכות פון ווירטשאַפטלעכן דערפאָלג און אינ־דיווידועלער פעאיקייט שיילט זיך גאָר שנעל אויס אַ גרופּע יחי־דים וואָס פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין כלל־אַרבעט פון דעם יונגן ישוב.

מיטן צושטראָם פון דייטשע יידן קומען אויף עטלעכע נייע חברות, וואָס האָבן זיך אין 1943 פאַראייניקט אין איין חברה. אויך די אונגאַרישע יידן האָבן אין 1942 געגרינדעט אַן אייגענעם קלוב „אמונה״ און פירן אַ באַשיידענע טעטיקייט.

די אשכנזים האָבן קודם־כל געזוכט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע באַ־זע פאַר זייערע רעליגיעזע הצטרכותן. באַלד פון אָנהויב איז גע־שאַפן געוואָרן אַ חברה־קדישא, וואָס האָט פונקציאָנירט ווי אַ כמו־קהילה. דאָס איז די „נדחי ישראל״, געשאַפן אין 1922. אין 1950 האָט די דאָזיקע רעליגיעזע קהילה געציילט ווי מיטגלידער 1,000 משפחות. „נדחי ישראל״ האָט אין 1949 געגרינדעט אַ מושב־זקנים, אויפגעבויט אַ מקווה. זי האָט אויך אַן אייגענעם בית־דין און פאַרשטייט זיך אויך אַ רב. די שטרעבונג אָבער פון „נדחי ישראל״ צו ווערן די קהילה שטויסט זיך אָן אויף אַן אָרגאַ־ניזירטן ווידערשטאַנד פון דעם גרעסטן טייל פון יידישן ישוב. עס איז פאַראַן אַ שטאַרקע נייגונג זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ קהילה, אָבער אַ מאָדערנע. אָבער דער דאָזיקער. געדאַנק ווערט נישט פון אַלעמען געשטיצט. אַזוי אַרום האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איין אויסוועג: אָפּהיטן דעם סטאַטוס קוואָ.

כלפי חוץ און כלפי פנים איז דער יידישער ישוב רעפּרעזענ־

טירט פון דעם צענטראַלן יידישן קאָמיטעט פון מעקסיקע („קאָמיטע סענטראַל איזראַעליטאַ דע מעכיקאָ“) וואָס איז אויפגעקומען אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פון בני־ברית.

דער יסוד פאַר דעם דאָזיקן קאָמיטעט איז געווען די פעדע־ראַציע פון יידישע חברות („פעדעראַסיאָן דע סאָסיעדאַדעס כור־דיאַס“) געגרינדעט אין 1932. אין יאָר 1937 האָט זיך די דאָזיקע פעדעראַציע רעאָרגאַניזירט אין אַ צענטראַלן קאָמיטעט מיטן ציל צו ווערן די רעפּרעזענטאַנטין פון יידישן ישוב און כדי צו קאָנען דורכפירן קאָאָרדינירטע געלט־אַקציעס. דער קאָמיטעט ווערט גע־קליבן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן און איז אָנערקענט פון דער רע־גירונג. אין 1947 איז די פאַרוואַלטונג פון קאָמיטעט באַשטאַנען פון 30 מיטגלידער (15 יידיש־רײידנדיקע, 5 ספרדים, 3 — דייטשע יידן, 2 — אונגאַרישע, 2 — דמשקער ספרדים און 2 אַלעפּער ספרדים).

די ציוניסטישע עלעמענטן האָבן אַ מערהייט אין דעם קאָמי־טעט. די לינקע גרופּעס זענען פאַרטראָטן פּראָפּאָרציאָנעל. דער קאָמיטעט פירט דורך די געלט־קאַמפּאַניעס, אָרגאַניזירט קולטור־אַרבעט און ווערט באַטראַכט ווי די אַלגעמיינע קהילה, וואָס האָט דאָס רעכט צו רעפּרעזענטירן דעם גאַנצן ישוב. וואָס שייך רעלי־גיעזע און דערציאונג־פראַגן האָט יעדע גרופּע, וואָס איז אָנגע־שלאָסן אין דעם צענטראַלן קאָמיטעט, אַ פולע אויטאָנאָמיע און פרייהייט צו אייגענער טעטיקייט.

דער צענטראַלער קאָמיטעט אַרבעט אין אַ פּעריפעריע, וואָס גאָר אין דער הויפּטשטאָט באַשטייט זי פון 66 אָרגאַניזאַציעס, פון זיי 10 רעליגיעזע, 9 קהלשע, 8 — קולטורעלע, 10 — צדקה־חב־רות, 10 — ציוניסטישע, 10 — יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און חוץ דעם 9 — פאַרשיידענע.

רעליגיעזע יידן האָבן אין זייער רשות 7 סינאַגאָגעס, צוויי טעמפּלען און צוויי מנינים. אין מעקסיקע סיטי זענען פאַראַן מני־נים יעדן טאָג. הגם כשרות ווערט נישט אָפּגעהיט פון אַ גרויסן טייל פון ישוב, דאָך זענען דאָ דאָ פיר קצבים. אויף דער פּראָווינץ איז די לאַגע וואָס שייך רעליגיע, כשרות און אַנדערע ענלעכע ענינים אַ סך אַן ערגערע.

קולטור- און דערציאונג-טעטיקייט

די אָרגאַניזאַציע פון יידישן חינוך אין מעקסיקע איז די בעס־טע אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע. געשען איז דאָס מחמת דעם, וואָס פּאַראַלעל מיטן ווּקס פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן סעקטאָר איז אויך געוואַקסן דער געדאַנק פון באַזאָרגן די קינדער מיט אַ יידי־שער דערציאונג. די דאָזיקע פּיאָנערישע איניציאַטיווע פון די אשכנזים האָט אויך משפיע געווען דעם ספרדישן עלעמענט, וואָס האָט ביסלעכווייז פאַרבעסערט זיין פרימיטיוון רעליגיעזן חינוך און מאָדערניזירט די שולן. אויך די דייטשע יידן, וואָס אין גרעסערע צאָלן האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינוואַנדערן נאָך 1933, האָבן זיך פאַר־טראַכט צו אַן אייגענעם שול־וועזן, אמת אַ רעליגיעזן פון אַ דער־גענצונג־טיפּ, אָבער אַוועקגעשטעלט אויף גוטע, פּעדאַגאָגישע יסו־דות.

אַן אייגענעם שול־סיסטעם האָבן אין מעקסיקע אָנגעהויבן צו בויען קודם־כל די יידישיסטן און ערשט נאָך זיי די רעליגיעזע יידן. אין 1924 איז געשאַפן געוואָרן אין אַ געדונגענעם לאָקאַל די ערשטע שול מיט 29 תלמידים. אין משך פון אַ פערטל יאָרהונ־דערט איז די דאָזיקע שול אויסגעוואַקסן אין אַ ריזיקן דערציאונג־אַנשטאַלט מיט איבער 900 תלמידים, מיט אַ קינדער־גאָרטן, עלע־מענטאַרער־שול, מיטלשול, לערער־סעמינאַר און אַ פּראָ־אוניווער־

סיטעט־קורס. קנאַפּע 50% תּלמידים באַזוכן די עלעמענטאַר שול. וואָס העכער עס זענען אָבער די לימודים אַלץ קלענער איז די צאָל תּלמידים. דאָס באַווייזט אַז די פראַגע פון אַ פולשטענדיקער דער־ציאונג און בילדונג אין אַ יידישער סביבה איז נאָך נישט געלייזט געוואָרן. די שולן זענען אינטעגראַלע, מיט אַ גרויסן לערער־פּער־סאָנאַל, וואָס באַשטייט פון מעקסיקאַנער (פאַר אַלגעמיינע לימו־דים) און יידן (פאַר יידישע לימודים). צווישן די יידישע לערער זענען דאָ הי־געבוירענע, על־פּי־רוב אַביטוריענטן פון דער שול גופא.

די רעליגיעזע יידן האָבן אין 1943 געעפנט אַ שול „יבנה", וואָס ציילט שוין 500 תּלמידים. דאָס איז אַ טאָג־שול מיט אַ ברייטן יידישן פּראָגראַם. פאַר די אַביטוריענטן איז געגרינדעט געוואָרן אַן עקספּערימענטאַלע ישיבה.

די העברעאיסטן האָבן אין 1941 געעפנט אַ שול, וואָס ציילט 300 תּלמידים, „תּרבות". זי האָט זיך אָבער נישט אַנטוויקלט אַזוי ברייט, ווי די אַנדערע שולן.

ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אידעאָלאָגישן סיכסוך האָט זיך אין דעצעמבער 1949 געגרינדעט די „נייע יידישע שול", מיט אַ טייל לערער און תּלמידים פון דער אַלטער שול, דער „קאָלעכיאָ". די שול ציילט איצט 150 קינדער.

חוץ דעם איז פאַראַן אַ פאַך־שול אָנגעפירט פון דער געזעל־שאַפט „אָרט", וואָס פאַרנעמט אַ חשובן אָרט אין דעם דערציאונג־סיסטעם פון דער יידישער מעקסיקע.

די שולן פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן ישוב באַזוכן 75% פון אַלע יידישע קינדער פון דער גרופּע, וואָס זענען אין שול־עלטער.

אין דער ספרדישער תּרבות־שול „מאָנטע סינאַי" זענען פאַראַן 550 קינדער. אין דער „תּרבות ספרדי" — אַ 350 און אין אַ תּלמוד־תּורה — 200.

די דייטשע יידן האבן נישט קיין באזונדערע שול, חוץ רעלי־גיעזע צוגאב־שעהען.

לויט דער סטאטיסטיק וואס עס איז פאראן פארן יאר 1942 האבן 25% יידישע קינדער אין שול־עלטער באזוכט אלגעמיינע מלוכה־שולן, 32% — פריוואטע שולן און 43% — די יידישע שולן. אין 1950 האבן 20% פון אלע יידישע קינדער באזוכט אל־געמיינע עלעמענטארע שולן און 35% — מיטלשולן.

נאך א פערטל יארהונדערט פון קאנצענטריטן יידישן חינוך קען מען פעסטשטעלן, אז די צאל יידישע קינדער וואס האבן זיך אויסגעלערנט ענגליש איז לפי ערך א סך גרעסער, ווי די וואס האבן זיך אויסגעלערנט העברעאיש און יידיש.

אויך אויף דער פראווינץ זענען פאראן יידישע שולן, אבער פון גאר א קליינעם פארנעם. קיין טאג־שולן פאר יידישע קינדער זענען בכלל אויף דער פראווינץ נישטא.

נישט געקוקט אויף דעם קליינעם ישוב, איז אבער די מאני־פעסטאציע פון א קולטור־דינאמישקייט שטארק אנזעעוודיק. פון א העקטאגראפירטן בלעטל אין 1923 איז מיט דער צייט אויסגע־וואקסן א פרעסע, הגם ארויסגעבן א טאג־צייטונג האט זיך נישט איינגעגעבן, מחמת דעם, וואס עס איז שווער צו קאנקורירן מיט די ניו־יארקער צייטונגען. אין מעקסיקע גייען ארויס סיסטעמא־טיש זיבן פעריאדישע אויסגאבעס, מיט אן אלגעמיינעם טיראזש פון 7,500 עקזעמפלארן. חוץ דעם דערשיינען פון צייט צו צייט יידישע ביכער און אויך געלעגנהייט־שריפטן, על־פי־רוב ארויס־געגעבן פון די שולן.

די יידישע פרעסע אין שפאניש איז עלטער פון דער פרעסע אויף יידיש, און דאטירט זיך זינט 1889. די וויכטיקסטע צייט־שריפט „טריבונא איזראעליטא״, אריגינעל דער ארגאן פון „בני־

ברית" און זינט 1949 די טריבונע פון „קאָמיטע אונידאָ דע אַנטי־דיפאַמאַסיאָן" איז שטאַרק פאַרשפּרייט, ווייל זי ווערט געשיקט אָן באַצאָלט אויך צו אַ גרויסער צאָל נישט־יידן, און ווערט גע־לייענט אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע. דער שפּאַנישער ציוניסטישער אָרגאַן „לאַ וואָז סיאָניסטאַ" דרוקט זיך אין 2,000 עקזעמפּלאַרן.

די קולטור־טעטיקייט דריקט זיך אויך אויס אין העלפן לאָ־קאַלע יידישע שרייבער אַרויסצוגעבן ביכער און אין עטאַבלירן אַ ליטעראַרישע פּרעמיע סובסידירט פון אַן אַנגעזעענעם סוחר־כלל־טוער.

הגם די יידישע שפּראַך איז דער לשון פון דער יידישער גע־זעלשאַפטלעכקייט, אַפילו אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס, איז אָבער דער ענין פון אַ קולטור־המשך אויף דעם יסוד פון דער שפּראַך אַן ענין, וואָס ווערט מיט אַ סך אומרו דעבאַטירט אין דער מעקסיקאַנער יידישער פּרעסע. עס איז קלאָר געוואָרן אַז דאָס שול־וועזן האָט קיין העברעאישע און יידישע לייענער נישט אַרויסגע־געבן, און „אויב נעכטן האָבן די טאַטעס געוועלנלעך גערעדט יידיש, רעדן דאָס שוין היינט אויסשליסלעך די זיידעס". *)

די געזעלשאַפטלעכע קולטור־טעטיקייט איז אין פאַרגלייך מיט די ערשטע צענדליק יאָר שטאַרק געפאַלן. די יידישע ביבליאָטעקן פּוסטעווען, לעקציעס זענען אַ זעלטנקייט.

אויף דער פּראָווינץ איז די לאַגע אַ סך אַן ערגערע. דער חילוק צווישן ספרדים און אשכנזים פאַרשווינדט ביסלעכווייז, ווייל שפּאַניש פאַראייניקט זיי. די שוואַכקייט פון יידישן לעבן דריקט זיך אויס אין אַסימילאַציע ביז געמישטע חתונות.

---

*) יידיש־שפּאַנישע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 11, ז' 459

יעקב שאצקי

מדינת-ישראל און די יידן אין מעקסיקע

די ציוניסטישע טעטיקייט אין מעקסיקע איז שטאַרק אינטענסיפיצירט געוואָרן אין זכות פון אויפקום פון מדינת־ישראל. עס איז באַנייט געוואָרן די קאַטעדרע פון העברעאיש ביים אויטאָנאָמען אוניווערסיטעט אין מעקסיקע, וואָס זיין ערשטער פרווו איז געווען געמאַכט אין 1934. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אינסטיטוט פאַר קולטורעלע פאַרבינדונגען צווישן מדינת־ישראל און מעקסיקע („אינסטיטוטאָ דע רעלאַסיאָנעס קולטוראַלעס ענטרע מעכיקאָ ע איזראַעל").

דער אַנטיסעמיטיזם וואָס איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען שטאַרק פאַרשפרייט און זיך געשפייזט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון נאַציאָנאַליסטישע גרופּעס האָט זיך שטאַרק אַראָפּגעלאָזט. די עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט צו ישראל האָט אָבער נישט אָפּגעשוואַכט דאָס באַטייליקן זיך פון די יידן אין דעם לעבן פון מעקסיקע. די צאָל נאַטוראַליזירטע בירגער איז געשטיגן. יידן האָבן אָנגעהויבן זיך ביישטייערן לטובת נישט־יידישע אינסטיטוציעס. אין 1948 איז אין דער אָנוועזנהייט פון דעם פּרעזידענט פון מעקסיקע געעפנט געוואָרן אַן אַלגעמיינע פּאָלקסשול אויף איינשטיינס נאָמען, וואָס די יידן האָבן אויפגעבויט ווי אַ מתנה פאַרן לאַנד. דער צענטראַלער יידישער קאָמיטעט האָט ביי־געשטייערט פאַר אַלגעמיינע קולטורעלע און ווילטעטיקע אַנשטאַלטן. נישט־יידן האָבן בייגעשטייערט פאַר ציוניסטישע צוועקן.

עס זענען געשאַפן געוואָרן אַ ריי נייע יידישע אינסטיטוציעס, ווי דער יידישער ספּאָרט־צענטער (1949), דער יידישער צענטער אין מאָנטערעי און אַ ריי נייע בנינים פאַר יידישע אינסטיטוציעס. דער אינטערעס פאַר לאַנד־ענינים איז גראַד געשטיגן אין דער צייט פון אויפקום פון מדינת ישראל. אין דער יידישער פּרעסע האָט

מען אָנגעהויבן צו דיסקוטירן די פראַגע מכוח פאָדערן און אויס־נוצן די פולע רעכט וואָס עס קומט יידן, ווי בירגער פון לאַנד. עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַן אַרגומענט אַז מעקסיקע טאָלע־רירט נישט דאָס אַריינמישן זיך פון פרעמדע, אין די אינעווייניקס־טע ענינים פון לאַנד, און נאַטוראַליזירטע בירגער ווערן באַטראַכט ווי פרעמדע. דער פאַקט אָבער וואָס אַזאַ פראַגע איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן איז ביז גאָר סימפּטאָמאַטיש.

הגם מעקסיקע האָט נאָך נישט אָנערקענט אָפיציעל מדינת־ישראל, זענען אָבער די באַציאונגען מצד מעקסיקאַנער אינטעלעק־טואַלן צום ציוניזם פּאָזיטיוו.

דער יידישער ישוב גופא, שטאַרק ציוניסטיש, האָט אָבער קיין גרויסע צאָל עולים, חלוצים און סתם יידן, וואָס ווילן זיך באַ־זעצן אין מדינת ישראל, נישט געגעבן. אַפילו די לעצטע קאמפּאַניע לטובת ישראל איז נישט געווען אַזוי דערפאָלגרייך, ווי די פריער־דיקע. די מעקסיקאַנער יידישע פרעסע זעט אין דעם אַן אָפּגע־שוואַכטן אינטערעס פאַר מדינת־ישראל.

על כל פנים לאָזט זיך פעסטשטעלן אַז די השפעה פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מיטגעשפּילט אין דעם וואקסן פון דעם סענטימענט פון דאָאיקייט. עס קריסטאַליזירן זיך אויס פאָרמען פון אַ יידישן לעבן אין גייסט פון דער ירושה פון דער אַלטער היים מיט די אומפאַרמיידלעכע שינויים, וואָס די נייע לעבנס־תנאים פאָדערן. די יידן פון מזרח־אייראָפּע האָבן מיטגעבראַכט אַ שטאַרקן יידישן באַוווסטזיין און ווילן דעם נוסח פון יידישן לעבן באַפעס־טיקן. אויף דעם זאָגן עדות קודם־כל די שולן. אין אַ לאַנד ווו דער יידישער ישוב ציילט שוין 40% היגע־געבוירענע איז דאָס געפינען פון אַ געזונטן סינטעז צווישן יידישקייט און מעקסיקאַנישקייט אַן ענין, וואָס שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם מעקסיקאַנער עסקן און געזעלשאַפטלעכן טוער.

ניקאַראַגואַ

אין דער דאָזיקער קליינער רעפּובליק, וואָס ציילט אַ מיליאָן און אַ האַלב איינוווינער, איז דער יידישער ישוב צו קליין כדי צו שפּילן וועלכע עס איז ראָלע. אין 1934 זענען געווען סך־הכל 50 משפּחות, על־פּי־רוב אשכנזים פון דייטשער אָפּשטאַמונג און אַ קליינע צאָל ספרדישע יידן.

זינט 1930 איז די אימיגראַציע פאַרמאַכט פאַר כינעזער, טערקן, אַראַבער, נעגערס און יידן. אין 1948 האָט מען די יידישע באַפעלקערונג געשאַצט אויף 150 משפּחות.

צוליב קלימאַטישע באַדינגונגען איז דאָס לאַנד נישט קיין אידעאַלער פּלאַץ פאַר אייראָפּעער. אַלע יידן וווינען אין דער הויפּטשטאָט מאַנאַגואַ וואָס איז אין 1931 שטאַרק חרוב געוואָרן צוליב אַן ערד־ציטערניש. אין מאַנאַגואַ איז פאַראַן אַ יידישער צענטער, אַ מין קהילה, אָבער קיין יידישע שול פאַר קינדער איז נישטאָ.

דערוויַיטערט פון דער יידישער וועלט זענען נישט די יידן קיין שום צוקונפט פאַר זיך אין ניקאַראַגואַ. דער איינציקער אויסדרוק פון זייער אידענטישקייט מיט דער יידישער וועלט איז געלט־שטיצע וואָס די קליינע קהילה גיט. אין 1949 האָבן 36 יידן אין ניקאַראַגואַ מנדב געווען פאַרן פאַראייניקטן יידישן קאַמפּיין אַ סומע פון זעכצן טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַר.

סאַלוואַדאָר

די רעפּובליק על סאַלוואַדאָר איז די קלענסטע, האָט זי אָבער די געדיכטסטע באַפעלקערונג צווישן אַלע צענטראַל־אַמעריקאַנער רעפּובליקן. זי פאַרנעמט אַ שטח פון 13,176 קוואַדראַט מייל מיט אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן און 200 טויזנט איינוווינער. די אַגראַרע געביטן פאַרנעמען 58% פון גאַנצן לאַנד־שטח.

די יידישע אימיגראַציע דאַטירט זיך פון אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט. 1909 זענען דאָרטן געווען סך־הכל 60 יידן, אַלע אָן משפחות. 1933 זענען אַריינגעקומען דייטשע יידן. לויט די שאַ־צונגען פון אַן אַקטיווער יידישער אָרגאַניזאַציע אין לאַטיין־אַמע־ריקע זענען אין 1945 געווען אין סאַלוואַדאָר 160 יידישע משפחות. אין 1948 איז שוין די דאָזיקע צאָל דערגאַנגען ביז 200.

די יידישע באַפעלקערונג שטאַמט על־פּי־רוב פון דייטש־לאַנד. די דאָזיקע יידן האָבן זיך גאָר שנעל צוגעפּאַסט צו דער שפּראַך און צו דער קולטור פון דעם לאַנד.

די קליינע יידיש־ריידנדיקע קאָלאָניע האָט געשאַפן אַ יידישן צענטער מיט אַ סינאַגאָגע און אַ קינדער־שול, וואָס ווערט באַזוכט פון 25 קינדער.

צוליב דער קליינער יידישער באַפעלקערונג זענען געמישטע חתונות אַן אָפטע דערשיינונג.

די יידן זענען על־פּי־רוב סוחרים און אימפּאָרטערס.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז קאָנצענטרירט אַרום דער

קהילה, וואָס איז אויך דער ציוניסטישער צענטער. דאָס רעליגיע־זע לעבן איז דערפירט צו אַ מינימום, הגם אַ מנין איז פאַראַן יעדן שבת. די קהילה האָט אויך אַ חזן־שוחט.

לויט די באַריכטן פון דעם פרעזידענט פון דער קהילה, ע ו כ ע נ י אַ ל י ב ע ס, איז דאָס יידישע לעבן אין סאַל־וואַדאָר אַ קליינס אָבער אַ רואיקס. נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין לאַנד איז פאַראַן אַן אַראַביש־קאַטוילישער ישוב זענען דאָך די באַציאונגען צווישן די אַראַבער און די יידן פריינטלעכע. דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט די באַציאונגען נישט געענדערט. יידישע און אַראַבישע סוחרים זענען פאַרבונדן צווישן זיך נישט נאָר געשעפטלעך, נאָר אויך געזעלשאַפטלעך.

דאָס לאַנד קאָן נישט צוציען קיין נייע אימיגראַנטן אַפילו ווען די טויערן וואָלטן געווען אָפן, ווייל די עקאָנאָמישע מעגלעכ־קייטן זענען באַגרענעצטע, מחמת דעם וואָס די צאָל קאָנסומענטן איז זייער קליין.

סאַנטאָ דאָמינגאָ

דער יידישער ישוב אין סאַנטאָ דאָמינגאָ איז דער קלענסטער און אויך איינער פון די יינגסטע אין לאַטיין־אַמעריקע. מיט די היסטאָרישע וואָרצלען פון 16טן יאָרהונדערט אין גאַנצן פאַר־שוואונדן, דאַרף מען רעכענען אַז ערשט אין דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט האָבן זיך דאָרטן באַזעצט יידן, משמעות ספרדישע. זיי האָבן זיך גוט איינגעבירגערט אין לאַנד און אין דער קולטור, ווייל אייניקע יידן האָבן געדינט אין דער דיפּלאָ־מאַטישער אַרבעט פון דער רעפּובליק. עס איז אויך באַקאַנט אַ פאַל ווען אַ ייד איז געווען גובערנאַטאָר. דאָס איז כענעראָסאָ מאַר־טשענאַ, וואָס איז אומגעקומען אין יאָר 1893.

אין 1882 האָט אַ סאַן־דאָמינגער גענעראַל גרעגאָריאָ לו־פּעראָן (1839 — 1897) אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט מכוח באַזעצן רוסישע יידן אין סאַן־דאָמינגאָ. דער דאָזיקער ליבעראַלער פּראָ־יעקט וואָס איז געווען ווי אַ פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד איז אָבער נישט רעאַליזירט געוואָרן. על כל פּנים איז אַ דאַנק דעם דאָזיקן פאַקט באַקאַנט אַז אַ קליינע עדה יידן איז שוין געווען אין סאַנטאָ דאָמינגאָ. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַזעצן זיך דאָרט 55 מזרח־אייראָפּעאישע יידן. אין די יאָרן 1933 — 1943 זענען אַריין 1.100 יידן אין דעם איינגע־שלאָסן די קאָלאָניסטן פון דער קאָלאָניע סאָסואַ, וואָס איז גע־ווען געפּלאַנט אין 1938. די דאָזיקע קאָלאָניע איז געווען אַ פּועל־

יוצא פון דער קאָנפערענץ אין עוויאַן מכוח שאַפן אימיגראַציע־מעגלעכקייטן פאַר די פּליטים אין אייראָפּע. די רעפּובליק פון סאַנטאָ דאָמינגאָ האָט דעקלאַרירט איר גרייטקייט אַריינצונעמען 100.000 פּליטים מיטן תנאי אַז זיי וועלן ווערן ערד־אַרבעטער. דער ערשטער עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרן אין 1940. אַ קליינע גרופּע פון 27 מענער און 10 פרויען זענען געקומען און עס איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע סאָסואַ. אין 1942 האָט זי געציילט 472 נפשות. צוליב אַ שלעכטן צונויפשטעל פון דער גרופּע, האָט די קאָלאָניע זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרנאַנדערצופאַלן. מארץ 1948 האָט זי געציילט 308 משפחות, פון זיי האָט שוין אַ העלפט זיך נישט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, נאָר געוווינט אין אַ שכנותדיק שטעטל און זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל און מלאכה.

היינט צו טאָג ווערט געשאַצט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דער רעפּובליק אויף 450 משפחות, פון דעם 150 אין דע רהויפּטשטאָט סיודאַד טרוכיליאָ און 300 אין דער קאָלאָניע סאָסואַ און אומגעגנט.

די פּראָפעסיאָנעלע צעגלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער הויפּטשטאָט שטעלט זיך פאַר אַזוי: 100 — סוחרים, 10 — פאַבריקאַנטן, 8 — אימפּאָרטערס, 15 — קליינהענדלער, 2 — דאָקטוירים און איין אַדוואָקאַט.

150 יידן פאַרנעמען זיך מיט פאַרמעריי אין דער קאָלאָניע סאָסואַ.

די יידן פון סיודאַד טרוכיליאָ געהערן צו דער קהילה, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „פּאַראָקיאַ איזראַעליטאַ דע לאַ רעפּובליקאַ דאָמיניקאַנאַ״. דאָס איז אַ רעליגיעזע קהילה, מיט אַ סינאַגאָגע, אָבער אָן אַ רב. אַן ענלעכע קהילה איז אויך פאַראַן אין דער קאָ־

לאַניע, אָבער מיט אַ שול פאַר קינדער. איןביידע קהילות זענען פאַראַן גמילות־חסדים־קאַסעס און ביבליאָטעקן, אין וועלכע עס זענען פאַראַן על־פי־רוב שפּאַנישע און דייטשע ביכער.

כשרות ווערט כמעט ווי נישט אָפּגעהיט. מצות אימפּאָרטירט מען פון אויסלאַנד.

פאַראַן ציוניסטישע קלובן, פון וועלכע דער גרעסטער (פון אַלגעמיינע ציוניסטן) ציילט 50 מיטגלידער. דאַקעגן איז גרויס דער אינטערעס פאַר מדינת־ישראל.

מיט דעם חינוך פון דעם יונגן דור פאַרנעמט מען זיך זייער ווייניק. אַן אַנקעטע מכוח שפּראַכן. אין וועלכע מען לייענט, האָט אַרויסגעבראַכט אַז 60% לייענט נאָר שפּאַניש, 30% — שפּאַניש און יידיש, בעת נאָר 10% לייענט נאָר יידיש.

די קהילה אין סיודאַד טרוכיליאָ ווערט באַטראַכט ווי אַ רייכע קהילה און ווי אַ גרופּע ווערן די דאָרטיקע יידן רעספּעקטירט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן בעת דער מלחמה צווישן מדינת־ישראל און די אַראַבישע מלוכות. די צאָלרייכע אַראַבישע באַפעלקערונג אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ וואָס איז דורכאויס קאַטוליש, האָט אָבער זיך נישט געלאָזט אויפרייצן קעגן די יידן.

אין אַ לאַנד וואָס האָט אין 1948 געציילט צוויי און אַ פערטל מיליאָן איינוווינער מיט קנאַפּע 100.000 אין דער הויפּטשטאָט זענען די איבער 1.000 יידן אין לאַנד אַ מינדערהייט וואָס קאָן זיך נישט פאַרגרעסערן דורך אימיגראַציע, ווייל די איינוואַנדערונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און מוז דעריבער אַליין געפינען יענע פאָרמען פון לעבן, וואָס זאָלן נישט אָפּווישן דעם דאָזיקן קליינעם אינדזל, וואָס די יידישע גרופּע שטעלט מיט זיך פאָר.

עקוואַדאָר

די רעפּובליק עקוואַדאָר האָט אַ באַפעלקערונג פון 3½ מי־ליאָן, פון דעם 90% אינדיאַנער אָדער מעסטיזאָס. אין 1950 האָט מען די צאָל יידן געשאַצט אויף 4,000, ד״ה 0.10% פון דער אַל־געמיינער באַפעלקערונג.

דאָס לאַנד וואַקסט אָבער אינדוסטריעל און קולטורעל. ממי־לא עפענען זיך גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אַ ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. די ערשטע אינדוסטריעלע איינריכטונגען האָבן טאַקע געבראַכט די דייטש־יידישע אימיגראַנטן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו עפענען קליינע פאַבריקן. די שווערע אימפּאָרט־שטערונג מאַכט נאָך מער נויטווענדיק דאָס שאַפן פון אייגענע אינדוסטריעס.

דער אָנהייב פון אַ יידישער איינוואַנדערונג דאַטירט זיך זינט 1936. אמת, אַ סך פריער, שוין אין 1904 האָט זיך אַ גרופּע אשכנזישע משפחות באַזעצט אין קיטאָ, די הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק. שפּעטער זענען צוגעקומען עטלעכע ספרדישע משפחות, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער פּאָרט־שטאָט גוּאַיאַקיל.

דער היטלעריזם האָט גורם געווען אַן איינוואַנדערונג פון דייטשע יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען פּוילישע יידן, וואָס האָבן אַ סך יאָרן געלעבט אין דייטשלאַנד. עס ווערט געשאַצט אַז אין די יאָרן 1933 — 1943 זענען אַריינגעקומען קיין עקוואַדאָר 2,700 יידן. די דאָזיקע אימיגראַציע האָט אָנגעהויבן צו שטייגן. אין אָנהויב האָט זיך די לאָקאַלע פּרעסע באַצויגן צו די

אימיגראַנטן מיט סימפּאַטיע. דער פּרעזידענט כאָסע מאַריאַ וועלאַסקאָ איבאַררא האָט געמאַכט אַ פעסטשטעלונג (8טער אַפּריל 1945) אַז „די טירן פון עקוואַדאָר וועלן זיין אָפן פאַר יעדן ערלעכן אויסלענדער אָן אונטערשייד פון ראַסע אָדער אמונה. יידן וואָס ווילן אַריינפירן אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג אין עקוואַדאָר אָדער באַאַרבעטן אונדזערע פעלדער, וועלן אויפגענומען ווערן מיט צופרידנקייט. אויך די יידן וואָס וועלן איבערגיין אונדזערע גרענעצן זוכנדיק שוץ פון שנאה און רדיפות, וועלן באַקומען הילף אַפילו ווען זיי האָבן נישט קיין סענט".

די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָט שטאַרק דערמוטיקט יידן צו קומען קיין עקוואַדאָר. אין די יאָרן 1946 — 1947 זענען אַריין נאָך 400 אימיגראַנטן, די גרעסטע צאָל — דייטשע יידן. 80% האָט זיך באַזעצט אין קיטאָ, אין משך פון עטלעכע יאָר האָבן זיי די דאָזיקע שטילע און פאַרשלאָפענע שטאָט פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנער מעטראָפּאָליע.

אין דער פּאָרטשטאָט גוּאַיאַקיל האָבן זיך אויך באַזעצט אַ פּאָר הונדערט משפחות. אַ קלענערע צאָל יידן האָט זיך באַזעצט אין אַמבאַטאָ, ריאָ באַמבאַ און קוענקאָ. אַ פופציק משפחות איז געלונגען פון דאָרטן אַריינצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס באַזעצן זיך אין די שטעט האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט. מען האָט אָנגעהויבן צו באַשולדיקן די יידן אַז זיי האָבן לכתחילה זיך דעקלאַרירט ווי ערד־אַרבעטער און אויף דעם סמך האָבן זיי באַקומען וויזעס, און זענען נאָך אַ קורצער צייט פון עקספּערימענטירן אויף די פאַרמען, באַלד אַוועק אין די שטעט. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָבן אָנגעהויבן די נישט־יידישע סוחרים, וואָס האָבן מאָנאָפּאָליזירט די פּרייזן פון סחורות, וואָס זענען געווען על־פּי־רוב אימפּאָרטירטע. בעת דער מלחמה האָבן יידן אויס־

געניצט זייערע קאָנטאַקטן אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן און אָנגע־הויבן צו אימפּאָרטירן פון דאָרטן פאַרשיידענע סחורות. אַ סך פון די אימיגראַנטן האָבן געעפנט האָטעלן, רעסטאָראַנען, קאַפע־הייזער און האָבן אַריינגעבראַכט אין קיטאָ דעם גייסט פון ווינער געמיטלעכקייט. די מאָדערנע געשעפטן האָבן צוגעגעבן לעבעדיקייט און די געשעפטן זענען געגאַנגען גוט. אין 1948 האָט מען אָנגערעכנט 150 נייע אונטערנעמונגען געשאַפן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און ענערגיע פון די נייע איינוווינער. אין 1941 איז מיט דער הילף פון דזשאָינט געגרינדעט געוואָרן אין קיטאָ אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר אַגריקולטורעלער אינדוסטריע און האַנדל, אין וועלכן 329 משפחות האָבן זיך אָנגעשלאָסן ווי מיטגלידער. גאָר גיך איז געעפנט געוואָרן אַן אָפּטיילונג אין גואיאַקיל. די רעגירונג האָט אָפיציעל אָנערקענט דעם קאָנסטרוקטיוון ווערט פון דער קאָאָפּעראַטיווע, וואָס איז געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די אימיגראַנטן.

יידן האָבן אָנגעהויבן צו עקספּאָרטירן פון עקוואַדאָר פּאַנאַמאַ־היט, וואָס ווערן טאַקע דאָ פּראָדוצירט. אייניקע זענען געוואָרן באַשעפטיקט אין די גאָלד־מינען.

אויף דעם אינדוסטריעלן געביט זענען יידן טעטיק אין צעראַמיק, פּאַפּיר, מעבל און כעמישע שטאָפן. 1936 זענען אַפילו טייל יידן־געלערנטע איינגעלאַדן געוואָרן קיין עקוואַדאָר. אייניקע זענען געוואָרן מלוכה־לערער און אַפילו באַאַמטע.

די קליינע גרופּע ספרדים איז על־פּי־רוב באַשעפטיקט אין מסחר. די אשכנזים האָבן קליינע פאַבריקן פון העמדער, אָנצוגן, לעדער־אויסאַרבעטונגען.

אויף אַ ווירטשאַפט־אויסשטעלונג וואָס איז געווען אין 1942 האָבן צען אימיגראַנטישע פירמעס באַקומען אויסצייכענונגען.

גאר שנעל האט זיך די יידישע באפעלקערונג געשטעלט אויף די פיס. עס האט אין דעם געהאט א גרויסן חלק דער דזשאינט וואס האט שטארק געהאלפן ווירטשאפטלעך רעהאביליטירן די יידישע אימיגראנטן.

ווי געזאגט איז די עקוואדארישע פרעסע געוועזן בדרך־כלל פריינטלעך צו יידן, נישט געקוקט אויף דעם וואס א געוויסע אפע־רע פון א דייטש־יידישן אימיגראנט האט מען פונאנדערגעבלאזן, ווי א פראפאגאנדע קעגן יידן. בעת איין צייטונג האט געשריבן אז יידן פארלאזן דאס לאנד, אזוי שנעל ווי זיי ארבעטן זיך ארויף, איז די סאמע פראמינענטע צייטונג „על קאמערסיא" ארויס מיט א לייטארטיקל (5טער יולי 1950) אז מען דארף דערמוטיקן אן אי־מיגראציע קיין עקוואדאר און אז די יידן האבן בייגעשטייערט פאר דער אנטוויקלונג פון לאנד.

הגם די אלגעמיינע געזעצן פאר אימיגראציע זענען בדרך־כלל ליבעראלע, איז מען אבער גרייט אריינצולאזן בעל־מלאכות און טעכניקערס, אבער נישט קיין געשעפטסלייט. באזונדער שטארק איז די קעגנערשאפט צו יידן־סוחרים אויף דער פראווינץ, בפרט ארום די מינעס. דארטן ווילן די דארטיקע סוחרים נישט טא־לערירן די יידישע סוחרים. באזונדער בולט איז דאס אין דער פארטשטאט גואיאקיל, וווּ אין א קורצער צייט האט זיך געשאפן א יידישע קהילה, די צווייטע אין לאנד מיט איבער 300 משפחות.

כמעט א מאנאליטישע גרופע, האט דער יידישער ישוב נישט געהאט קיין צו גרויסע שוועריקייטן צו שאפן יענע ארגאניזאציא־נעלע פארמען אין וועלכע זיי האבן זיך געניטיקט. די דייטש־יידישע סינאגאגע יידישקייט האט קיין פראבלעמען פון יידישער דערציאונג נישט געקאנט שאפן. די קינדער זענען באלד אוועק אין די אלגעמיינע שולן און מיט רעליגיע גיבן זיך אפ די רעליגיעזע קהילות. די 320 קינדער אין שול־עלטער באקומען אין קיטא א

רעליגיעזע דערציאונג לויט דעם נוסח געבראַכט פון דייטשלאַנד.

אין 1938 איז אין קיטאָ אָרגאַניזירט געוואָרן די „אַסאָסיאַ־סיאָן דע בענעפיסיענסיאַ איזראַעליטאַ", אַ קהילה וואָס באַשטייט פון 500 משפחות. זי האָט אַ בית־עולם, צוויי שולן, אַ לייַ־קאַסע, אַ צדקה־אָפּטיילונג און אַן אייגענעם בוררים־געריכט, כדי אויס־צומיידן דאָס גיין אין אַלגעמיינע געריכטן. יעדער איינער וואָס לעבט צוויי יאָר אין לאַנד קאָן ווערן אַ מיטגליד פון דער קהילה.

די קולטור־טעטיקייט פון דער קהילה איז נישט קיין יידי־שע טעטיקייט, נאָר אַ דייטשע. עס קומען פאָר דייטשע קאַמער־פאָרשטעלונגען, מוזיקאַלישע אָוונטן, אויך לעקציעס, אָבער אָן שום יידישן אינהאַלט. דער גייסט פון דער דאָזיקער קולטור איז אַ ווינער.

מיט די ענינים פון רעליגיעזער דערציאונג פאַרנעמט זיך אַ ועד החינוך, מיט דער רעליגיע גופא — צוויי חזנים, וואָס זע־נען גלייכצייטיק מלמדים. קיין רב איז אין עקוואַדאָר נישטאָ.

כשרות היטן אָפּ סך־הכל 20 משפחות. עס זענען פאַראַן סי־נאַגאָגעס חוץ אין דער הויפּטשטאָט, אויך אין דער אינדוסטריע־לער שטאָט אַמבאַטאָ, וואָס האָט אין 1948 געציילט 100 משפחות. אין גואַיאַקיל איז פאַראַן אַ שולכל און אַ רעליגיעזע שול. אין ריאָ באַמבאַ איז פאַראַן אַ קהילה פון 60 משפחות. אין קוענקאַ זענען פאַראַן 40 משפחות און עס איז אַפילו נישטאָ קיין מנין צום דאַוו־נען.

אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס געפינען זיך אין קיטאָ זענען פאַראייניקט אין אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט, וואָס איר אויפגאַבע איז צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם און האָבן אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרטרעטער פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער מיי־נונג. דער קאָמיטעט הייסט: „קאָמיטע קאָאָרדינאַדאָר דע לאַס אָר־גאַניזאַסיאָנעס איזראַעליטאַס ען קיטאָ".

די צוויי מיעוטים, די ספרדישע יידן און די מורח־אייראָפּע־אישע, זענען אָרגאַניזירט אויף אַ באַשיידענעם אופן לויט די כו־חות וואָס זיי פאַרמאָגן. די פוילישע יידן האָבן אין קיטאָ אַ שול צוזאַמען מיט אַ תלמוד־תורה.

עס זענען אויך פאַראַן ציוניסטישע גרופּעס. די יוגנט איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין מדינת ישראל.

די קולטור־טעטיקייט אין יידישן גייסט הויבט אָן ביסלעכ־ווייז זיך פונאַנדערצוּוויקלען. חנוכה 1950 איז איינגעפירט גע־וואָרן אַ שפּאַניש־יידישע ראַדיאָ־שעה. די חנוכה־לידער, וואָס מען האָט געזונגען, זענען געווען אַנאַנסירט ווי „קאַנסיאָנעס העברע־אַס דע נאַווידאַד".

לויט דער מיינונג פון יידישע וואָרט־זאָגער אין עקוואַדאָר האָט די יידישע גרופּע קיין צוקונפט ניט. פאַררוקט אין אַ טעמפּן ווינקל פון געאָגראַפישער איזאָלאַציע, קליין אין צאָל, ווערט דער ישוב ווינציק באַזוכט אַפילו פון ציוניסטישע שלוחים. יידן האָבן זיך דאָ גאָר שנעל איינגעאָרדנט און אַפילו אָנגעבונדן באַציאונ־גען מיט די רעגירונג־קרייזן און אַפילו מיט די פירער פון דער קאַטוילישער קירך. דער פאַקט גופא וואָס אימיגראַנטן זענען גע־וואָרן מלוכה־באַאַמטע און לערער אין אַלגעמיינע שולן באַווייזט דעם שנעלן פּראָצעס פון אַקולטוראַציע. דער יידישער אַספּעקט איז אָבער דער עיקרדיקער, וואָס באַאומרואיקט דער יידישער קהילה. דער זייער שמאָלער רעליגיעזער עלעמענט ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן. וואָס וועט זיין דאָס יידישע לעבן אין עקוואַדאָר, אין וועלכע פאָרמען און סימבאָלן דאָס וועט זיך אויסדריקן — דאָס איז די פראַגע וואָס שטעלט זיך דעם ישוב גופא, וואָס האָט יעדע האָפענונג אויף אַ צופלוס פון אימיגראַציע לאַנג שוין אויפ־געגעבן.

פאַנאַמאַ

אין גאַנץ פאַנאַמאַ געפינען זיך אַן ערך 2.200 יידישע נפשות. אין דער שטאָט קאָלאָן אויף דער אַטלאַנטישער זייט איז די צאָל יידן אַ קליינע. קודם־כל איז דאָס דער אָרט ווו עס וווינען די גרויסע אונטערנעמער און די מערסטע באַאַמטע. פאַר אַ פרעמדן, בפרט אַן אימיגראַנט איז דאָ שווער צו געפינען אַרבעט. צוליב דעם געזעץ פון לאַנד אַז 75% אָנגעשטעלטע אין אַ געשעפט אָדער אַרבעטער אין אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג מוזן זיין פאַ־נאַמער געבוירענע, קאָן אַן אימיגראַנט אַזעלכע פאָדערונגען נישט אויספילן, ממילא מוז ער זיך נעמען צו קליינהאַנדל.

די ספרדישע יידן אין קאָלאָן גהערן צו דער עלטערער אימי־גראַציע. זיי זענען אָרגאַניזירט אין אַ קהילה וואָס הייסט „קול קודש יעקב" און ציילט 50 משפחות. שטאַרק אַסימילירט זענען זיי אין אַ פּראָצעס פון אויפלייזן זיך צוליב די אָפטע געמישטע חתו־נות. חוץ דעם זענען פאַראַן אַ 35 משפחות פון מזרח־אייראָפּעאי־שע יידן, וואָס האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע וואָס הייסט „סענ־טראָ קולטוראַל איזראַעליטאַ".

אַן ערך 1.700 יידישע נפשות געפינען זיך אין דער שטאָט פאַנאַמאַ סיטי, אויף דעם פּאַציפישן זייט פון פאַנאַמאַ.

די געשיכטע פון דער איינוואַנדערונג איז אַלט הונדערט יאָר. שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן זענען געקומען אַהער פון די קאַראַביי־אישע אינדזלען, קודם־כל פון קוראַסאַאָ, ווירדזין איילאַנדס און

יאמאיקא. די דאזיקע אימיגראציע האט באקומען איר אימפעט פון דעם ערשטן אייזנבאן וואס איז אויפגעבויט געווארן פון דער שטאט קאלאן קיין פאנאמא. זייער סינאגאגע און בית־עולם זענען די עלטסטע אין פאנאמא. די עלטסטע מצבה איז דאטירט: 1872.

די דאזיקע גרופע איז געקומען מיט קאפיטאל און איז דא שטארק רייך געווארן פון האנדל, צוקער־אינדוסטריע און בויען שיפן און הייזער. זי ווערט באטראכט ווי די אריסטאקראטיע נישט נאר פון דעם יידישן ישוב. סאציאל איז זי ענג פארבונדן מיט דער שפאניש־ריידנדיקער אריסטאקראטיע פון פאנאמא. איר קהילה איז ארגאניזירט אויף אן אמעריקאנער אופן, מיט א רעפארם־טעמפל, א ראביי און א זונטיק־שול פאר די קינדער. זי הייסט „קול שארית ישראל". קאסמאפאליטיש געשטימט, הגם מיט גרויסע סימפאטיעס פאר מדינת ישראל, איז די דאזיקע גרופע סאציאל איזאלירט פון די אנדערע יידישע גרופעס און האט אפילו נישט דעם חשק צו האבן די העגעמאניע אויף דעם היגן יידישן לעבן. די קינדער פון דער גרופע ווערן דערצויגן אין ענגליש אזוי אז די דרשות אין טעמפל ווערן געהאלטן אויך אויף ענגליש.

די צווייטע גרופע וואס ציילט אויך א גרויסע צאל פאר־מעגלעכע זענען די אריענטאלישע יידן וואס זענען געקומען אהער אנהייב היינטיקן יארהונדערט פון סיריע, ארץ־ישראל, איראן, אי־ראק און עגיפטן. דאס איז א פרום־רעליגיעזע גרופע, וואס איז ארגאניזירט ווי א קהילה, וואס הייסט: שבת אחים און ציילט 250 משפחות. זיי רעדן צווישן זיך אראביש, הגם דער לשון פון זייערע קינדער איז שפאניש. די אריענטאלישע יידן גיבן זיך אפ זייער א סך מיטן רעליגיעזן חינוך פון זייערע קינדער. זיי האלטן אויס א תלמוד־תורה און א ספעציעלן קלוב פאר דער יוגנט, אגב דעם איינציקן פון דעם מין אין פאנאמא.

אַ דריטע גרופּע, וואָס באַשטייט פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, על־פּי־רוב פון רומעניע, און איז אָרגאַניזירט אין אַן אייגע־נער קהילה הייסט: „לאַ בענעפּיסענסיאַ איזראַעליטאַ דע פּאַנאַ־מאַ" און ציילט 100 משפּחות. דאָס זענען על־פּי־רוב ייִדיש־רײדנ־דיקע. זיי פאַרנעמען זיך מיט האַנדל, זאָרגן זייער שטאַרק פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער, צוליב וועלכע זיי זענען גרייט אויסצוּוואַנדערן. איינע פון די סיבות איז אויך אַז עס איז זייער שווער צו ווערן אַ פּאַנאַמער בירגער. די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן האָבן אַ תּלמוד־תּורה, וואָס געפינט זיך אין זייער אייגענעם צענ־טער.

אין פּאַנאַמאַ איז פאַראַן אַ גרופּע אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס האָט קיין באַזונדערע קהילה נישט און באַזוכט דעם רעפאָרמירטן טעמפּל פון די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע ייִדן. אויך די קליינע גרופּע דייטש־ייִדישע פּליטים זענען ענג פאַרבונדן מיט די אַמעריקאַנער ייִדן, חוץ אַ קלענערער גרופּע וואָס איז צוזאַמען מיט די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן.

חוץ דעם איז אין דער שטאָט בילבאַאָ פאַראַן אַ מזרח־אייראָ־פּעאישע גרופּע. זיי האָבן אַ שול פאַר קינדער, אָבער די איינציקע אין פּאַנאַמאַ, וואָס איז אין 1950 געווען באַזוכט פון 50 תּלמידים.

פאַר אַלגעמיינע אַקציעס זענען די דריי קהילות אין פּאַנאַמאַ סיטי פאַראייניקט אין אַ ראַט וואָס טראָגט דעם נאָמען „קאָנסעכאָ דע קאָנגרעגאַסיאָנעס העברעאָס דע פּאַנאַמאַ".

ייִדן אין פּאַנאַמאַ באַטייליקן זיך נישט אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. איזאָלירט אין פאַרשיידענע גרופּעס האָבן זיי גאָרנישט בשותּפותדיקעס חוץ דעם שטאַרקן אינטערעס פאַר מדינת־ישׂראל.

די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע „דזשואיש וועלפער באָרד", וואָס איז אַקטיוו אין פּאַנאַמאַ זינט 1917 שפּילט די ראָלע פון אַ

פאַראייניקטן כוח פון די קהילות. דער בנין פון „דזש. וו. ב.“, אויפגעבויט אין 1940, ווערט דער צענטער פון קאָמונאַלער אַר־בעט לטובת די דאָרטיקע יידישע גרופּעס, הגם דאָס איז נישט די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

דער פאַראייניקטער יידישער קאַמפּיין ווערט דורכגעפירט פון אַלע קהילות, הגם די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע גרופּע שפּילט אין זכות פון איר רייכקייט די הויפּט־ראָלע.

פּאַראַגוויי

פּאַראַגוויי ווערט באַטראַכט ווי די אָרעמסטע לאַנד אין לאַ־טיין־אַמעריקע, אָבער וואָס האָט אַ מעגלעכקייט צו ווערן אַ רייך לאַנד מיט אַ גרויסער צוקונפט, אויב מען וועט זי אינדוסטריאַלי־זירן. פון דער צווייטער זייט זענען די אָפטע פּאָליטישע איבער־קערעגנישן אין לאַנד די הויפּט־סיבות פאַרוואָס עס ציט נישט אַהין יידן, הגם אַנדערע גרופּעס האָבן אימיגרירט קיין פּאַראַגוויי אין גרויסן צאָלן. אין די יאָרן 1905 — 1949 האָבן אַהין אימיגרירט 36,543 פּערזאָן, על־פּי־רוב מענאָניטן, אַ דייטשע סעקטע, וואָס האָט אַ קאָלאָניע פון 3 מיליאָן אַקער לאַנד. אין 1948 זענען אַריינגעקומען 4,800 מענאָניטן, אַלע פּאַרמערס פון דייטשלאַנד און אויך אַ פּאָר הונדערט פון קאַנאַדע. די דאָזיקע אימיגראַנטן ווערן באַטראַכט פאַר דעם אידעאַלסטן מאַטעריאַל פאַרן לאַנד, אַזוי אַז מען האָט אין אויגוסט 1948 אַריינגעפירט באַשרענקונגען פאַר אימיגראַציע, האָט מען געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר מענאָניטן און פאַר בירגער פון אַמעריקאַנער לענדער. דאָס האָט ממילא גורם געווען דעם אָפּשלוס פון דער יידישער אימיגראַציע. די דאָ־זיקע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1912. אין די יאָרן 1914 — 1918 האָט אַ קליינע גרופּע פּוילישע יידן איינגעוואַנ־דערט קיין פּאַראַגוויי. 1924 זענען אין פינף שטעט, חוץ דער הויפּטשטאָט אַסונסיאָן געווען 400 יידן. 1930 האָט מען די יידי־שע באַפעלקערונג געשאַצט אויף 1,200, פון דעם אַן ערך 200

ספרדים. 1933 הויבט זיך אָן די דייטשע יידישע אימיגראַציע. מען שאַצט אַז צווישן 1933 און 1943 זענען אַריין 800 דייטשע יידן. אין יאָר 1947 זענען אַריין 743 יידישע אימיגראַנטן. די גאַנצע צייט איז אָבער אויך אָנגעגאַנגען אַן אויסוואַנדערונג, ספּעציעל פון דייטשע יידן קיין אַרגענטינע, דעריבער איז די יידישע באַפעלקערונג פון פּאַראַגוויי געשאַצט געוואָרן אין 1950 אין לערך 300 משפחות, אָדער צווישן 1200 און 1,500 נפשות, בעת די גאַנצע באַפעלקערונג פון דעם לאַנד האָט אויסגעמאַכט איין מיליאָן מיט פיר הונדערט טויזנט נפשות.

70% פון דער יידישער באַפעלקערונג וווינט אין דער הויפּטשטאָט און פּאַרנעמט זיך על־פּי־רוב מיט האַנדל. אין געוויסע מקומות פּאַרנעמען זיך יידן אויך מיט אַגריקולטור. אין „קאָלאָניאַ פּראַנקאָ" איז פּאַראַן אַ יידישער אַגריקולטורעלער ישוב. עס איז אַפילו אין 1934 געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע כדי צו העלפן יידן זיך צו באַזעצן אויף לאַנד. די רעגירונג איז געווען גרייט אַריינצולאָזן יידן בתנאי אַז זיי וועלן ווערן פּאַרמער. אין 1936 האָט מען אַ קורצע צייט אַריינגעלאָזט יידן וואָס זענען נישט קיין פּאַרמער, אָבער וואָס האָבן לכל הפחות אַ קאַפּיטאַל. גאָר גיך האָט מען אָבער די דאָזיקע הנחה צוריקגערופן.

די מערהייט יידן זענען אשכנזים. זיי האָבן צוויי שולן. אין 1934 איז געגרינדעט געוואָרן אַ חברה־קדישא א"נ „אַליאַנסאַ איזראַעליטאַ דעל פּאַראַגוויי".

די דייטשע יידן האָבן אַן אייגענע קהילה, געגרינדעט אין 1937. די ספרדים האָבן צוויי קהילות. אַלע גרופּעס זענען פּאַראייניקט אין איין קאָמיטעט. די קהילות זענען אין תוך גענומען סאָציאַלע קלובן. דער אינטערעס פּאַר יידישע ענינים איז דאָ פּונקט אַזאַ ווי אין די שכנישע יידישע ישובים. ביז צוריק מיט 4 אָדער 5

יאָר האָט עקזיסטירט אַ שולע מיט עטלעכע צענדליק קינדער און אַ לערער פון אַרגענטינע. זינט דער לערער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט אַ קליינער אינדוסטריע און קיין אַנדערן אויף זיין אָרט איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען, נישט קוקנדיק אויף פאַרשידענע אָנשטרענגונגען, איז די שולע געשלאָסן.

אויסער די קהילות איז פאַראַנען אַ ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע, אַ וויצאָ און אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט שוין נישט איינמאָל געשיקט קיין אַרגענטינע אָנטיילנעמער אין די זו־מער לאַגערן. פאַראַגווייער יידן האָבן מיטגעשטייערט, פריער פאַר די ציוניסטישע פאָנדן און לעצטנס אויך פאַר מדינת ישראל, אין דער זעלבער מאָס ווי אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער ישובים. זיי פירן אויך דורך אַ פערמאַנענטע אַרבעט פאַרן קרן קימת לישראל און אינטערעסירן זיך מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, מיט „האַ־יאס״ (האָט דאָרטן געהאַט אַ פאַרטרעטער) א. א. וו. אייניקע אינסטיטוציעס האָבן אייגענע געביידעס און פירן דורך פון צייט צו צייט פאַרזאַמלונגען און אַקטן, ספּעציעל מיט די אויסלענדישע געסט וואָס קומען אַמאָל אַראָפּ, כאָטש קיין פערמאַנענטע קולטור־אַרבעט איז נישט פאַראַנען.

פערו

דער יידישער ישוב אין פערו איז יונג וואָס שייך זיין איצ־טיקן צוזאַמענשטעל, אָבער גאָר חשוב און אַלט פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט. דער יידישער עלעמענט אין דער געשיכטע פון פערו וואָרצלט אין דעם בראשית פון דעם לאַנד, וואָס האָט שוין געהאַט יידישע איינוווינער, ווען עס האָט געהייסן ניי־קאַסטיליע, ד״ה זינט 1533. אין יאָר 1580 זענען אַהער געקומען אַ סך מאראַנען און גאָר גיך האָט די אינקוויזיציע אָנגעהויבן זיי רודפן. אָנהייב 17טן יאָרהונדערט ווערט די אינקוויזיציע מילדער, מחמת דעם וואָס די „פּאָרטוגעזער״, ווי מען האָט די מאראַנען גערופן אין יענער צייט, זענען געוואָרן אַזוי וואָגיק אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון פערו, אַז עס איז געווען אַ געפאַר זיי צו פאַרטרייבן. דאַן קו־מען אַהער מאראַנען פון בוענאָס־איירעס און פון בראַזיל. אָבער מיטן וווקס פון דער מאראַנישער קאָלאָניע וואַקסט דער אייפער פון דער אינקוויזיציע. אַזוי אַרום האָבן די אינטערעסן פון דער קירך גובר געווען די אינטערעסן פון לאַנד. די פייערן פון די אווי־טאָ־דאַפע׳ס האָבן אויסגעלאָשן דעם לעצטן שפור פון דעם יידישן עלעמענט אין פערו. דער ייד איז פאַרשוווּנדן פון דער אַלטער פע־רואַנישער געשיכטע, איבערלאָזנדיק אַ לעגענדאַרישע גלאָריע, וואָס איז שפעטער שטאַרק עקספּלאָאַטירט געוואָרן פון פערואַנער שרייבער.

ערשט אין צווייטן העלפט פון 19טן י״ה הויבט זיך אָן די

נייע אימיגראַציע. עס קומען אשכנזים פון עלזאַס און ספרדים פון טערקיי. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קומען אַריין יידן פון רומעניע. ערשט אין 1920 באַווייזן זיך פוילישע יידן. די ספרדי־שע קאָלאָניע ווערט דערוויל פאַרגרעסערט אין זכות פון אַ נייעם צופלוס פון אייגענע. מען שאַצט אז אין די יאָרן 1919 — 1939 זענען קיין פּערו אַריין 1,800 מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

דייטשע יידן הויבן אָן אַריינצוקומען ערשט אין 1933. פון אַ קליינער גרופּע פון 300 אין יאָר 1927, וואַקסט דער יידישער ישוב אויף: 1,000 אין 1930, פאַרטאָפּלט זיך אין משך פון צען יאָר און דערגייט אין 1948 צו דער צאָל פון 4,000 נפשות. די מערהייט זענען מזרח־אייראָפּעאישע יידן. נאָך זיי קומען די יידן פון דייטשלאַנד. די קלענסטע גרופּע איז די ספרדישע, הגם די עלטסטע.

מיט טויערן הערמעטיש פאַרמאַכט פאַר יידישע איינוואַנדע־רער, איז דער יידישער ישוב געבליבן נומעריש סטאַביל, אָבער זיין דינאַמישקייט האָט גורם געווען צו שאַפן אַזעלכע פאָרמען פון ציבור־לעבן, אַז די אָרגאַניזאַציע פון יידישן ישוב אין פּערו ווערט באַטראַכט ווי אַ מוסטער לגבי אַנדערע.

די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די יידן בכלל און פון די מזרח־אייראָפּעאישע און ספרדים בפרט איז געגאַנגען אויף דעם גוט־אויס־געפּרובירטן דרך פון פּיאָנערישקייט. פאַרשטייט זיך אַז פּעדלעריי איז געווען דער חדר, ביז די רעגירונג האָט אין 1939 פאַרבאָטן דעם מין האַנדל.

יידן האָבן זיך גענומען צו נייע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. אַ טייל זענען געוואָרן קליינע פאַבריקאַנטן, דער גרעס־טער טייל אָבער האָט זיך גענומען צו מסחר.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גמילת־חסדים קאַסע מיט אָפּטיי־

לונגען אויף דער פּראָווינץ. אין זכות פון פּערזענלעכן מזל און גוט־אויסגענוצטער קאָניונקטור, הויבט זיך אָן אויסצושיילן אַ גרו־פּע ענערגישע כלל־טוער, נדבנים און עסקנים, וואָס נעמען איבער די אָנפירערשאַפט פון דעם יידישן קאָלעקטיוו. די דרויסנדיקע רחבות פון זייערע היימען, די טומלדיקע מאַניפעסטאַציעס פון די עשירות — האָט אין תוך פאַרפירעריש פאַרדעקט דעם אמתן פּרצוף פון דעם שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ פון דעם רוב מנין ורוב בנין פון דער יידישער באַפעלקערונג. באַזונדער שטאַרק האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל איינזאַמע יחידים, אָן משפּחות. פאַר אָט־די מענטשן איז אַ יידישער צענטער געווען אַ נויטווענדיקייט, אַ מין קאָלעקטיווע היים, וואָס זאָל לינדערן די דאָזיקע אָפּגעריסנקייט און איינזאַמקייט, ווייל גראָד די איינזאַ־מע מענטשן זענען געווען אויך עקאָנאָמיש נויטבאַדערפטיקע — איז די פונקציע פון אַזאַ היים געווען אַ דאָפּלטע: אַ קולטור־סאָ־ציאַלע און אַן עקאָנאָמישע.

יעדע גרופּע יידן האָט זיך געשאַפן אַ צענטער לויט אירע פי־נאַנציעלע מעגלעכקייטן און צאָל. דאָס זענען אַ קאָמבינאַציע פון אַ פאָלקס־הויז און אַ סאָציאַלן קלוב.

היות ווי 90% יידן וווינט אין דער הויפּטשטאָט לימאַ, זע־נען טאַקע דאָרטן אויפגעקומען דריי יידישע צענטערס, פון וועלכע דער מזרח־אייראָפּעאישער איז דער גרעסטער. אין 1942 האָבן זיך אָבער די דריי צענטערס פאַראייניקט אויף אַן אויטאָנאָמישע באַ־זע און זיך אַ נאָמען געגעבן „דירעקטאָריאָ דע לאַ קאָלעקטיווידאַד איזראַעליטאַ דע פּערו״.

פאַראַלעל מיט דעם אויפבוי פון אַ צענטער האָט זיך ביי די אַשכנזים אָנגעהויבן אויסצושיילן אַ געדאַנק פון אַ קהילה. אין 1926 ווערט געגרינדעט די אשכנזישע קהילה א״נ „אוניאָן איז־

ראַעליטאַ דע פּערו״. אין 1935 שאַפט זיך די קהילה איין אַן איי־גענעם בנין און אין 1937 באַקומט זי די מלוכה־אָנערקענונג. די דייטשע און די ספרדישע יידן שליסן זיך אָן אין דער קהילה, אויך אויף אויטאָנאָמע יסודות. כלפּי חוץ רעפּרעזענטירט די דאָזיקע קהילה אַלע יידן, ווייל כמעט אַלע זענען אירע מיטגלידער. אין 1936 שטעלט אָן די קהילה אַ רב. זי שאַפט אַ קאָאָפּעראַטיוון באַנק, אַ ביקור חולים און אַנדערע אינסטיטוציעס. אין גאָר אַ קורצער צייט קאָנסאָלידירט די קהילה דעם גאַנצן ישוב און ווערט באַטראַכט ווי די אידעאַלע קהילה פון פּערו.

אמת, די ספרדים האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען דעם רע־ליגיעזן אויטאָריטעט פון אַ קהילה געבויט פון אשכנזים. אין 1950 האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פון ירושלים אַן אייגענעם רב.

עס זענען אויך געווען אַנדערע מניעות, וואָס האָבן, ווי די צייט האָט באַוויזן, נישט געהאָלפן דער קהילה ווערן פולשטענדיק אָרגאַניזירט, וואָס לכתחילה האָט זיך געדוכט אַז זי איז אויפן וועג צו ווערן דאָס. גראָד דער רעליגיעזער מאָמענט, דווקא דער, וואָס האָט אין תוך גורם געווען די אָרגאַניזאַציע פון דער קהילה, האָט געאַרבעט אַמשוואַכסטן. יידן האָבן געגרינדעט פּריוואַטע מני־נים און זיך נישט אָנגעפרעגט ביי דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה, אַפילו די דעה איבער געלט־זאַמלונג געפינט זיך נישט אין די הענט פון דער קהילה, הגם יורידיש האָט די קהילה דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן אַלע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס. דאָס זענען אָבער קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט דער אָרגאַניזאַציע און פּרעסטיזש פון דער לימער קהילה.

אויף דעם רעליגיעזן לעבן פון קהל האָט בכלל נישט קיין שליטה אַ קהילה. אַזוי, למשל, ווערט כשרות אָפּגעהיט פון 20 משפּחות, נאָר ביי די עלטערע יידן. די צוויי סינאַגאָגעס אין לי־

מאַ, און די קלענערע אויף דער פּראָווינץ ווערן שטאַרק באַזוכט נאָר ימים נוראים.

אין לימאַ איז פאַראַן אַ טאָג־שול וואָס ציילט 300 קינדער. די קהילה זאָרגט אַ סך פאַר דער יוגנט און האָט געשאַפן אַ פאָנד פון 200.000 דאָלאַר כדי אויפצובויען אַ יידישן יוגנט־צענטער.

די ספרדים האָבן עטלעכע רעליגיעזע שולן. אין דער שטאָט איקיטאָס ווו די מערהייט יידן זענען פון ספרדישן אָפּשטאַם, איז פאַראַן אַ יידישע רעליגיעזע שול. די יוגנט וואָס באַזוכט די אַל־געמיינע שולן שטודירט טיילווייז ווייטער און עס איז שוין דאָ אַ דור, וואָס האָט געענדיקט אוניווערסיטעט, על־פּי־רוב מעדיצין.

די גייסטיקע אינטערעסן באַמיט זיך צו פאַרענטפערן דער שפּאַנישער זשורנאַל „נאָסאָטראָס", וואָס האָט אַ ביילאַגע אויף יידיש. יעדן שבת ווערט אויף דער ראַדיאָ געגעבן אַ שעה יידישע מוזיק. דער קאָמענדאַנט פון דער מלוכה־ראַדיאָ, אַ ייד, האָט אין 1950 באַקומען אַ מלוכה־אויסצייכענונג פאַר זיינע קאָמפּאָ־זיציעס. די יידישע צענטערס האָבן ביבליאָטעקן און פון צייט צו צייט קומען פאַר לעקציעס, אָדער אַ קבלת־פּנים פאַר חשובע געסט, על־פּי־רוב פון מדינת ישראל.

מיט מדינת ישראל ווערן די פאַרבינדונגען פון פּערואַנער יידישן ישוב פון יאָר צו יאָר שטאַרקער. אין 1950 איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער אינסטיטוט פאַר קולטורעלע פאַרבינדונ־גען צווישן פּערו און ישראל („אינסטיטוטאָ קולטוראַל פּערואַנאָ־איזראַעלי"). דעם זעלבן יאָר זענען געגרינדעט געוואָרן אַ ריי בייע ציוניסטישע פאַראיינען וואָס האָבן אָפּטיילונגען איבער גאַנץ פּע־רו. 750 שקלים זענען פאַרקויפט געוואָרן אין יאָר 1950. די ערשטע גרופּע פּערואַנער יידן האָט זיך שוין באַזעצט אין מדינת ישראל און אַ גרעסערע צאָל האָט באַזוכט דאָס לאַנד.

פערו איז אַ רייך לאַנד, וואָס ציילט 8 מיליאָן איינוווינער, פון דעם 10% אין לימא גופא. קלימאַטיש איז דאָס לאַנד גוט צו־געפּאַסט פאַר דעם אייראָפּעאישן מענטשן. דער קליינער יידישער ישוב, וואָס מיטן אויסנאַם פון געציילטע ספרדים און דייטשע יידן, לעבט סאָציאַל אָפּגעזונדערט, הגם שפּראַכלעך שוין גוט איני־טעגרירט אין דער קולטור פון לאַנד, באַמיט זיך מיט דער הילף פון אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט באַפעסטיקן דאָס יידישע לעבן. איזאָלירט פון דער גרויסער יידישער וועלט, נעמט אויף די פּערואַ־נער יידישע באַפעלקערונג מיט אַ ברייטער האַנט און אַ וואַרעם האַרץ די גייסטיקע הילף וואָס ווערט איר געגעבן פון דרויסן, כדי קאָנען ווייטער פאָרזעצן איר עקזיסטענץ, אָן די מאַראַנישע מיט־לען פון זייערע פאָרלויפער פון 16טן יאָרהונדערט.

קאָסטאַ ריקאַ

די דאָזיקע קליינע רעפּובליק פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 23.300 קוואַדראַטמייל און האָט אַ באַפֿעלקערונג פֿון איבער 850.000 איינוווינער (צענזוס 1949).

די ערשטע יידישע איינוווינער זענען אַהער געקומען פֿון קוראַסאַאָ. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה הויבן אָן אַריינצוקומען טערקישע יידן (ספרדים) און אַביסל שפּעטער — פּוילישע יידן. 1930 האָט מען אין דער הויפּטשטאָט סאַן כאָסע אָנגעציילט 60 יידישע משפּחות. אין 1933 הויבן אָן אַריינצוקומען דייטשע יידן, וואָס זייער צאָל איז ביז 1949 געוועזן איבער 1.000. אין יאָר 1947 האָבן סך־הכל געקאָנט אַריינקומען 20 יידישע אימיגראַנטן.

די יידישע באַפֿעלקערונג אין קאָסטאַ־ריקאַ ווערט געשאַצט אויף אַן ערך 2.000 נפשות. יידן באַשעפֿטיקן זיך מיט האַנדל און קליינע אינדוסטריעס. אין זייערע פֿאַבריקן זענען באַשעפֿטיקט צווישן 2 און 3 טויזנט היגע איינוווינער. די הויפּט יידישע אינדוסטריע איז פֿאַבריקאַציע פֿון שיך און קליידער. אייניקע יידן פֿאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט און האָבן אפֿילו אייגענע גיטער (אַרום פּוערטאָ לימאָ).

אין סאַן כאָסע איז פֿאַראַן אַ יידישער צענטער וואָס איז דאָס פֿאָלקס־הויז פֿאַר די 450 יידישע משפּחות וואָס וווינען אין דער הויפּטשטאָט. עס איז פֿאַראַן אַ סינאַגאָגע און אַ חזן־שוחט. אַמאָל

איז אַפילו געווען אַ יידישע שול, אָבער צוליב דוחק אין לערער האָט זי זיך געמוזט פאַרמאַכן. שפּעטער האָט מען געעפנט אַ נאָכמיטאָג־שול מיט 35 קינדער, וואָס עקזיסטירט עד היום. דער זעלבער לערער פאָרט קיין קאַרטאַגאָ אַ שטעטל מיט 20 יידישע משפחות און לערנט די קינדער צוויי מאָל אַ וואָך.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סאַן כאָסע איז פאַקטיש דער קהילה־צענטער פון ישוב.

אין זייער עקאָנאָמישער טעטיקייט האָבן יידן געהאַט אויסצושטיין אַ סך שוועריקייטן מצד דער רעגירונג. אין 1940 האָט מען אפילו געוואָלט „נאַציאָנאַליזירן" דעם האַנדל און אינדוסטריע. אין 1941 האָט מען געוואָלט דורכפירן אַ געזעץ, אַז יידן טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט האַנדל און אינדוסטריע. הגם די דאָזיקע גזירה איז מיט גרויס מי אָפּגעשריגן געוואָרן, איז אָבער געבליבן איין פאַרבאָט קעגן פּעדלערײַ, איינגעפירט פאַרמעל אין 1943, וואָס איז בפירוש געצילט קעגן יידן.

דער אַנטיסעמיטישער קורס האָט זיך פאַרשאַרפט נאָך דער אַפּריל 1948 רעוואָלוציע. עס איז אפילו באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם לעגאַלן סטאַטוס פון דער יידישער באַפעלקערונג און גענוי אונטערזוכן די לעגאַליטעט פון זייער איינוואַנדערן. עס זענען אַנולירט געוואָרן אַלע וויזעס אַרויסגעגעבן פאַר דער דאַטע: אַפּריל 1948. אין דער הויפּטשטאָט איז אפילו געקומען צו אַנטיסעמיטישע אויסברוכן ווי אַ רעזולטאַט פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע.

די געשפּאַנטקייט האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען די פּאָליטישע און קולטורעלע איזאָלאַציע פון יידישן ישוב.

קאָסטאַ ריקאַ ווערט באַטראַכט ווי איינע פון די סאַמע קולטורעלסטע רעפּובליקן אין צענטראַל־אַמעריקע, ממילא איז אַזאַ

איזאָלאַציע געווען אַ פּיינלעכע לגבי יידן גופא. די לאַגע האָט זיך איבער געביטן מיטן נייעם פּרעזידענט כאָסע פיגערעס, וואָס האָט געמאַכט אַן עפנטלעכע דערקלערונג וואָס שייך גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער קעגן די פּאָדערונגען פון דער „נאַציאָנאַלער פאַר־טיידיקונג־ליגע פון די קריסטלעכע פּרינציפּן", וואָס איז אין תוך אַן אַנטי־פּראָטעסטאַנטישע, אַנטי־נעגער און אַנטיסעמיטישע אָר־גאַניזאַציע.

מיט טויערן פאַרמאַכט פאַר אַ פרישער יידישער אימיגראַציע, זענען די יידן אין קאָסטאַ ריקאַ געבליבן קולטורעל און געזעל־שאַפטלעך אויף אייגענעם באַראָט.

קובאַ

די „פאַרהיסטאָרישע תקופה״ פון יידן אין קובאַ איז פאַר־בונדן מיט די אומפאַרמיידלעכע אנוסים פון 16טן יאָרהונדערט, וואָס זענען ווי קליינע אינדזלען גאָר שנעל פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם ים פון פרימיטיוו־עקזאַטישן שפּאַנישן קאַטאָליציזם. צווישן יענער קליינער און פאַרמאַסקירטער יידישער אימיגראַציע און דעם היינטיקן ישוב איז קיין המשכדיקייט נישטאָ, חוץ אפשר דעו׳ טראַדיציאָנעלעו׳ נטיעה, אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יידישע ישובים, צו זוכן היסטאָריש נאָך נישט־פעסטגעשטעלטע סמיכת הפרשות צווישן דעם יידן פון דער אָדער יענער תקופה און דעם אימיגראַנט פון היינט. על כל פנים דאַרף מען רעכענען דעם אָנ־הייב פון ישוב אין קובאַ מיט אונדזער תקופה. סוף 19טן יאָרהונ־דערט האָבן רומעניש יידן, שוין נאַטוראַליזירטע אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן פרובירט זיך איינצואָרדענען אין דער שכנותדיקער קובאַ. עס זענען אויך פאַראַן פעסטגעשטעלטע פאַקטן אַז יידן האָבן געהאָלפן דעם קובאַנער פאָלק אין זיין קאַמף פאַר באַפריי־אונג. צווישן די פריינט פון דעם פאָעט און קעמפער כאָסע מאַר־טי זענען אויך געווען יידן. אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט זענען אין קובאַ געווען אַן ערך 30 יידישע משפחות. אַרום 1906 האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אין „יונייטעד היברו קאָנגרעגיישן״ און גע־קויפט אַ פּלאַץ פאַר אַ בית־עולם.

1904 וואַנדערן אַריין קיין קובאַ טערקישע ספרדים. מיט

יאָרן ווערט זייער צאָל גרעסער און מיטן צושטראָם פון אַ צאָל ספרדים פון מעקסיקע (אין 1910 — 1913) וואַקסט די עדה ספר־דים צו אַ חשובער קהילה פון עטלעכע הונדערט משפחות. אין 1914 גרינדן זיי אַ חברה „שבת אחים", וואָס איז חוץ אַ רעלי־גיעזער קהילה אויך אַ געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער הילף.

ביזן יאָר 1920 זענען געווען זייער ווייניק יידן אין קובאַ. אין די יאָרן 1920 — 1921 הויבן אָן אַריינצוקומען מזרח־איי־ראָפּעאישע יידן,, דער עיקר פון פּוילן, וואָס זייער ציל איז פּאָק־טיש געווען אַריינצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע אימיגראַנטן איז טאַקע אין די יאָרן 1921 — 1923 געלונגען אַריינצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיטן מאָמענט ווען עס איז אָבער איינגעפירט געוואָרן אַ קוואָטע פאַר אימיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען טויזנטער יידן געבליבן אין קובאַ און מיט דער הילף פון אַמערי־קאַנער יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס זיך אָנגעהויבן דאָ איינצו־אָרדענען.

אין יאָר 1924 זענען אין קובאַ געווען אַן ערך 1.000 יידן פון מזרח־אייראָפּע. דער גרעסטער טייל אימיגראַנטן, וואָס זענען אַהער געקומען פאַרן יאָר 1923, זענען שוין געווען אַוועקגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין 1925 האָט מען די יידישע באַ־פעלקערונג געשאַצט אויף 8,000, פון דעם 5,000 מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן (על פי רוב פון פּוילן) און 2,700 ספרדים. אַ העלפט פון די דאָזיקע אימיגראַנטן זענען געווען בחורים.

אין די יאָרן 1939 — 1941 קומען אַריין דייטשע און עסטרייכישע יידן. חוץ דעם קומען אַריין בעלגישע יידן, אין דער אמתן פּוילישע יידן וואָס האָבן געוווינט יאָרן לאַנג אין בעלגיע. אין דער זעלבער צייט וואַקסט די צאָל יידן, וואָס קומען אַריין

כדי צו פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ביז עס וועט זיי מעגלעך זיין אויס־צוטוישן זייערע טוריסטישע וויזעס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אויף פּערמאַנענטע. עס ווערט געשאַצט אַז אין די יאָרן 1938 — 1950 איז די צאָל פון אַזעלכע צייטווייליקע איינוווינער געווען איבער 10,000. דער „דזשאָינט" האָט אין 1938 געשאַפן אין קו־באַ אַ ספּעציעלן הילפס־קאָמיטעט, כדי צו העלפן די דאָזיקע טראַנזיט־אימיגראַנטן.

ביסלעכווייז איז די אימיגראַציע אָפּגעשטעלט געוואָרן. פאַר־שיידענע סיבות האָבן דאָס גורם געווען. קודם־כל האָט דער כראָ־נישער עקאָנאָמישער קריזיס אין קובאַ אויפגעהערט צוציען אימי־גראַנטן. אויך דער וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אינטענ־סיפיצירט געוואָרן אין די צייטן פון היטלעריזם האָט אין דעם פּרט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. דער הויכפּונקט פון דעם דאָזיקן אַנ־טיסעמיטישן קורס איז געווען זומער 1939, ווען די שיף „סעינט לואי", וואָס האָט געבראַכט פּליטים פון דייטשלאַנד, האָט נישט געקאָנט בלייבן און געמוזט זוכן אַן אַנדערן פּאָרט. אַזוי אַרום איז די יידישע אימיגראַציע געקומען צו אַ שטילשטאַנד. דאָך זענען אין די יאָרן 1933 — 1943 אַריינגעקומען 6,000 אימיגראַנטן, אָבער אין יאָר 1947 — נאָר 235. נאָר אין ספּאָראַדישע פאַלן אין זכות פון פּערזענלעכע קאָנטאַקטן, זענען לעצטנס עפעקטיוו געוואָרן אייניקע באַמיאונגען פון יחידים איינצוואַנדערן אין קובאַ.

על־כל־פּנים קאָן מען די איצטיקע יידישע באַפעלקערונג אין קובאַ, וואָס ציילט שוין 70% נאַטוראַליזירטע בירגער, באַטראַכטן ווי אַ סטאַבילן יידישן ישוב, וואָס קאָן העכסטנס זיך ענדערן נו־מעריש דורך עמיגראַציע, איידער אימיגראַציע. פעסטשטעלן גע־נוי די צאָל יידן אין לאַנד איז כמעט ווי נישט מעגלעך. די

נאָענטסטע צום אמת איז די שאַצונג פון 12,000 ייִדן אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 5 מיליאָן. קנאַפּע דרײַ פערטל פון זיי וווינען אין האַוואַנאַ און די איבעריקע אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך. אין האַוואַנאַ גופא מאַכן די ייִדיש־רײדנדיקע אויס אַ מערהייט, בעת אויף דער פּראָווינץ זענען דאָס די שפּאַניש־ריידנדיקע ספרדים.

דער גרעסטער טייל מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן זענען באַשעפטיקט אין מסחר און אינדוסטריע. ביי די ספרדים איבערוועגט דער קליינער געשעפטסמאַן און דער פּעדלער. הגם אין אָנהייב פון דער אימיגראַציע איז פּעדלערײַ געווען די פּאַרשולע פון עקאָנאָמישער טעטיקייט כמעט פאַר אַלע אימיגראַנטן.

מיטן פאַרשווינדן פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט בעת דער מלחמה אָנגעהויבן שטאַרק צו פאַלן, איז דער פּאָליטישער מעמד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געוואָרן אַ צופרידנשטעלנדיקער. ביסלעכווייז ווערן ייִדישע געזעלשאַפטן אינטעגרירט אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון לאַנד, און ייִדישע אָרגאַניזאַציעס באַטייליקן זיך אין פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס, ווי למשל, אין 1950, בעת מען האָט געפייערט הונדערט יאָר פון דער קובאַנער נאַציאָנאַלער פאָן. דער געזעץ, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין 1933, אַז 50% אָנגעשטעלטע און אַרבעטער מוזן זיין געבוירענע קובאַנער, איז נישט געווען געצילט נאָר קעגן ייִדן. ממילא איז ער מיט דער צייט געוואָרן אַ נאָרמאַלע פאָדערונג, וואָס האָט אין לעצטן סך־הכל, אַ דאַנק דעם וווקס פון דער ראָלע פון ייִדן אין האַנדל און אין אינדוסטריע, גורם געווען אַז טויזנטער קובאַנער זאָלן ווערן באַשעפטיקט ביי ייִדן. מיט דער צייט האָבן אַ סך פּעדלער געעפנט געשעפטן, און בעל־מלאכות און סוחרים זענען געוואָרן פאַבריקאַנטן. די פאַבריקאַציע פון אונטערוועש, אויבערקליידער, שוכ־

וואַרג, שניפּסן, לעדער און לעדער־אויסאַרבעטונגען — זענען אַריינגעפּירט געוואָרן פון יידן. צווישן די בעלי־מלאכות האָבן אַ סך שניידערס און שוסטערס זיך מיט דער צייט אַרויפגעאַרבעט צו אייגענע פאַבריקן. על־פּי־רוב זענען דאָס אָבער קליינע וואַר־שטאַטן און אָפטמאָל זענען די פאַרדינסטן פון דעם „פאַבריקאַנט" נישט גרעסער ווי פון דעם אַרבעטער גופא. אין אָנהייב פון דער אימיגראַציע איז די צאָל יידישע אַרבעטער געווען נישט קיין קליי־נע. אין די יאָרן 1927 — 1929 האָט מען זיי אָנגעציילט ביז טויזנט. היינט זענען זיי שוין כמעט ווי נישט בנמצא. דערפאַר אָבער וואַקסט די צאָל נייע בעלי־מלאכות אַ דאַנק דער „אָרט"־שול אין האַוואַנאַ, וואָס האָט אין די יאָרן 1943 — 1950 גע־האַט 763 סטודענטן מיט 193 גראַדואירטע. אין די לעצטע יאָרן וואַקסט די צאָל סטודענטן קובאַנער געבוירענע, צווישן זיי אַפילו ספרדים.

דער שנעלער וווקס פון דער יידישער אימיגראַציע און פאַ־ראַלעלער עמיגראַציע פון די טראַנזיטלער האָט גורם געווען דעם אויפקום פון אַזעלכע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס וואָס זאָלן זיך קודם־כל פאַרנעמען מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַרבעט און קולטור־רעליגיעזער הילף. די אידעאָלאָגישע חילוקי־דעות האָבן אָבער נישט געלאָזט אויספורעמען זיך איין צענטראַלע קערפּער־שאַפט, וואָס זאָל האָבן אַ רעפּרעזענטאַטיוון באַטייט פאַרן גאַנצן אשכנזישן ישוב. די ספרדים און שפּעטער די דייטשע יידן האָבן זיך אָרגאַניזירט באַזונדער. אין אָנהייב האָט די אַרבעט געטראָגן קודם־כל אַ קולטור־אויפקלערערישן כאַראַקטער. אין 1924 ווערט געגרינדעט דער „יידישער קולטור־צענטער", שפּעטער פּשוט „יידישער צענטער". זיין פּאָליטישער ראַדיקאַליזם האָט אָבער גע־בראַכט צו אַ שפּאַלטונג. די ראַדיקאַלע עלעמענטן האָבן אין 1926 געשאַפן דעם „קולטור־פאַראיין", וועלכער איז שפּעטער דורך פאַר־

שיידענע גלגולים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער „יידישער גע־זעלשאַפט פאַר קונסט און ליטעראַטור". די ליבעראַלע יידן האָבן אין 1925 געשאַפן דעם „סענטראָ איזראַעליטאַ דע קובאַ", באַ־קאַנט ווי „יידישער צענטער", און וואָס עקזיסטירט עד היום. אין 1938 איז דער דאָזיקער צענטער אָנערקענט געוואָרן כמעט פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, די לינקע איינגעשלאָסן, ווי דער רע־פּרעזענטאַטיווער אָרגאַן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קו־באַ. אין 1940 האָבן די קאָמוניסטישע עלעמענטן דורך אַ סיסטע־מאַטישער אינפילטראַציע שיעור נישט פאַרכאַפּט דעם צענטער. ווען דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן האָבן זיי געשאַפן פאַר זיך אַ באַזונדערן „יידישן פאָלקס־צענטער". פּאַראַלעל מיט דעם דאָ־זיקן צענטער האָט זיך אין קובאַ אָנגעהויבן זינט 1925 צו אַנט־וויקלען אַ רעליגיעזער פאַראיין, א"נ „עדת ישראל", וואָס האָט אָנגעהויבן פּרעטענדירן צו זיין די רעליגיעזע קהילה.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויך געשטרעבט צו האָבן די העגעמאָניע איבערן ישוב, מחמת דעם, וואָס די מערהייט יידן האָט סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם. אַזוי אַרום האָט דער „יידישער צענטער" געהאַט אַן אָפּאָזיציע פון צוויי צדדים. דער רעליגיעזער צד איז נישט געווען געראַכט, מחמת דעם וואָס דער צענטער האָט נישט פּרעטענדירט צו ווערן אַ רעליגיעזע קהילה און האָט אָנער־קענט די אויטאָנאָמיע פון די פרומע יידן וואָס שייך דת ואמונה.

דער יידישער צענטער האָט געוואָלט אַריינגעמען די רע־ליגיעזע חברות און מאַכן פון זיי דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר אמונה, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געהאַט אַ סך איב־טעליגענטע כוחות, ווי דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט. דער צענטער איז אין אַלגעמיין געווען פּראָ־ציוניסטיש. אָבער די רעליגיעזע יידן האָבן געוואָלט האָבן די העגעמאָניע איבערן ישוב און די ציו־

ניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן אַז זי איז באַרעכטיקט צו מער ווי אויטאָנאָמיע. אין משך פון יאָרן איז אָבער דער פירער־שאַפט פון צענטער געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי פון די קו־באַנער יידן, און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן „דער יידישער אַדרעס פאַר קובאַ און אויסלאַנד".

הגם די נייע אימיגראַציע האָט גורם געווען דעם אויפקום פון נייע פאַראיינען — זענען אָבער די דאָזיקע פאַראיינען געווען פון אַ ספּעציפישן כאַראַקטער, וואָס האָט אין עצם נישט געקאָנט אָפּפרעגן אָדער אָפּשוואַכן דעם רעפּרעזענטאַטיוון כאַראַקטער פון דעם יידישן צענטער. מיט דער צייט זענען די דאָזיקע פאַראיינען אויפגעלייזט געוואָרן, מחמת דעם וואָס זייערע מיטגלידער האָבן זיך איינציקווייז אָנגעשלאָסן אין דעם יידישן צענטער. אַזוי אַרום האָט דער צענטער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף יידישער גע־זעלשאַפטלעכקייט און מיטן אויסנאַם פון דעם לינקן סעקטאָר איז ער אָנערקענט געוואָרן ווי די רעפּרעזענטאַנץ פון דער קובאַנער יידישער באַפעלקערונג.

די „אחדות ישראל", די רעליגיעזע חברה, וואָס ציילט 500 מיטגלידער האָט אָבער באַשלאָסן צו ווערן די קהילה. אונטערן נאָמען „יידישע קהילה פון האַוואַנאַ און פּראָווינץ" האָט זי גע־וואָלט אַרויפצווינגען אויף דעם ישוב איר אויטאָריטעט. פיר גרוי־סע יידישע אינסטיטוציעס, ווי דער יידישער צענטער, די יידישע האַנדלס־קאַמער (געגרינדעט אין 1936), די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע און די גרויסע יידישע פאָלקס־שול זענען געווען קעגן דעם. ביי די וואַלן צום צענטער (4טער דעצעמבער 1949) איז דער קאַמף געגאַנגען אונטער דער פּראָגראַם פון וועלטלעכן אָדער רע־ליגיעזן חינוך. געוווּנען די וואַלן האָט דער צד, וואָס האָט פאַר־טיידיקט די רעפּרעזענטאַטיווקייט פון דעם יידישן צענטער.

אַ וויכטיקן אָרט אין קובאַ פאַרנעמט דאָס יידישע שול־וועזן. קובאַ פאַרמאָגט פיר אינטעגראַלע שולן, אַלע אין האַוואַנאַ, און יעדע איינע פון אַן אַנדער ריכטונג. די אויטאָנאָמע שול ביים „סענטראָ איזראַעליטאַ" האָט 400 קינדער. די ספרדים האָבן אַן אייגענע שול מיט 100 קינדער. די קהילה, „אחדות ישראל" האָט אין 1950 געעפנט אַ שול „תחכמוני", וואָס האָט שוין כמעט פאַר־טאָפּלט די צאָל קינדער (אַן ערך 100). אַ פּריוואַטע העברעאיש־שפּאַנישע שול האָט אויך 100 קינדער. די אַלע שולן זענען טאָג־שולן. חוץ דעם קורס פון אַ קובאַנער פאָלקסשול לערנט מען העב־רעאיש, יידיש און יידישע געשיכטע. ערגער איז מיט מיטלשולן, וואָס זענען אויפן וועג, דערווייל אָבער גייט דאָס יידישע לערנען לאיבוד.

דעם גרעסטן אינטערעס פאַר דעם יידישן חינוך האָבן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן פון דער ערשטער אימיגראַציע. ס'רוב נייע אימיגראַנטן, בפרט נאָך 1942 האָבן קיין שום אינטערעס נישט פאַר דעם יידישן שול־וועזן. זיי און אויך אַ גרויסער טייל ספרדים שיקן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן. אין דער ערשטער תלמוד־תורה, וואָס די ספרדים האָבן געגרינדעט אין 1924 זענען די מערסטע תלמידים געווען אַשכנזישע קינדער.

דאָס רעליגיעזע יידנטום לעבט זיך אויס אין די סינאַגאָגעס און מנינים. אין האַוואַנאַ זענען פאַראַן פינף סינאַגאָגעס: איינער אַ רעפאָרם טעמפּל „בית ישראל" פון די אַמעריקאַנער יידן מיט 100 מיטגלידער און אַ זונטיק־שול מיט 40 קינדער, 3 — פון די אשכנזים און איינע אַ ספרדישע. דער יונגער דור ווייזט בכלל אַרויס ווינציק אינטערעס פאַר רעליגיע. עס ווערט געשאַצט אַז נאָר 30% פון דער יידישער באַפעלקערונג עסט כשרות.

די צדקה־חברות זענען זינט דער ליקווידאַציע פון „דזשאָינט"

אין קובאַ אין אַ פּערמאַנענטן פינאַנציעלן קריזיס. די דירעקטע טעטיקייט פון „דזשאָינט״ איז געקומען כמעט צו אַן אָפּשלוס, מחמת עס זענען געבליבן זייער ווינציק פּליטים, חוץ זקנים און קראַנקע מיט וועלכע עס פאַרנעמען זיך די לאָקאַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן באַקומען פאַר דעם צוועק ספּעציעלע פאָנדן פון „דזשאָינט״.

פרויען־אָרגאַניזאַציעס טוען סאָציאַלע אַרבעט און פירן אַ ברייטע טעטיקייט. די „יידישע פרויען פעדעראַציע״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1924, האָט אויך אַ גמילות־חסדים קאַסע. אַ קאָמיטעט צו העלפן די שווינדזיכטיקע און גייסטיק־קראַנקע טוט אויך אַלגעמיינע אַרבעטן און העלפט דערביי אויך נישט־יידן.

אידעאָלאָגיש איז דער יידישער ישוב מיט דער צייט געוואָרן כמעט ווי מאָנאָליטיש. די קאָמוניסטישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס ליקווידירט זיך פון די עצם ווידערשפּרוכן פון איר אויפקום. זייער איינציקע שול פאַר יידישע קינדער, די „שלום עליכם שול״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1940, האָט זיך פאַרמאַכט אין סעפּטעמבער 1949. דאָס זעלבע איז געשען מיטן „יידישן פאָלקס־צענטער״, און אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער ריכטונג.

די יידישע פרעסע באַשטייט פון דער צייטונג „האַוואַנער לעבן״ (געגרינדעט אין נאָוועמבער 1932), וואָס דערשיינט זינט 1937 צוויי מאָל אַ וואָך. זינט 1950 גיט אַרויס די „יידישע קהילה אין האַוואַנאַ און פּראָווינץ״ אַ צייטשריפט מיטן נאָמען „אונדזער שטימע״. חוץ דעם דערשיינט פאַר די לעצטע אַכט יאָר אַ יאָרבוך, אַרויסגעגעבן פון „האַוואַנער לעבן״, וואָס גיט אַ דין־וחשבון פון דער אַלגעמיינער און יידישער טעטיקייט אין לאַנד,

די קולטור־טעטיקייט פון ישוב הן אין יידיש והן אין שפּאַניש איז קיין מאָל נישט געווען אינטענסיוו, אָבער לעצטנס איז זי שטאַרק געפאַלן. אַמאָל האָבן אין קובא געבליט יידישע דראַמאַטישע קרייזן, און לעקטאָרן, בפרט פון די פּאַראַייניקטע שטאַטן, פלעגן אָפט באַזוכן דעם ישוב. היינט איז פון דעם ווינציק וואָס געבליבן. די יידישע פּרעסע באַקלאָגט זיך אַז יידיש פאַרשווינדט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און מען הערט זייער ווינציק דעם יידישן לשון אויף אסיפות און פאַרזאַמלונגען. מען הערט אויך זייער ווינציק וועגן די יידישע ביבליאָטעקן, וואָס זענען אַמאָל געווען וויכטיקע אינסטיטוציעס.

דער קובאַנער יידישער ישוב איז על־פּי־רוב ציוניסטיש. אין משך פון זיבן חדשים (דעצעמבער 1948 ביז יוני 1949) האָבן 223 יידן עולה געווען קיין מדינת ישראל, צווישן זיי 117 פּליטים. 82 קובאַנער יידן האָבן זיך באַזעצט אין מדינת ישראל. די קאַמפּאַניעס לטובת מדינת ישראל זענען אין קובא נאַציאָנאַל־פּאָלקסטימלעכע געשעענישן. הגם די קובאַנער מלוכה האָט נאָך אָפיציעל נישט אָנערקענט מדינת ישראל, דאָך זענען די באַציאונגען צווישן די שליחים פון מדינת ישראל און דער קובאַנער רעגירונג זייער פריינטלעכע. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שפּילט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ראָלע און טוט אויך קולטורעלע אַרבעט אין די ראַמען פון איר אידעאָלאָגישן פּראָגראַם. זייער אַקטיוו איז די ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע (וויצאָ). די ספרדישע גרופּע האָט דורך דעם ראַט פאַר ישראל („קאָנסעכאָ פּראָ ישראל״) געשאַפן אַ באַדייטנדיקע סומע פאַר מדינת ישראל.

די אַרבעט פאַר מדינת ישראל שטערט נישט דעם ישוב געזעלשאַפטלעך און ווירטשאַפטלעך זיך אַריינצוגלידערן אין דעם קובאַנער לעבן, הגם קולטורעל זענען די יידן נאָך אַלץ איזאָלירט.

„דאָס איינשאַפן זיך בנינים פאַר זיך ווי פאַרן כלל — שרייבט אַ חשובער יידישער פּאָעט און זשורנאַליסט, וואָס איז אַן אַלטער קובאַנער תושב — באַווייזט אַז דער יידישער ישוב אין קובאַ ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ מער איינגעזעסן אין לאַנד. און מיטן איינשאַפן זיך אייגענע געזעלשאַפטלעכע בנינים פילט מען אַז די יידישע קאָלאָניע גייט זיך דאָ איינוואָרצלען ווי יידן און קובאַנער".*)

אַז דאָס איז ריכטיק באַווייזט דער פאַקט אַז די קובאַנער יידן, וואָס וווינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין קובאַנער לאַנדסלייט, וואָס ציילט שוין אַ סך מיטגלידער און לעבט זיך אויס ווי זיי וואָלטן געווען ביי זיך אין דער היים, ד"ה אין קובאַ.**)

*) אליעזר אראנאווסקי, אין „טאג" פון 4טן אקטאבער 1950

**) „האוואנער לעבן" פו: 22סטן מאריץ 1950.

קאָלאָמביע

1. דעמאָגראַפיש-עקאָנאָמיש בילד

לויט דער צאָל איינוווינער פאַרנעמט די רעפּובליק ק אָ־ל אָ מ ב י א דעם דריטן אָרט אין דער משפחה פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. אין 1949 איז די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון עלף מיליאָן. די יידישע באַפעלקערונג האָט מען אין יענעם יאָר געשאַצט אויף קנאַפּע ניין טויזנט נפשות.

די יידישע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט ספרדישע יידן, וואָס זענען געקומען פון ק ו ר א ס א אָ (האָלענדישע קאָלאָניע). אַ טייל האָט זיך באַזעצט אין קאַלי, אַ גרעסערע צאָל אין באַראַנקיליאַ און האָבן דאָרט אַנטוויקלט די זייד־אינדוסטריע, געעפנט אַ באַנק און אָרגאַניזירט אַ קהילה.

מזרח־אייראָפּעאישע יידן באַווייזן זיך ספּאָראַדיש אַרום 1920. אייניקע אַפילו עטוואָס פריער. אין די יאָרן 1925 — 1927 באַזעצן זיך אין קאָלאָמביאַ אַן ערך 100 יידישע משפחות פון ארץ־ישראל. מיטן אויסנאַם פון אַ גרופּע ספרדישע יידן, ירושלים־געבוירענע, זענען דאָרט געווען ליטווישע און רומענישע יידן, וואָס זענען געקומען צו זייערע קרובים אָדער לאַנדסלייט. 80% פון דער איצטיקער מזרח־אייראָפּעאישער באַפעלקערונג האָט איינגעוואַנדערט אין די יאָרן 1927 — 1934.

דער היטלעריזם האָט גורם געווען אַן איינוואַנדערונג פון

דייטשע יידן, וואָס האָבן נומעריש איבערגעיאָגט די מזרח־איי־ראָפּעאישע. פון די 3,695 יידן וואָס זענען אַהער געקומען אין די יאָרן 1933 — 1942, זענען 2,347 געווען דייטשע יידן. באַזונדער אינטענסיוו איז געווען די דייטש־יידישע אימיגראַציע אין די יאָרן 1936 — 1939.

גאָר פרי האָט זיך די אימיגראַציע קיין קאָלאָמביאַ אָנגעשטויסן אויף יורידיש־פאָרמולירטע שוועריקייטן. אין 1934 זענען די האַנדלס־קאַמערן פון לאַנד געוואָרן אַקטיוו אין אַן אַנטי־אימיגראַנטישער פּראָפּאַגאַנדע. די פּרעסע איז אַרויס איינשטימיק קעגן פרעמדע. די רעגירונג האָט גענומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג לגבי סוחרים און זיי באַטראַכט ווי אַ שעדלעכן עלעמענט*). דאָס האָט בפירוש געצילט קודם־כל אין די יידן.

די רעגירונג האָט אפילו דעפינירט אַז אַ „גוטע אימיגראַציע" מיינט בפירוש נישט קיין יידישע אימיגראַציע. ביזן יאָר 1938 זענען אָבער קיין לעגאַלע שוועריקייטן פאַר אימיגראַציע נאָך נישט געווען. ערשט יענעם יאָר (דעם 5טן אָקטאָבער 1938) האָט די רעגירונג אינסטרואירט אירע אייראָפּעאישע קאָנסולן נישט צו געבן קיין וויזעס „יחידים וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער נאַציאָנאַליטעט", און אויך נישט די, וואָס האָבן נישט קיין גאַראַנטירטע מעגלעכקייטן זיך אומצוקערן אין די לענדער פון וועלכע זיי האָבן עמיגרירט. עס איז פאַרטאָפּלט געוואָרן די סומע געלט וואָס אַן אימיגראַנט האָט באַדאַרפט דעפּאָנירן בעת ער איז אַריינגעקומען אין קאָלאָמביאַ. אין 1939 איז די אימיגראַציע בכלל אָפּגעשטעלט געוואָרן. בפרט יידן האָט מען פאַרגעוואָרפן אַז בעת זיי האָבן געמאַכט די אימיגראַציע־דעקלאַראַציעס האָבן זיי אָנגעגעבן פּראָפעסיעס צו וועלכע זיי האָבן זיך נאָכן אַריינבאַקומען אין קאָלאָמ־

*) מעמאָריע פון אויסערן־מיניסטעריום, 1934, ז' 20.

ביז נישט געגומען. אזוי ארום איז די צאל וואס עס איז געלונגען אריינצובערענגען געווארן קליין. חוץ רייזע־הוצאות, וואס זענען געווען גרויסע, איז אזא פריווילעגיע, אויסגעפועלט דורך ספעציע־לע ארגאניזאציעס, געווען פארבונדן מיט הוצאות, וואס האבן אי־בערגעשטיגן די הוצאות פון דער רייזע. עס איז דערפאר פאר־שטענדלעך פארוואס עס זענען אין די יארן 1945 — 1950 ארייג־געקומען בסך־הכל 350 יידן.

נישט געקוקט וואס דער קאלאמביער יידישער ישוב איז גאר א יונגער, ציילט ער שוין אן ערך 800 היגע געבוירענע בירגער. קליין איז די צאל נאטוראליזירטע בירגער, מחמת גרויסע יורי־דישע שוועריקייטן. געווען אפילו א צייט ווען אן אימיגראנט האט נישט געהאט דאס רעכט פון באוועגן זיך אין לאנד גופא. יארן לאנג האט דא געהערשט א שטימונג, אז „פרעמדע" דארפן בכלל זיך נישט מישן אין די אינעווייניקסטע ענינים פון לאנד, ממילא דארף ער נישט ווערן קיין בירגער.

יידן האבן זיך באזעצט אין די פאר גרעסערע שטעט, ווי באַ־גאטא, קאלי, באראנקיליא און מעדעלין. אין דעם מערבדיקן טייל פון קאלאמביא זענען פאראן 17 קליינע ישובים, וואס צוזאמען מיט דער שטאט קאלי פארמירן זיי א מין פעדעראציע פון קהי־לות.

די הויפטשטאט באגאטא האט די גרעסטע יידישע באפעל־קערונג און סוף 1942 איז די זעלבע געשאצט געווארן אויף 3,460 נפשות. אין קאלי זענען געווען 1,531 יידן, אין באראנקיליא — 874, מעדעלין — 365, און אין די אנדערע קלענערע ערטער — 395, סך־הכל 6,625 יידן. פון דעם זענען 2,865 געווען דייטשע יידן, 2,750 — מזרח־אייראפעאישע, 950 — ספרדים און 50 אמעריקאנער יידן. די צאל דייטשע יידן איז פארקלענערט גע־

וואָרן מחמת דעם וואָס 276 פון זיי איז געלונגען אַריינצוקומען אין די פּאַראַיייניקטע שטאַטן.

די פּראָפעסיאָנעלע צעגלידערונג פון דער יידישער באַפעל־קערונג האָט שוין אין 1940 געוויזן אַ גוט־באַלאַנסירטע פאַר־שיידנקייט, פון אַגריקולטור ביז פרייע פּראָפעסיעס. אמת, ביי אַגריקולטור זענען מיט דער צייט געבליבן ווייניק יידן און על־פּי־רוב דייטשע. די קלימאַטישע שוועריקייטן, די פּרימיטיווקייט פון ווירטשאַפט האָט נישט געקאָנט צוציען אייראָפּעאישע מענטשן. די רעגירונג האָט געמאַכט אַ פּאָר פּראָבן צו באַזעצן יידן אויף לאַנד און געהאָפט אַז יידישע אָרגאַניזאַציעס וועלן אזא אונטערנעמונג סובסידירן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז באַזעצן 100 משפחות אויף לאַנד איז פאַרבונדן מיט אַ בודזשעט פון 55,000 דאָלאַר. אין 1939 זענען 193 יידן געווען באַשעפ־טיקט מיט פאַרמעריי, אָבער אַ יאָר שפּעטער איז די צאָל געפאַלן אויף מער ווי אַ העלפט.

יידן האָבן תיכף זיך גענומען צו כלערליי פּרנסות. הגם דער „דזשאָינט" האָט באַלד פון אָנהייב פון דער איינוואַנדערונג גע־שאַפן צדקה־חברות, זענען אָבער געווען ווייניק בעלנים אויף שטיצע. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן זיך באַלד חשוב גע־מאַכט אין שניידעריי. די ליי־קאָסעס, געשאַפן פון „דזשאָינט" האָבן נישט איין אימיגראַנט געהאָלפן קאָנסטרוקטיוו. אַ גרויסע צאָל, בפרט פון די פּליטים, האָט זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די נייע תנאים. סוף 1942 זענען 46 משפחות געווען באַשעפטיקט אין אַגריקולטור, 467 — אין אינדוסטריע, 555 זענען געווען בעלי־מלאכות, 511 — סוחרים, 328 — אין פרייע פּראָפעסיעס פון מעדיצין ביז בוכהאַלטעריע, און 615 — אין פאַרשיידענע פּרנסות, פּעדלעריי איינגעשלאָסן.

עס איז נישט לייכט אָנגעקומען דעם איינוואַנדערער צו באַ־

קומען אַרבעטן. אין 1938, למשל, האָבן די שאָפערס אין באָגאָטאָ געפירט אַ העצע־קאַמפּאַניע קעגן אַ פירמע, וואָס האָט אָנגעשטעלט יידן ווי טאַקסי־פירער.

אויף דעם פעלד פון אינדוסטריע שפּילן ספרדישע יידן אַ גרעסערע ראָלע ווי אשכנזים, בפרט אין דער טעקסטיל־בראַנזשע. קודם זענען זיי געקומען פריער און נישט ווי פּליטים, נאָר ווי אימיגראַנטן מיט קאַפּיטאַל. אין באַרראַנקיליאַ האָבן אין 1946 פּערציק ספרדים באַשעפטיקט 4,000 אַרבעטער. אין 21 פאַבריקן אין דער זעלבער שטאָט, וואָס געהערן צו יידן, אַרבעטן 3,720 נישט־יידישע אַרבעטער*).

אין אַ ריי אינדוסטריעס זענען די יידן אין קאָלאָמביאַ געווען די פּיאָנערן, ווי פּלאַסטישע אויסאַרבעטונגען, מעטאַל, פאַרבן, פאַבריקאַציע פון ברשטלעך, קליידער, זיסוואַרג אאַז״וו. אין מעדעלין האָבן יידן געשאַפן גרויסע פאַבריקן פון טעקסטיל, זיידן און שיך.

וואָס שייך האַנדל פירן ספרדישע און פּוילישע יידן גרויסע געשעפטן, אַ טייל זענען אין אימפּאָרט־עקספּאָרט געשעפטן. עס זענען אויך פאַראַן יידישע פעדלערס און בעלי־מלאכות.

די פּראָפעסיאָנעלע צעגלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קאָלאָמביאַ אין יאָר 1947 איז געווען:

1) מסחר און פעדלעריי	1,484	52,2%
2) מלאכה	541	19,0
3) אינדוסטריע	437	15,3
4) ליבעראַלע פּראָפעסיעס	338	11,9
5) לאַנדווירטשאַפט	44	1,6
	2,844	100%

*) לויט אַן אַנקעטע געמאַכט דאָרטן.

2. געזעלשאפטלעך קולטור בילד

די ארגאניזאציאנעלע פארמען פון יידישן לעבן זענען נאך נישט קריסטאליזירט. עס איז נאך נישטא קיין צענטראלע קערפערשאפט וואס פאראייניקט אלע יידן, אפילו פון איין שטאט. די רעגירונג האט נישט געוואלט באוויליקן דעם סטאטוס פון אן עפנטלעכער אנערקענטער ארגאניזאציע, דער יידישער פאראייניקונג, וואס איז אויפגעקומען אין באגאטא און אין קאלי, און האט דערקלערט אז אזא אינסטיטוציע וועט שטערן דער אסימילאציע און עס איז דער ווונטש פון דער אפיציעלער מאכט „אויסצומיידן עטנישע אינדזלען"*).

דאס לעבן האט אבער געפאדערט אז געוויסע פארמען פון אן ארגאניזאציע לויט א מוסטער פון א קהילה זאלן זיך אויסקריסטאליזירן. די אשכנזים, די ספרדים, די דייטשע יידן האבן געשאפן אייגענע חברות מיט א חברה קדישא, סינאגאגע און נויטיקע צדקה־אינסטיטוציעס.

אין באגאטא איז די „סענטרא איזראעליטא דע באגאטא", געגרינדעט אין 1928, די אפיציעלע רעפרעזענטאנץ פון די מזרח־אייראפעאישע יידן. אין 1930 איז געשאפן געווארן א ביקור־חולים, אין 1942 — א גמילת־חסדים־קאסע. די חברה קדישא איז א טייל פון דעם צענטער. א טייל דייטשע יידן זענען אויך אריין אין דעם צענטער. אין 1950 איז איינגעלאדן געווארן א רב.

חוץ דעם האבן די דייטשע יידן אן אייגענע חברה, געגרינדעט אין 1938, וואס טראגט דעם נאמען „אסאסיאסיאן איזראעליטא מאנטעפיארע" מיט א שול פאר רעליגיע און א חברה קדישא.

---

*) מעמאריע פון רעגירונגס־מיניסטער, באגאטא, 1940, באנד 1, ז' 56.

די ספרדים האָבן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס עקזיסטירט 40 יאָר, און איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין 1942. אין 1943 האָט די קהילה באַקומען אַ יורידישע לעגאַליזאַציע און אין 1945 אָנגענומען דעם נאָמען: „קאָמונידאַד העברעאַ סעפּאַראַדי דע באָגאָטאַ“.

דעם 18טן פעברואַר 1951 איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער יום־טוב פון לייגן דעם גרונדשטיין פון אַן אייגענער בית־התפילה, סובסידירט פון איין ספרדישער משפחה.

די קהילה האָט אַ חכם (רב) וואָס פירט אָן מיט דער קולטור־אַרבעט פון דער קהילה, וואָס איז אויך אַ געזעלשאַפטלעכער צענטער.

צדקה־חברות האָבן די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן („עזרא“) און אויך די ספרדים (געפירט פון פרויען).

אויף אַן ענלעכן אופן זענען די ייִדן אָרגאַניזירט אין דער שטאָט קאַלי. די ספרדים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין 1922 און לעגאַליזירט געוואָרן אין 1929. אין 1934 האָבן זיי אויפגעבויט אַן אייגענעם צענטער מיט אַ סינאַגאָגע און אַ קלוב. זיי האָבן אַן אייגענעם בית־עולם. אין 1936 האָבן זיי געגרינדעט אַ שפּאַניש־העברעאישע שול, וואָס איז אָבער נאָך אַן עקזיסטענץ פון דריי יאָר ליקווידירט געוואָרן. די ספרדים, הגם זיי ציילן אַן ערך 900 נפשות, שפּילן אַ וואָגיקע סוחרישע און געזעלשאַפטלעכע ראָלע אין ק אַ ל י. פאַראַן צווישן זיי אַ סאָלידע גרופּע (20%) געבוירענע אין ירושלים, וואָס רעדט העברעאיש. די ספרדים געהערן צו די רייכסטע ייִדן אין שטאָט. סאָציאַל האָבן זיי אַ קאָנטאַקט מיט דער קאָלאָמביאַנער העכערער געזעלשאַפט. ווי אַ קליינע גרופּע איז זיי שווער אויפצוהיטן זייער אייגנאַרטיקייט און עס קומען פאָר אָפטע שידוכים מיט די אשכנזים, מיט וועלכע זיי האָבן אַ בשותּפותדיקן אידעאַל: מדינת ישראל.

דערקעגן די דייטשע יידן, הגם קליין אין צאָל, האַלטן זיך אָפּגעזונדערט. זיי האָבן אַ חברה, וואָס הייסט: „אוניאָן קולטוראַל העברעאַ". אַ סך פון זיי זענען הייסע ציוניסטן. אַ סך זענען אָבער אַזוי אַסימילירט אַז עס קומען פאַר צווישן זיי פאַלן פון שמד.

די רירעוודיקסטע גרופּע אין קאַלי איז די מזרח־אייראָפּעאישע. זינט 1929 האָבן זיי אַן אייגענעם צענטער, וואָס איז אַ קהילה מיט אַ רב־שוחט־חזן, מיט צדקה־חברות און מיט אַ רעליגיעזער שול. די חברה הייסט: „סאָסיעדאַד העברעאַ דע סאַקאַראָס" און ציילט 140 מיטגלידער. הגם אין צענטער געפינט זיך אַ שיינע יידישע ביבליאָטעק, ווערט אָבער זייער ווייניק געטאָן אויף דעם קולטור־געביט.

דער גאַנצער ראַיאָן אַרום קאַלי וווּ עס געפינען זיך צעוואָרפענע יידישע ישובים איז אָרגאַניזירט זינט 1943 אין אַ מין פעדעראַציע בראש מיט די דריי קהילות פון ק אַ ל י גופא. די דאָזיקע פעדעראַציע פון 18 קליינע קהילות טראָגט דעם נאָמען: „לאַ אוניאָן פעדעראַל העברעאַ". זי האַלט אויס אַ רב, פירט דורך אַלע רעליגיעזע און דערציאונג הצטרכותן פון יענער טעריטאָריע.

אין באַראַנקיליאַ זענען אויך פאַראַן דריי פאַרשיידענע קהילות. סינאַגאָגעס זענען דאָ צוויי, אַ ספרדישע און אַן אשכנזישע. ס'איז דאָ איין חברה קדישא און אַ צענטראַלע צדקה־חברה, געגרינדעט אין 1931.

אין 1943 האָבן 400 יידן אויפגעבויט אַ רעליגיעזן צענטער מיט אַ סינאַגאָגע און האָבן בייגעשטייערט פאַר דעם 40,000 דאָלאַר. אַלע קלובן און פאַראיינען זענען קאָנצענטרירט אין דער דאָזיקער רעפּרעזענטאַטיווער געביידע.

אַ מוסטער פון אַ קהילה אין קאָלאָמביאַ איז מעדעלין, וואָס

באשטייט על פי רוב פון מזרח־אייראפעאישע יידן. עס איז פא־ראן א קהילה־הויז, א גמילת־חסדים־קאסע (געגרינדעט אין 1939) און אנדערע אינסטיטוציעס.

דער ענין שול־וועזן איז אין די קלענערע ישובים בעסער אוועקגעשטעלט ווי אין דער הויפטשטאט.

אין באגאטא גייען יידישע קינדער אין די אלגעמיינע שולן. די רייכערע יידן שיקן זייערע קינדער אין פריוואטע שולן, בפרט אין דער פראנצויזישער פ א ס ט ע ר ־ שול.

עס איז פאראן א „קאלאמביאנער העברעאישע שול" פון דער קהילה פון די מזרח־אייראפעאישע יידן. אבער דאס איז א התחלה, דערווייל מיט באשיידענע רעזולטאטן. בדרך כלל איז דער ענין יידישע דערציאונג שטארק פארנאכלעסיקט אין באגאטא. דער גרעסטער טייל יידישע קינדער באקומען בכלל קיין שום יידישע דערציאונג.

אין קאלי איז פאראן א טאג־שול אויפן נאמען פון דעם האלב־ייד כארכע איזאאקס א קלאסיקער פון דער קאלאמביאנער ליטעראטור. זי איז געגרינדעט געווארן אין 1939 און ציילט 132 קינדער און 13 לערער. שכר־לימוד דעקט א גרויסן טייל פון דעם בודזשעט. דאס איבעריקע קומט פון סובסידיעס פון די דריי קהי־לות. די שול איז א שפאנישע. עס ווערט אבער אויך געלערנט העברעאיש.

זינט 1934 האט באראנקיליא א העברעאיש־יידישע שול, וואס ווערט אויך באזוכט פון ספרדישע קינדער. פון די 200 קינ־דער אין שול־עלטער באזוכט א גרויסע מערהייט די דאזיקע שול.

די הערצל־שול אין מעדעלין איז א גאנצע טאג־שול מיט 70 קינדער. זי ווערט אויסגעהאלטן פון דער קהילה וואס טראגט דעם נאמען „אוניאן איזראעליטא דע בענעפיסענסיא".. די קהילה האט

אויך אַ זומער־קאָלאָניע פאַר אַלע יידישע קינדער אין שטאָט.

דער רעליגיעז־קולטורעלער מעמד פון יידישן ישוב שטעלט דאָ קיינעם נישט צופרידן. כלי־קודש זענען דאָ זייער ווייניק, הגם מגינים לפי ערך געגוג. כשרות ווערט אָפּגעהיט גאָר ווינציק, אפשר איינער אויף טויזנט. דאָס איז אין באָגאָטאַ. אויף דער פּראָווינץ איז אין דעם פּרט אַ סך בעסער. אין סך־הכל איז אָבער רעלי־גיעזע יידישקייט אַ ימים־נוראימדיקע דערשיינונג. דערפאַר איז אָבער די נאַציאָנאַל־עמאָציאָנעלע יידישקייט שטאַרק, בפרט ביי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן און אויך ביי זייערע קינדער, גע־בוירענע קאָלאָמביאַנער.

קיין פּרעסע איז נישטאָ, הגם באַמיאונגען זי צו האָבן זענען געמאַכט געוואָרן עטלעכע מאָל. מען לייענט די יידישע צייטונגען פון ניו־יאָרק. אין 1950 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ שפּאַניש־יידישע צייטשריפט „מנורה". ציוניזם איז עמאָציאָנעל שטאַרק, אָרגאַניזאַציאָנעל נאָר צווישן די רעוויזיאָניסטן. דאָס געזעלשאַפט־לעכע לעבן איז שוואַך, דאָס גייסטיקע — אָרעם. פאַר מדינת יש־ראל ווערט געשאַפן אַ סך געלט. בפרט די ספרדים זענען אינטע־לעקטועל און עמאָציאָנעל שטאַרק ציוניסטיש. די עליה קיין מדינת ישראל איז כמעט ווי נישט בנמצא.

דער קאָלאָמביאַנער יידישער ישוב געפינט זיך אין אַ לאַנד מיט אַ שטאַרקער שפּאַנישער, מאָנאַליטישער קולטור. נישט געוווינט אין פּראָצעס פון זייער געשיכטע צו האָבן פרעמדע צווישן זיך, אָפּגעטיילט געאָגראַפיש פון דער וועלט — זענען די קאָלאָמביאַ־נער באַשיידן און רעליגיעז און דער פּסיכאָלאָגישער קאָנפליקט צווישן דעם וועלטלעכן עלעמענט, וואָס יידן זענען דאָס דאָ, און זייער דרויסנדיקע אויספיינערן זיך וואָס שייך באַקוועמלעכקייט אין לעבן — דריקט זיך אויס אין דעם וואָס נאָר יחידים פון דער

יידישער גרופּע האָבן וועלכן עס איז קאָנטאַקט מיט די קאָלאָמ־ביאַנער גופא און מיט זייער קולטור בכלל.

אָן אַ גייסטיקער פירערשאַפט, אָן אייגענע פאָרמען פון לעבן איז דער דאָזיקער ישוב, וואָס קאָן נישט דערוואַרטן קיין הילף דורך אַ באַנייטער אימיגראַציע, שטאַרק סטאַטיש און שטייט פאַר אַ געפאַר פון גייסטיקער סטעריליטעט. יידישקייט לעבט אין קאָ־לאָמביע מיטן כוח פון אינערציע און ירושה פון אַלטן דור, וואָס קאָן אָבער קיין מוסטער פאַרן יונגן דור נישט ווערן. דער יידי־שער ישוב איז שטויב, וואָס קאָן אָבער ביי אַ געהעריקער פירער־שאַפט ווערן אַ סאָלידע גרופּע. די עקאָנאָמישע טעטיקייט און דער וווקס פון אייגענע אינסטיטוציעס מאַניפעסטירט דעם ווילן צו בלייבן אין לאַנד. דער דאָזיקער ווילן צו בלייבן וועט פריער אָדער שפּעטער שטויסן פאָראויס, כדי צו געפינען לעבנס־פאָרמען פאַר דעם דאָזיקן ווילן.

Este libro se terminó
de imprimir el día 18
de febrero de 1952, en
los Talleres Gráficos
Julio Kaufman, calle
Corrientes Nº 1976,
Bs. Aires, República
Argentina

SIN FINES COMERCIALES